STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06423

FOLK UN LAND

Hannah Gantsevich Breslaw

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנה ברעסלאו

פאָלק און לאַנד

עונג שבת
פאָרטראַגען

אַרויסגעגעבן פון
אַ ספּעציעלען קאָמיטעט
דענווער, קאָלאָראַדאָ
תש"א — 1941



אלון בּכות

אַ גלעזערנע בוים אין דעם שרייב־צימער פון חנה ברעסלאו

חנה גאנצעוויטש־ברעסלאו
1902—1940

אינהאלט פערצייכעניש:

פאָרוואָרט . . . . מרדכי רודענסקי
די פרוי און איהר פלאץ אין דער געזעלשאַפט 13
מוטער רחל בעט פאַר איהרע קינדער 25
יוסף און זיינע ברידער 33
משה דער פאָטער פון די נביאים 43
ישעיה הנביא זוכט אַ שטעלע (אַ הומאָרעסקע) 55
ביי די טייכען פון בבל, און אין דעם צויבער־לאַנד אַראַביע 65
דער גאָלדענער פעריאָד אין שפּאַניע 77
ארץ ישראל 87
משה מאָנטעפיאָרע 101
דר. לעאָן פינסקער 109
טהעאָדאָר הערצל 115
אַ ביאָגראַפיע פון העריעטאַ סזאָלד 127
הדסה 135
אַן ענטפער די אידישע שונאים וועגען אונזער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל 143
די שטעלונג פון גרויס־בריטאַניע צום ארץ ישראל אויפבוי 151
אויפמערקזאַמקייט צום צוואַנציגסטען ציוניסטישען קאָנגרעס 155
וואָס די אידען וועלען קאָנען אויפטאָן מיט אַן אייגענער מלוכה אין א״י . . 159
הגלילה! 165
דער ארץ ישראל פּאַוויליאָן אויף דער וועלט אויסשטעלונג 1940—1939 . . 171
אונזער פאָלק אין דעם פּאַראַד פון נאַציאָנען 181
צוויי שפּראַכען אין גלות, איינס אין ארץ ישראל 185
אידען און די וועלט, אידען און אידיש 189
אין דעם איצטיגען מאָמענט 195
יזכור (צום יאָהרצייט) . . . . מנחם ברעסלאו

דיזע שריפטען, צוזאַמענגעשטעלט אין א בוך „פאָלק און לאַנד" זיינען געשריבען געוואָרען פון מיין ליבענדער פרוי חנה גאַנצעוויטש־ברעסלאו, נ"ע, אין משך פון אַ קורצער שטיקעל צייט, אין פאַרלויף פון הערבסט 1935 ביז'ן הערבסט 1938.

חנה ברעסלאו איז געבוירען געוואָרען אין לעכעוויטש, מינסקער גובערניע. זי האָט שטודירט אין מינסק, אין א פריוואַטער גימנאַזיע פאַר מיידלאַך; געהייראַט אין מאָזעסוויל, אַ קאָלאָניע פון באַראָן הירש אין אַרגענטינע; געשטאָרבען אין דער עלטער פון 38 יאָהר אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, איבערלאָזענדיג איהר מאַן, 2 קינדער: אריה לייב און יוסף ברעסלאו, און איין איינציגע שוועסטער שרה בן־נחום אין כפר סבא, ארץ ישראל.

איהר פרייע צייט איז געווען זעהר אַ באַגרעניצטע. זי פלעגט אָפּרייסען אַ פרייען מאָמענט פון איהרע פליכטען צום הויז און צו די קינדער, פון איהרע „הדסה" און „נאַציאָנאַל פאַנד" קאונסיל טעטיגקייטען, וועלכע זיינען איהר אימערצו געווען ליב און טייער, פאַר וועלכע זי האָט געאַרבייט מיט לייב און זעלע, אום אָפּצוגעבען זיך מיט דיזער ליטעראַרישער אַרבייט. איילענדיג, פלעגט זי נעמען די פען אין איהר האַנט און שרייבען דיזע פאָרטראַגען, וועלכע זי פלעגט דערנאָך פאָרלעזען ביי די „עונג שבת" פאַרזאַמלונגען פון „הדסה" אין מערב דענווער.

איך געדענק, מיט וואָס פאַר אַ טיפער ערנסטקייט זי האָט זיך איבערגעגעבען צו דיזער הייליגער אַרבייט. זי פלעגט זיין העכסט־בעגייסטערט, שרייבענדיג און פאָרלעזענדיג דיזע פאָרטראַגען. די שכינה פלעגט ממש רוהען אויף איהר שעהנעם געזיכט. עס איז ביי איהר געווען אַ עבודת הקדש, און זי האָט פיל נחת געשעפט פון איהר ליטעראַרישער טעטיגקייט, פונקט ווי איהרע פריינט וועלכע פלעגען בייוועזען איהרע פאָרלעזונגען האָבען געהאַט אַן אמת'ן עונג רוחני.

די שריפטען זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען לויט דעם כראָנאָלאָגישען אָרדער, אין וועלכען זיי זיינען געשריבען געוואָרען.

איך פיהל, אַז איך מוז דאָ אויסדריקען מיין טיפען דאַנק צו אונזער ליבעסווירדיגען רב, ר' יהודה ליב גינזבורג, וועלכער איז מיר פיל באַהילפיג געווען אין מאַכענדיג די נויטיגע אַראַנזשירונגען צו דרוקען דיזען בוך.

מיין טיפע אנערקענונג געהט אויך צו מיינע חשוב'ע און ליבע קאָלעגען: יוסף זאָלא, וועלכער האָט מיר געהאָלפען רעדאַגירען די שריפטען, און א. ב. כהן, וועלכער האָט זעהר פיל בייגעטראָגען אין פאַרפערטיגען דעם בוך צום דרוק.

איך שעץ זעהר טייער די טעטיגקייט פון דעם ספעציעלען קאָמיטעט, באַשטעהענדיג פון הארציגע איבערגעבענע פרויען פון „עונג שבת" און מענער, וועלכע האָבען זיך אזוי ווארים אָפגערופען אויף דעם געדאַנק צו פאַראייביגען דעם נאָמען פון זייער באַליבטער חברה חנה, ע"ה.

זאָל זייער מיה און ברייטהארציגקייט באַצאָהלט ווערען אין דער פולער מאָס, אין דער פאַרווירקליכונג פון אונזער אייביגען טרוים — דאָס פאָלק ישראל פריי אין ארץ ישראל.

מ. ברעסלאו

דענווער קאָלאָראדאָ.
ה'תש"א — 1940.

פאָרוואָרט

א צאַרטע ליבענדע אידישע פרוי איז געווען חנה׳לע. אין איהר געצעלט האָט זי שטיל און בעשיידען פאָרטגעזעצט צו שפינען די גאָלדענע פעדים פון אונזער גלאָררייכער געשיכטע.

חנה׳לע האָט אָפּגעריסען צייט פון איהר פאַמיליע, צו וועלכער זי איז געווען אַזוי איבערגעגעבען, און געווידמעט פאַר דעם הייליגען צוועק פון גאולת הארץ, דורך דעם קרן קימת, ווי אויך צו פאַרשעהנערען און ליבער מאַכען די אויפנאַמע פון „שבת המלכה" דורך די „עונג שבת" פאַרזאַמלונגען פון „הדסה" און „מזרחי" פרויען אָרגאַניזאַציעס. זי האָט אויך באַרייכערט די „עונג שבת" צוזאַמענקונפטען דורך איהרע שעהנע און טיפע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זי האָט פאָרבערייטעט פאַר די קרייזען. זי האָט אין דיזע אָפּהאַנדלונגען באַמיהט זיך נאָכצופאָלגען אונזער היסטאָרישער חנה, וועלכע האָט אין איהר תפלה געבעטען פאַר דער דערהויבונג פון דעם קרן פון אונזער גאולה. איך האָב געהאַט דעם זכות צו קענען חנה׳לען. איך האָב זיך מיט איהר געטראָפען אין דער ארבייט פאַר׳ן קרן קימת, און אויך געהאַט די געלעגענהייט צו בעאָבאַכטען איהר אין איהר היים, אין קרייז פון איהר ליבער פאַמיליע.

עס איז ווירקליך צום בעדויערען, דאָס דער געזאַנג פון איהר לעבען האָט זיך איבערגעריסען אין מיטען פון איהרע בליהענדע יאָהרען. ווען זי האָט געשריבען איהרע אָפּהאַנדלונגען, האָט זי קיינמאָל ניט געדענקט, אַז זיי וועלען פאַרשפּרייט ווערען אין אַ בוך פאָרם, אָבער איהר ליבענדער מאַן האָט מיט רעכט געפונען פאַר נויטיג צו פאַראייביגען איהר נאָמען דורך פּובליקירען דעם בוך אונטער דעם נאָמען פון „פאָלק און לאַנד", אַלס זכרון פאַר דער דאָזיגער ערהאַבענער פּערזענליכקייט.

די לעזער וועלען געפינען אין דעם בוך הארציגע ווערטער פון אַ ליכטיגער נשמה איבער די ליידען פונ׳ם אידישען פאָלק און זיין שטרעבונג אויסגעלייזט צו ווערען, ווי אויך וועגען דעם וויכטיגען פּלאַץ, וואָס די אידישע פרוי פאַרנעמט אין אונזער באַפרייאונגס באַוועגונג. עס איז פאַרשטענדליך, אַז אין די אָפּהאַנדלונגען ווידמעט חנה׳לע אַ פּראָמינענטען פּלאַץ צום קרן קימת און צו „הדסה", וועלכע זיינען געווען אַ טייל פון איהר לעבען.

איהרע אָפּהאַנדלונגען וועלען געווים געלייענט ווערען מיט אינטערעס, און וועלען אויך פאָרגעלייענט ווערען אויף „עונג שבת" פאַרזאַמלונגען איבער׳ן

לאנד, און דורך דעם וועט די נשמה פון חנה'לען לייכטען און ווירקען אויך נאָך איהר פריהצייטיגען טויט. דאָס איז אַן אמת'ע השארת הנפש, אין וועלכער מיר אַלע גלויבען. איהר נאָמען איז אויך פאַראייביגט געוואָרען אין ארץ ישראל אין דעם ספר הזהב פון קרן קימת, ווי אויך דורך בוימער, וועלכע זיינען גע־פלאַנצט געוואָרען אין איהר אַנדענקונג.

ווען די גליקליכע שעה וועט קומען, און דאָס אידישע פאָלק וועט אויפגע־ריכט ווערען אין זיין פרייער היים, וועט דער נאָמען פון חנה'לע ברעסלאַו דער־מאָנט ווערען מיט ליבע און אכטונג צווישען די, וואָס האָבען געווידמעט אַ טייל פון זייער לעבען פאַר דער אויפריכטונג און אויסלייזונג פון ארץ ישראל.

„תהי נשמתה צרורה בצרור החיים!"

מרדכי רודענסקי

פֿאָלק און לאַנד

די פרוי און איהר פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט

איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען, וועלכע האָבען באַשעפטיגט פילע מוחות אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהרהונדערט, איז די פראַגע וועגען דער שטעלונג, וואָס די פרוי דאַרף פאַרנעמען אַלס מיטגליד פון דער געזעלשאַפט. מען האָט זעהר פיל וועגען דעם גערעדט און געשריבען. די אויסגעשפּראָכענע מיינונגען זיינען אַזוי צאָהלרייך און פאַרשיידען, ווי די צאָהל פון די מענשען, וואָס האָבען זיך באַשעפטיגט מיט דער פראַגע. איין זאַך איז אָבער זיכער: אום צו האָבען אַ פאָלקאָמענע מיינונג וועגען דעם פּלאַץ, וואָס די פרוי דאַרף פאַרנעמען אין דער געזעלשאַפט, מוז מען צו ערשט זיך באַקאַנען מיט דער לאַגע פון דער פרוי אין די ווילדע צייטען, שפּעטער אין די אַלטע פּאַטריאַרכאַלישע צייטען, און נאָכהער אין דער מאָדערנער צייט.

לאָמיר אַ בליק טאָן צוריק אין די גאָר אַלטע צייטען, צו די ווילדע פעלקער, וואו פיזישע קראַפט איז העכער ווי יעדע אַנדערע אייגענשאַפט. דאָרט ווערט די פרוי באַטראַכט פאַר אַ נידעריגערע באַשעפעניש פון דעם מאַן, ווייל זי איז פיזיש פיל שוואַכער פון איהם. זי ווערט דאָרט פאַררעכענט ממש אַלס אַ חפץ, וואָס מען קאָן קויפען און פאַרקויפען, אויסנוצען און אוועקוואַרפען. און פאַרקערט, ביי יענע פעלקער, וואו די פרוי צייכענט זיך אויס מיט מוטהיגער שטאַרקייט און זעלבסטשטענדיגקייט, דאָרט האָבען די מענער גרויס רעספּעקט פאַר איהר. דעם זעלבען צושטאַנד פון דער אַמאָליגער פאַרשקלאַפטער פרוי קאָן מען געפינען אפילו היינט צו טאָג אין די מזרח לענדער, וואו די פרוי ווערט ערצויגען צו זיין נאָר אַ שפּילצייג פאַר׳ן מאַן, אָהן קיינע רעכט און פרייהייט. אָבער אין יענע לענדער פון היינטיגער צייט, וואו די פרוי אַרבייט אַליין, לעבט אומאָפּהענגיג פון מאַן, און שטיצט נאָך איהר אייגענע פאַמיליע, ווערט זי טאַקע דאָרט געשעצט און געאַכטעט, און האָט נאָך דערצו פילע געזעלשאַפטליכע רעכט, פון וועלכע איהר האַרעם שוועסטער פון געוויסע אָריענטאַלישע לענדער האָט גאָר קיין בעגריף ניט. עס איז אויך וויכטיג צו בעטאָנען דעם גרויסען איינפלוס וואָס פאַרשיידענע פאָרמען פון הייראַט האָבען אויף דער געזעלשאַפטליכער לאַגע פון דער פרוי.

פּ אָ ל י ג אַ מ י ע

פּאָליגאַמיע, וואָס עס מיינט, אַז איין מאַן האָט פילע ווייבער אין דער

זעלבער צייט, איז קיינמאָל ניט געווען גינסטיג פאַר דער פרוי, ווייל אונטער פּאָליגאַמיסטישע אומשטענדען, ווערען דאָך אַלע פרויען און זייערע קינדער אָפּהענגיג פון איין שפּייזער און פאַרזאָרגער. און עס פּאַסירט אַמאָל, דאָס דער פּאָליגאַמיסט קאָן ניט קריגען גענוג שפּייז פאַר אַלעמען, פאַלען זיי דאָך איהם צו לאַסט און ווערען איהם שטאַרק איבערדריסיג. אַזאַ לאַגע פערשקלאַפּט דאָן דער פרוי אומערטרעגליך. דעריבער האָט פּאָליגאַמיע אין טערקיי אַזוי צו־ריקגעהאַלטען די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג פון דער פרוי, ביז קעמאַל פּאַשאַ האָט דאָרט איבערגענומען די מאַכט נאָך דער וועלט מלחמה, און גלייך עמאַנסיפּירט די טערקישע פרוי.

פּאָליאַנדריע

א צווייטע פאָרמע פון הייראַט הייסט פּאָליאַנדריע, דאָס מיינט, איין פרוי האָט פילע מענער און געוועלטיגט איבער זיי. עס איז אַמאָל געווען אַ באַרימטער פעריאָד פון „מאַטריאַרכאַט" (מוטער־רעכט), אין די גלאָררייכע צייטען פון דער פרוי'ס סאָציאַלער לאַגע אין גריכענלאַנד. די פרויען האָבען דאַן אַרויסגערופען צו זיך גרויס אַכטונג מיט זייער דרייסטקייט און שטאָלץ. דאָך איז אַפילו אויך דיזע פאָרמע פון הייראַט ניט געווען צו גינסטיג פאַר דער פרוי.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די לאַגע פון דער פרוי איז זעהר פיל אָפּהענגיג אָן דעם, ווי אַזוי זי פאַרבינדעט זיך מיט איהר מאַן. אויב דער ווילדער מאַן גנב'עט אָדער רויבט אַוועק פאַר זיך אַ ווייב, טוט ער דאָך דאָס ניט אויס ראָמאַנטישער ליבע צו דער פרוי, נאָר צוליב אייגענע נוצען. איז דעריבער נאַטירליך צו ערוואַרטען, אַז אַזאַ פרוי קאָן זיכער קיין האָניג ניט לעקען אין איהר מאַן'ס הויז.

א צווייטע פאָרמע פון פאַרבינדונג צווישען מאַן און פרוי איז, ווען זי ווערט געקויפט ביי איהר מאַן. איהר ווערט איז דאַן אָפּגעשאַצט ביים מאַן, לויט דער סומע, וואָס ער באַצאָהלט פאַר איהר. ער קאָן איהר צוריק פאַרקויפען, אָדער אַוועקשיקען גאָר אין גאַנצען, אויב ער האָט געוואָרפען אַן אומ'חן אויף איהר. איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די סאָציאַלע פּאָזיציע פון דער פרוי דאַן, איז ווייט ניט קיין אידעאַלע. דאָרט, וואו די פרוי פלעגט ברענגען מיט זיך אַן אייגע־נעם קאַפּיטאַל — איהר נדן, האָט זי שוין געהאַט געוויסע רעכטע, און איז דע־ריבער ניט געווען צו שטאַרק אונטערטעניג צום מאַן.

פאַרקערט אָבער, דאָרט וואו די מענער שדכ'ענען זיך צו פרויען און באַ־מיהען זיך זיי צו קריגען מיט זייער גוטען ווילען, איז די לאַגע פון דער פרוי באַדייטענד בעסער.

דער ווילדער מענש גלויבט אַז די פרוי איז אַ נידעריגערע באַשעפעניש פון איהם. דעריבער מעג ער איהר בעהאַנדלען ווי אַ שקלאַפין. ביי איינינגע ווילדע שבטים, מוזען די פרויען טאָן אַלע שווערע ארבייט: בויען די געצעל־טען אין וועלכע זיי וואוינען, שלעפּען שווערע משאות, שטעהן ביז'ן האַלז אין וואַסער און כאַפּען שעל־פיש און אויסטערס, אויב זיי וואוינען לעבען ים. דאָרט, וואו ערד ארבייט איז שוין אַ ביסעל ענטוויקעלט, אַקערען זיי די פעל־דער, שניידען די תבואה, אַ חוץ קאָכען, שפּינען, און וועבען. אין דער צייט, ווען זייערע מענער זיצען אין גאַס און דערציילען מעשיות זייערע שכנים, אָדער פיהרען מלחמות מיט די נאָהענטע שבטים, טוט די פרוי די שווערסטע ארבייט אין און ארום הויז, און ווערט נאָך דערצו באַטראַכט ביים מאַן אַלס זיין פולשטענדיגע שפחה. דיזע מדרגה פון דער פרוי איז די ערגסטע, די שווערס־טע אין איהר אַנטוויקלונג.

פּ אַ ט ר י אַ ר כ אַ ט

איצט לאָמיר וואַרפען אַ בליק צום אָריענט, וועלכער איז אַזוי רייך אין מענשליכער געשיכטע. דאָרט איז דאָך די וויגעלע פון דער מענשהייט, דער אורקוואַל פון דער אידישער היסטאָריע.

מיט אַ פיער טויזענד יאָהר צוריק, האָבען אין אַזיע, אין יענע לענדער וועלכע ליגען ביים מיטעללענדישען ים, געוועלטיגט פעלקער, וואָס לויט זייער אָפּשטאַמונג און שפּראַך, האָבען זיי געהערט צו דער סעמיטישער ראַסע. די סעמיטישע שבטים האָבען שפּעטער אריבערגעוואַנדערט אין דער שכנ'ישער לאַנד מעסאַפּאָטאַמיע, וואָס לויט אור־אַלטע לעגענדעס ווערט זי פאַררעכענט, אַלס די וויגעלע פון דער מענשהייט. דאָרטען זיינען געבוירען געוואָרען די ערשטע גרויסע קעניגרייכען פון מזרח: בבל און אשור. דאָרטען האָבען זיך די סעמיטען אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז מיט דער צייט האָט אַ גרויסער טייל פון די איינוואוי־נער פון לאַנד זיך מיט זיי אין גאַנצען אויסגעמישט, און די סעמיטישע שפּראַך איז געוואָרען די שפּראַך פון די אַסירער און באַבילאָניער. פון מע־סאָפּאָטאַמיע האָבען די סעמיטישע שבטים אַריינגעדרונגען אין פילע טייי־לען פון לאַנד כנען. זיי האָבען זיך גערופען „עברים", צוליעב דעם וואָס זיי זייי־גען געקומען „מעבר הנהר", פון יענער זייט טייך פרת. בראש פון די עברים איז געשטאַנען דער עלטסטער פון דער משפחה, אברהם. אברהם ווערט פאַר־רעכענט פאַר דעם ערשטען פּאַטריאַרך, דער פאָטער פון דעם אידישען פאָלק. ער איז געווען דער ערשטער צו באַגרייפען, אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט אין הימעל און אויף דער ערד, וועלכער האָט באַשאַפען די גאַנצע וועלט, און דערי־בער דאַרף מען נאָר איהם אַליין דינען.

די ערשטע אידישע מוטער איז געווען שרה, די פרוי פון אברהם'ען. פון חומש איז אונז בעקאנט, אז אברהם האט זעהר ליב געהאט זיין פרוי און איהר שטארק רעספעקטירט. שרה האט געבוירען א זוהן יצחק, אין איהר הויכער עלטער. זי האט זיך זעהר אפגעגעבען מיט דער ערציהונג פון איהר זוהן. הגר איז געווען די צווייטע פרוי, וועלכע אברהם האט געהייראט. אויך זי האט גע־האט א זוהן ישמעאל, וועלכער איז געווען לויט זיין כאראקטער און מאניערען דער גאנצער געגענזאץ פון יצחק'ן. שרה האט איינגעזעהן, אז יצחק וועט זיך אפלער־נען שלעכטע זיטען פון זיין שטיף ברודער, וואס וועלען האבען א שלעכטע ווירקונג אויף זיין צוקונפט. האט זי דעריבער געפאדערט פון אברהם'ען, אז ער זאל אוועקשיקען הגר'ן מיט איהר זוהן. שווער איז געווען פאר אברהם'ען דאס צו טאן, אבער שרה'ס בקשה איז ביי איהם געווען זעהר הייליג, און ער האט ערפילט איהר פערלאנג. אפילו פון דיזען פאקט אליין, זעהען מיר, אז די פרוי האט שוין געהאט איהרע פאמיליענרעכטע ביי אידען אין יענער אור־אלטער צייט. דער זוהן איז איהר אייגענטום, גראדע אזוי ווי איהר מאנ'ס, און זי זארגט פאר זיין ערציהונג, פונקט אזוי ווי א קלוגע מאדערנע מוטער טוט עס היינט. זי פאדערט רעכט ביי איהר מאן, און פיהרט טאקע אוים. דער פאר־לאנג צו באזייטיגען ישמעאל'ן ווערט ערפילט דורך דעם מאן.

די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער אידישער פרוי

די היסטאריע געהט זיך ווייטער אן. צוליעב דעם גרויסען הונגער, וואס איז שפעטער פארגעקומען אין כנען, האבען די עברים אריינגעוואנדערט אין מצרים. דארט איז דאן געווען ברויט בשפע. דער העברעאישער שבט האט זיך צעוואקסען אין יענעם לאנד, און געווארען זעהר מעכטיג. אין יענער צייט איז געווען א קעניג אין מצרים, וועלכער האט זיך בעצויגען צו די עברים מיט פערדאכט „פן ירבו"... ער האט געזעהן, ווי דאס אידישע פאלק וואקסט און ווערט שטארק, און האט זיך דערשראקען, טאמער וועלען זיי איהם שפעטער נאך באקעמפען. האט דעריבער פרעה ארויסגעגעבען א באפעהל, אז מען זאל אלע ניי־געבוירענע אידישע אינגלאך אריינווארפען אין טייך נילוס. דיזער באפעהל האט געשטעלט דאס אידישע פאלק אין מצרים אין גרויס סכנה.

אין יענער צייט, איז ביי א מוטער יוכבד פון דעם שבט לוי געבוירען גע־ווארען א זוהן. צו ערשט האט די מוטער אויסגעבאהאלטען דאס קינד גאנצע דריי מאנאטען. ניט קאנענדיג אויסבאהאלטען איהם מעהרער, האט זי דאן דאס קינד אריינגעלייגט אין א קליין קעסטעלע און איבערגעלאזט עס ביים ברעג פון טייך. זיין שוועסטער מרים האט איהם געהיט פון דערווייטענס. פלוצ־

לונג האָט פרעה׳ס טאָכטער דערזעהן די קעסטעלע מיט׳ן קינד אינעווייניג, ווען זי איז געקומען צום טייך באָדען זיך, און האָט גרויס רחמנות געקראָגען אויף דאָס ליבליכע קינד. זי האָט עס געבראַכט אהיים. ער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין איהר פּאַלאַץ. מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען משה, ווייל מען האָט איהם פון וואַסער אַרויסגעצויגען. גאָט׳ס האַנד איז געווען אין דעם, אַז דער זעלבער פרעה, וועלכער האָט פאַרשקלאַפט דאָס אידישע פאָלק אין מצרים, מיט דער בייזער אַבזיכט עס צו פאַרניכטען, האָט אַליין אין זיין אייגען הויז, ערצויגען דעם אידישען העלד, וועלכער האָט שפּעטער באַפרייט די אידען פון זייער קנעכטשאַפט.

אין דיזער היסטאָרישער ערשיינונג האָט אַ גרויסען אַנטייל גענומען משה׳ס שוועסטער מרים. ווען דער קליינער משה׳לע איז געשוואומען אויף דעם טייך אין זיין קעסטעלע, און איז געווען אין גרויס סכנה איינגעשלונ־גען צו ווערען פון קראָקאָדילען, איז מרים געשטאַנען פון דערווייטענס און געהיט איהם פון שלעכטס. זי האָט אויך אומדירעקט מיטגעהאָלפען, אַז משה זאָל אַריינפאַלען אין גוטע הענט, רעקאָמענדירענדיג צו פרעה׳ס טאָכטער זיין אייגענע מוטער יוכבד פאַר אַן אַם.

און ווען משה מיט זיין ברודער אהרן פיהרען דורך די הייליגע מיסיע פון באַפרייען דאָס אידישע פאָלק פון קנעכטשאַפט, ערשט דאַן זעהט מען, ווי מרים נעמט אין דעם ענין גאָר אַ גרויסען גייסטיגען אַנטייל. די אידען זיינען נאָכ־דעם אַריבער דעם ים סוף, און די מצריים האָבען זיי נאָכגעיאָגט. האָט דאַן פּאַסירט אַ נס, און דאָס גאַנצע עגיפּטישע חייל מיט זייערע רייט־וועגען און פערד זיינען דערטרונקען געוואָרען אין מיטען ים. די פריידע ביי די אידען איז געווען זעהר גרויס, וואָס זיי זיינען אין גאַנצען פּטור געוואָרען פון זייער שונא. איז ווען משה און די אידען זינגען שירה צו גאָט אויף דעם צווייטען ברעג פון ים סוף, וואָס זשע טוט דאַן מרים? זי נעמט אַ פּויק אין האַנט און זינגט מיט די אידישע פרויען איהר אייגענע שירה — אַ לויב געזאַנג צו גאָט. די פרויען פאָלגען איהר נאָך מיט פּויקען אין די הענט, זינגען און טאַנצען, און ווערען באַגייסטערט פאַר גאָט. דאָ זעהען מיר, ווי די אידישע פרוי נעהמט אַ גלייכען אַנטייל מיט דעם מאַן אין יציאת מצרים.

די בעפרייאונג פון קנעכטשאַפט האָט אַזוי שטאַרק דערהויבען דעם גייסט פון די אידען, אַז זיי זיינען פון ים סוף גלייך אַוועק צום באַרג סיני, מקבל זיין די תורה. דאָס בעפרייטע אידישע פאָלק האָט געפיהלט אַ באַדערפעניש צו פעראייניגען אַלע זיינע בעזונדערע טיילען אין איין פעראייניגטער געזעלשאַפט, וועלכע זאָל זיך פיהרען לויט בעשטימטע געזעצען פון דער תורה, וואָס משה האָט זיי געגעבען. פול מיט האָפענונגען און ליכטיגע שטרעבונגען, איז דאָס

פאָלק נאָכגעגאַנגען זיין גרויסען פיהרער. די נייע אַטמאָספערע, אין וועלכער זיי זיינען פּלוצים אריינגעטראָטען, האָט געמוזט האָבען א שטאַרקע גייסטיגע ווירקונג אויף די אידען, וואָס זיינען דאָ ניט לאַנג צוריק געווען שקלאַפען אין מצרים.

נאָך די פרוכטבארע ברעגען פון דעם טייך נילוס, געפינען זיי זיך מיט אַמאָל אין א מדבר, א טרוקענער וויסטעניש, וואו נאַקעטע פעלזען, ווי גרויזאַמע ריזען, ציהען זיך צו די הימלען, און זייערע שפּיצען שפּאַרען אָן די וואָלקענס. דאָ פאַנגען זיי אָן מיט אַמאָל צו פיהלען, אז דער גרעניץ צווישען הימעל און ערד, צווישען לעבען און טויט פאַרשווינדעט. דער גייסט פון דעם באַשעפער פון דער וועלט הויבט אָן צו שוועבען ממש פאַר די אויגען. אויב ערשט ניט לאַנג אין מצרים האָט דאָס אידישע פאָלק געפיהלט בלויז דעם שווערען דרוק פון מענשען, האָט עס איצט אין דעם ברייטען איינזאַמען מדבר פּלוצלונג דערשפּירט אָן אַנדערע העכערע מאַכט, די מאַכט פון אָן איין איינציגען און אייביגען גאָט. צופוסענס פון דעם באַרג סיני דערהערט דאָס פאָלק דורך דונערען און בליצען יענע אומשטערבליכע געטליכע געבאָטען, וועלכע זיינען געוואָרען דער יסוד פון יודענטום. דער מתן תורה איז דעריבער דער איבערגאַנגס פעריאָד פון שקלאַפעריי צו א באַשטימטער אידישער רעליגיע, און צו א ציוויליזירטער גוט אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט.

לאָמיר איצט זיך צוקוקען, וואָס פאַר א העלדישע ראָלע די אידישע פרוי שפּילט שפּעטער אין דעם נייעם בעפרייטען לעבען פון דעם אידישען פאָלק. נאָכדעם, ווי די אידען האָבען איינגענומען דאָס לאַנד כנען און זיך דאָרט באַזעצט, זיינען זיי נאָך אַלץ געווען צוטיילט אין שבטים. דעריבער איז זייער מאַכט געווען קליין און שוואַך. די אַרומיגע פעלקער האָבען טאַקע אויסגענוצט די צוברעקעלטקייט פון דעם אידישען פאָלק, און זיי בעפאַלען זיי אָפט אומערוואַרטעטערהייט, צעשטערענדיג זייער רוה און פערניכטענדיג זייער האָב און גוטס. די אידישע לאַגע איז דאַן געוואָרען זעהר טרויעריג. פולשטענדיגע פאַרצווייפלונג האָט געהערשט צווישען אַלע שבטים. איז ווער ראַטעוועט דאַן דאָס אידישע פאָלק? דוקא א פרוי, דבורה הנביאה.

דבורה איז געווען א העכסט באַגייסטערטע פרוי, וואָס האָט גערעדט צום פאָלק אין נאָמען פון גאָט. צו איהר פלעגט מען קומען נאָך עצות און נאָך משפּט. זי פלעגט זיצען אונטער א פּאַלמען בוים און משפּט'ען דאָס פאָלק. ווען זי האָט זיך דערוואוסט פון די ליידען, וואָס די פערשיידענע שבטים שטעהען אויס פון סיסרא'ן, דעם פעלד מאַרשאַל פון דעם קעניג פון חצור אין צפון פון כנען, האָט זי אָנגעפאַנגען צו וועקען דאָס פאָלק צו א פאַראייניגטען קאַמף מיט די אונטערדריקער. זי האָט גלייך גערופען דעם קריגס פיהרער

ברק פון שבט נפתלי, און האָט איהם געהייסען, ער זאָל זיך שטעלען בראש פון דעם אידישען חייל און געהן מלחמה האַלטען מיט סיסרא׳ן. וואָס זעהען מיר דערפון? דבורה איז ניט נאָר א שופטת און א נביאה, נאָר אויך א גרויסע העלדישע פערזענליכקייט אויף דעם שלאַכט־פעלד. זי איז דער קוואַל פון אינס־פיראַציע, וואָס האָט אויפגעהויבען דעם גייסט פון די אידישע שבטים. ווי א העלדישער גענעראַל, שטעהט זי אין פראָנט פון דעם אידישען לאַגער. ברק, זייענדיג שטאַרק פאַרצווייפעלט, ווייל אַליין אין שלאַכט ניט געהן. ער בעט זיך ביי דבורה׳ן אַנוועזענד צו זיין אויף׳ן שלאַכט פעלד, כדי צו דערהויבען דעם נידערגעשלאָגענעם גייסט פון די אידישע סאָלדאַטען. דבורה ענטפערט אָבער: „גוט, איך וועל געהן מיט דיר, אָבער זאָלסט וויסען, אז דאָס וועט דיין כבוד פיל פאַרקלענערען, ווייל מען וועט זאָגען: א פרוי האָט געוואונען דעם זיג אין דער מלחמה״. ברק האָט צוזאַמענגענומען א חייל פון צעהן טויזענד מאַן, און איז אוועק צום באַרג תבור. ווען סיסרא האָט דערהערט, אז די אידען האָבען זיך פאַראייניגט און באַוואָפענט, האָט ער צוזאַמענגענומען זיין גאַנצען חייל, און זיך געוואָרפען אין שלאַכט אַריין. דאָ איז פאָרגעקומען אַן אַנטשיי־דענע שלאַכט. דער אידישער שונא איז אין גאַנצען צעשלאָגען געוואָרען. סיסרא איז אַנטלאָפען צופוס פון פעלד, און האָט זיך באַהאַלטען אין יעל׳ס געצעלט. דאָרט האָט ער געהאַט ערשט די ריכטיגע מפּלה. זי האָט איהם אָנ־געטרונקען מיט מילך, איינגערעדט זיך לייגען שלאָפען, כדי אָפצורוהען זיך אביסעל, און ווען ער איז טיף איינגעשלאָפען, האָט זי איהם דער׳הרג׳עט. ווידער א העלדישקייט פון א פרוי! די אידישע שבטים פון צפון זיינען דאַן דורך די צוויי העלדישע פרויען באַפרייט געוואָרען פון א שווערען יאָך. די „שירת דבורה״, וועלכע געפינט זיך אין שופטים, איז דעריבער די גרעסטע באַ־שטעטיגונג פון דער העלדישקייט פון דער אידישער פרוי. די ליסט פון אידישע העלדינעס איז נאָך ווייט ניט געענדיגט. חולדה, באַוואוסט פאַר איהר גרויסען אינטערעס אין אינערליכען לעבען פון דעם אידישען פאָלק, האָט אויך פאַר־דינט צו טראָגען מיט שטאָלץ דעם הויכען טיטול: חולדה הנביאה.

שפּעטער זעהען מיר די גרויסקייט פון א אידישער פרוי, וועלכע דערגרייכט צו זיין א קעניגין אין פערזיען — אסתר המלכה. זי נוצט אויס איהר מאַכט און חן ביי דעם קעניג אחשורוש, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען א באַפעהל אויס־צו׳הרג׳ענען אַלע אידען אין זיין לאַנד, צוליב דעם ווילדען קאַפּריז פון המן הרשע. אסתר ווירקט אויף אחשורוש׳ן צו פאַרמיידען אזא קאַטאַסטראָפע. דאָס אידישע פאָלק ווערט דורך איהר ניצול פון זיכערען אונטערגאַנג, און דער רשע המן ווערט אויפגעהאַנגען אויף דעם זעלבען בוים, וואָס ער האָט אָנגע־גרייט פאַר מרדכי׳ן. עס איז ניט קיין וואונדער דען, וואָס די אידישע פרוי ווערט ביים אידישען פאָלק שטאַרק געאַכטעט, זי האָט עס כשר פאַרדינט.

אויך איז די סאָציאַלע לאַגע פון דער אידישער פרוי אפילו אין דעם פּאַטריאַרכאַלען פּעריאָד געשטאַנען פיל העכער פון אַנדערע פרויען אין יענער צייט. דאָ געפינען מיר אין דער פרוי ניט נאָר בלויז אַ געטרייע ווייב און אַ איבערגעגעבענע מוטער. ניין, זי נעמט אויך אָן אַנטייל אין דעם פּאָליטישען לעבען פון איהר נאַציאָן, צו גלייך מיט'ן מאַן. זי באַטייליגט זיך אַקטיוו אויך אין די מצוות, וואָס תורת משה האָט געגעבען די אידען.

עס איז זעהר וויכטיג זיך אָפּצושטעלען אַ ווײַלע און זעהן, וואָס די תורה לערנט אונז וועגען דעם בכבוד'יגען פּלאַץ, וואָס די פרוי דאַרף פאַרנעהמען אין דעם טאָג־טעגליכען לעבען. גאָר פון סאַמע אָנפאַנג, זאָגט דער חומש, אַז פרוי און מאַן זיינען ביידע באַשאַפען געוואָרען אין דער געשטאַלט פון גאָט, בצלם אלקים. אפילו די ווערטער אין העברעאיש: „איש ואשה", וואָס עס מיינט: „מאַן און פרוי", שטאַמען פון דעם זעלבען מקור.

אין יענער צייט, ווען די אַרומיגע פעלקער האָבען באַטראַכט די פרוי פאַר אַ נידעריגערע באַשעפעניש, און געמאַכט איהר פיהלען, אַז זי איז אין גאַנצען אָפּהענגיג אָן איהר בעל הבית, דעם מאַן, צונעמענדיג פון איהר די רעכט איבער איהרע אייגענע קינדער, איז די אידישע פרוי פאַררעכענט געוואָרען פאַר אַן „עוזר כנגדו", אַ גלייכען חבר אין לעבען, צום מאַן. ווען אַ קינד איז געבוירען געוואָרען, פלעגט די זעלבע מאָס ליבע און אַכטונג ארויסגעוויזען ווערען צום ניי־געבוירענעם קינד אָהן אונטערשייד פון געשלעכט. די תורה זאָגט אונז אָן בפירוש: „כבד את אביך ואת אמך". קינדער דאַרפען ערצויגען ווערען מיט'ן געדאַנק צו רעספּעקטירען די מוטער גלייך מיט דעם פאָטער.

ווי אָנגענעהם עס קלינגט אויך דער אינהאַלט פון דער כתובה: „דו ביזט מיין פרוי כדת משה וישראל; איך וועל דיר רעספּעקטירען, ארבייטען פאַר דיר און פאַרזאָרגען דיר מיט אַלע מעגליכע באַקוועמליכקייטען". לויט דער תורה, מוז דער מאַן פאַרזאָרגען זיין פרוי, היטען איהר אייגענטום, און איבערלאָזען זיין פאַרמעגען נאָכ'ן טויט צו איהרע קינדער. אַזאַ געזעץ אַליין איבערצייגט אונז וואָס פאַר אַ גינסטיגען פּלאַץ די פרוי פאַרנעהמט אין אידישען לעבען. שעהן איז דער געדאַנק אין חומש ניט ווי צו טאָן דער אלמנה, ווייל איהר געוויין הערט גאָט און ער וועט געווים באַשטראָפען דעם שולדיגען.

די שעהנקייט פון דעם אידישען לעבען דריקט זיך אויס ספּעציעל אין „טהרת המשפחה", אין דער ריינקייט פון דעם פאַמיליען־לעבען. דער גרעסטער טייל פון דיזער פאַראַנטוואָרטליכקייט ליגט טאַקע אויף דער פרוי, ווייב און מוטער. דער תלמוד זאָגט: „ביתו זו אשתו" — „זיין הויז איז זיין פרוי". די פרוי האָט אימער געהאַט די אויפגאַבע צו האַלטען אין אָרדענונג די הויז, און זאָרגען פאַר דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון די קינדער. ערציהען

קינדער אין דעם ריכטיגען וועג איז אימער געווען דער מוטער'ס פליכט. פרוי־ען האבען תמיד ארויסגעוויזען גרויס אינטערעס אין בילדונג, אפשר טאקע צוליב דעם אליין, וואס זיי זיינען גראדע ניט אויפגעפאדערט געווארען צו לערנען.

חנה, שמואל הנביא'ס מוטער, ווען זי בעט ביי גאט א זוהן, האט זי גלייך אין זינען אזא זוהן, וואס זאל זיין לעבען ווידמען צו גאט און צו זיין הייליגער תורה. ווען איהר בקשה ווערט ערפילט, און זי ווערט שפעטער געבענשט מיט א זוהן, איז, ניט קוקענדיג אויף איהר שטארקער ליבע צו איהם, גיט זי איהם באלד אוועק צום משכן אין שילה, כדי ער זאל דארטען ערצויגען ווערען אין דעם אידישען גייסט פון יענער צייט. און ווי גליקליך פיהלט זיך חנה, און ווי שטאלץ מיט איהר זוהן, ווען ער וואקסט אויס צו זיין דער גרויסער אי־דישער פיהרער, שמואל הנביא, ווייל ניט איין מאל האט די איבערגעגעבענע אידישע מוטער פארגאסען ביטערע טרערען, אין איהר בענקשאפט נאך איהר ליבען איינזאמען קינד.

איצט לאמיר זיך באקאנען מיט נאך א ביישפיל פון א גרויסער אידישער פרוי, וועלכע האט געלעבט פילע יאהרען שפעטער. דאס איז רחל, די טאכטער פון דעם רייכען „כלבא שבוע". זי האט געפונען אין עקיבא'ן, דעם פאסטוך פון איהר פאטער'ס שאף, דעם קוואל פון ליכט, וועלכער וועט זיין א שטאלץ פאר'ן גאנצען אידישען פאלק. האט זי איהם דעריבער געשיקט זיך לערנען אין דער ישיבה פון לוד און געשטיצט איהם מיט אלעם מעגליכעם. ווען איהר פא־טער האט זיך דערוואוסט פון איהר ליבע צו עקיבא'ן, האט ער איהר פארשטוי־סען פון הויז, און איהר אפגעזאגט פון זיין אייגענטום. רחל'ס איבערגעבענהייט צו איהר מאן ווערט אבער ניט געמינערט פון איהר פאטער'ס פארפאלגונגען. פארקעהרט, נאך מיט מעהר אפפערוויליגקייט, שטרעבט זי צו זעהן אין עקיבא'ן א געלערנטען מענשען. זי לעבט א באשיידענעם ארימען לעבען, וואשט וועש און שיקט דאס פארדינסט צו איהר מאן. זי האט אפילו איהרע האר אפגעשא־רען און עס פארקויפט, און דאס געלט צו איהם אוועקגעשיקט. אלע שווע־ריגקייטען און דערנידערונגען האט זי איבערגעטראגען לייכט. מיט מוט און האפענונג האט זי געדולדיג געלעבט און געווארט. און ווי גרויס איז געווען דאס גליק פון רחל'ן, ווען עקיבא קעהרט זיך אום צוריק, מיט דעם טיטול „רבי" און מיט פיער און צוואנציג טויזענד תלמידים.

די אידישע פרוי מיט איהר אמביציע, קוראזש און געטרייהייט צום מאן האט געבראכט דערצו, אז דאס אידישע פאלק זאל שטעהן אויף א פיל העכ־ערער קולטורעלער מדרגה, ווי די איבעריגע פעלקער פון גאר דער וועלט. און דאס האט אויך ממילא גורם געווען פאר איהר זעלבסט, אז אלע פליכטען,

וועלכע דער גייסטיגער לעבען האָט אַרויפגעלייגט אויף איהר, האָבען איהר אַוועקגעשטעלט אויף אַ מעהר געזינטערען און גייסטיגערען באָדען.

די מאָדערנע פרוי

איצט וועלען מיר קומען נאָהענטער צו אונזער צייט. אין דעם נייני־צעהנטען און צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערטער זעהען מיר די לאַגע פון דער אַל־געמיינער פרוי זעהר פיל געענדערט, אין איינינע הינזיכטען פיל מעהר פאַר־בעסערט. די שטרעבונג נאָך גלייכע מענשליכע רעכט — עמאַנסיפּאַציע, ווערט ביסלעכווייז איהר קולט. דער ערשטער און וויכטיגסטער פאַקטאָר דערצו איז בילדונג. ווען ליכט דרינגט אריין מעהר און מעהר אין די מוחות פון מענשען, הערט מען דאָן ביסלעכווייז אויף צו קוקען אויף דער פרוי בלויז ווי אויף אַ מיטעל צו פאַרגרעסערען די פאַמיליע. די פרוי אַליין הויבט אָן אויס־צובילדען זיך און באַפרייען זיך פון די שווערע קייטען, וואָס דאָס ווילדע אַל־טערטום האָט אויף איהר אַרויפגעלייגט. אַ דאַנק איהר אומערשעפּליכען קוואַל פון געדולד, ענערגיע און פעהיגקייט, דערגרייכט דאָן די פרוי צו דער שטופע, צו וועלכער זי האָט אַזוי לאַנג געשטרעבט. דורך בילדונג עררייכט די פרוי אַ קאָלאָסאַלען פאָרטשריט.

דריי הויפּט אַרגומענטען וואָס די מענער־וועלט פלעגט ברענגען געגען פרויען בילדונג, זיינען געווען די פאָלגענדע: (1) דער מוח פון דער פרוי קאָן ניט אויפנעהמען קיין העכערע בילדונג; (2) העכערע בילדונג פאַסט זיך ניט פאַר פרויען, עס וועט זיי מאַכען „מענעריש", און זיי וועלען ניט טויגען פאַר די ספּעציעלע אויפגאַבען, פאַר וועלכע די נאַטור האָט זיי באַשאַפען; (3) בילדונג איז פאַר זיי אַן איבעריגע זאַך גאָר אין גאַנצען. אָבער די עפענטליכע מיינונג האָט זיך ביסלעכווייז געענדערט צום גונסטען פון דער פרוי. די פאַרשטענדיגע מענער און פרויען האָבען ענדליך איינגעזעהן, אַז דיזע פאַלשע אַרגומענטען האָבען קיין שום גרונד ניט.

היינט צו טאָג זיינען אַלע גרויסע קאָלידזשעס און אוניווערזיטעטען אָפען פאַר פרויען גלייך ווי פאַר מענער. אַ גרויסער פאָרטשריט איז אויך געמאַכט געוואָרען אין דער הינזיכט פון צולאָזען פרויען צו אַלערליי באַשעפטיגונגען און פּראָפעסיעס. אָנשטאָט דעם, וואָס אין דעם יאָהר 1840 זיינען אין די פאַראייי־ניגטע שטאַטען געווען אָפען נאָר איינצעלנע פּראָפעסיעס פאַר פרויען, געפי־נען מיר אין דעם יאָהר 1939, אַז פרויען באַטייליגען זיך כמעט אין אַלע פּראָ־פעסיעס. מיר געפינען אויך, אַז זיי טוען אַזעלכע שווערע מלאכות, וואָס אַמאָ־ליגע צייטען וואָלט מען בשום אופן ניט געגלויבט, אַז פרויען זאָלען דאָס קאָ־נען טאָקע באַווייזען. גאָר אַ גרויסען ביישפּיל אין דער הינזיכט האָט אונז באַוויזען רוסלאַנד.

אַלס לערערינס פאַרנעמען די פרויען איצט א זעהר באַדייטענדען פּלאַץ, איבערהויפּט ביי אונז אין אַמעריקאַ. די פרוי אַלס דאָקטאָר, האָט גע־מוזט דורכמאַכען אַ שווערען וועג. די ערשטע פרויען־דאָקטוירים פלעגען ווע־רען באַליידיגט פון די מענער־דאָקטוירים. זיי האָבען ניט געוואָלט האַלטען קיינע באַראַטונגען מיט די פרויען־דאָקטוירים. מען פלעגט זיי ניט וועלען אריינעמען אַלס מיטגלידער אין אַ מעדיצינישער געזעלשאַפט. איצט אָבער זיינען פרויען־דאָקטוירים אין אַמעריקאַ אַנערקענט איבעראַל. עס פּראַקטיצי־רען מעדיצין אומגעפעהר אַ צעהן טויזענד פרויען. זיי טוען טיכטיגע וויסענ־שאַפטליכע אַרבייט, זיי מאַכען אָפּעראַציעס מיט מענער צוגלייך. אויך אויף דעם פעלד פון יוריספּרודענץ האָבען פרויען געוואונען גרויסען צוטרוי. זיי לערנען געזעץ און פּראַקטיצירען אַלס אַדוואָקאַטען. אין אייניגע שטאַטען פון אַמעריקאַ, זיינען אויך פאַראַן פרויען גאָווערנאָרס. פילע פרויען האַלטען רע־גירונגס שטעלעס. מיט אייניגע מאָנאַטען צוריק האָט די שטאָדט דענווער גע־האַט די פּריווילעגיע, אַז אַ פרוי זאָל לויפען פאַר גאָווערנאָר. אָפּיס שטעלעס זיינען פאַרנומען מעהרסטענטייל פון פרויען. היינט זיינען פרויען זעהר באַשעפ־טיגט אַלס רעפּאָרטערס פאַר צייטונגען, שרייבערינס פאַר זשורנאַלען, און קריגען טאַקע הויכע שכירות. עס זיינען אויך דאָ פילע פרויען שרייבער און רעדאַקטאָרען. אַ שרייבערין מיט טאַלאַנט האָט די זעלבע שטעלע אין דער לי־טעראַרישער וועלט, ווי אַ מאַן אַ שרייבער. אין געזעלשאַפטליכען לעבען האָבען פרויען זיך ערוואָרבען אַ סך פרייהייטען. מיט אַן ערך 50-60 יאָהר צו־ריק, האָט זיך גערעכענט פאַר ניט אָנשטענדיג, אַז אַ פרוי זאָל זיצען אין אַ ביבליאָטעק און לעזען אַ בוך. ווען אַ פרוי פלעגט געהן אָהן אַ באַגלייטער אין אַ וועלכען עס איז געשעפט, פלעגט מען קוקען אויף איהר מיט פאַרדאַכט. היינט אָבער, פיהרען פרויען די גרעסטע געשעפטען, געהען און פאָהרען אי־בעראַל. זיי האָבען זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס, קלובען, קאָמיטעטען, און פערזאַמלונגען.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז דער הויפּט־מאָטיוו פון דער פרוי אין דער לעצטער צייט פיהרט צו דער ריכטונג פון זעלבסטשטענדיגקייט: אַליין פאַר זיך דענ־קען, אַליין פאַרדינען פאַר זיך אויפ'ן לעבען, אַליין זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אייגענע טהאַטען, און לעבען אַן אייגענעם לעבען. אין אַמעריקאַ האָבען די פרויען געצייגט אַ וואונדערבאַרען ביישפּיל אויף דעם געביט פון געזעלשאַפטלי־כער אַרבייט.

פון דער נאַטור באַזיצט די פרוי אַ ווייך האַרץ, און האָבענדיג מעהר צייט פון מאַן, גיט זיך די פרוי דעריבער אָפּ מיט וואוילטעטיגער אַרבייט. די יעני־גע פרויען, היינט צו טאָג, וועלכע געהערען ניט צו קיין אָרגאַניזאַציע און נע־מען ניט קיין אינטערעס אין געזעלשאַפטליכען לעבען, ווערען געשטעמפּעלט

אלס נידעריגערע מענשען. מיר, פערזענליך, דוכט זיך, אז אזוינע פרויען, וואס זיינען גלייכגילטיג צו קהל'שע ארבייט, רויבען פון זיך אוועק הונדערטער זי־סע אנגענעמע שטונדען, וועלכע מען איז ניט אימשטאנד צו קריגען פאר קיין געלט. קיין אונטערשייד, ווי רייך אדער ארים א פרוי זאל ניט זיין, מוז זי זיין טעטיג געזעלשאפטליך. צו באלאנגען צו א געזעלשאפט, באזונדערס צו א וואוילטעטיגער אינסטיטוציע, איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכען אין א מענשענ'ס לעבען, און פאר פרויען איז עס נאך מעהר וויכטיג, ווי פאר מענ־נער. ווען מען איז אנוועזענד ביי א פארזאמלונג, און מען געפינט זיך אין א געזעלשאפט, וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון פארשיידענע מענשען, וועלכע רופען איינע די אנדערע „שוועסטער און ברידער", פיהלט מען ערשט דאן דעם טעם פון דעם הויכען נאבעלען צוועק אין א מענשענ'ס לעבען, צו זיין פאראייניגט אונטער דער גייסטיגער פאן פון שלום און אחדות. די פרוי, וועלכע באלאנגט צו א וואוילטעטיגען אנשטאלט, האט אימער א געלעגענהייט צו טאן עטוואס גוטעס פאר איהרע מיט־מענשען. זי פיהלט דאן, אז זי לעבט ניט אומזיסט אויף דער וועלט. דאס וואס זי קאן ניט אויפטאן אליין, קאן זי אבער אויפטאן דורך פאראייניגטע קרעפטען.

די הדסה ארגאניזאציע

איינע פון די וויכטיגסטע ארגאניזאציעס, אין וועלכער די אידישע פרוי האט זיך שטארק אויסגעצייכענט, איז „הדסה". אויב דר. הערצל האט געלייגט דעם ערשטען ווינקעלשטיין פאר'ן ציוניזם, איז הענריעטא סזאלד די פערזאן וועלכע האט געלייגט דעם פונדאמענט פאר דער ברייטער נאציאנאלער פרויען ארבייט אין אמעריקא לטובת ארץ ישראל.

דיזע באוועגונג איז בלויז 25 יאהר אלט. די רעזולטאטען פון איהר פאר־צווייגטער ארבייט זיינען וואונדערליכע. דאס לאנד ארץ ישראל איז געווען באהערשט פון פארשיידענע קראנקהייטען. צוליב די זומפען האבען זיך דארט פארשפרייט מאלאריע און טראכאמא. די לעצטע טרויעריגע קראנקהייט האט טויזענטער קינדער בלינד געמאכט און פריהצייטיג זיי צוגענומען פון דער וועלט. איז געקומען הדסה מיט א ברייטער סאניטארישער און מעדיצינישער הילף, אויסגעבויט שפיטאלען און קליניקס, ריין געמאכט דעם קערפער, און גע־זונד געמאכט די נשמה.

לאמיר אידישע פרויען טראגען מיט שטאלץ דעם ווייס־בלויען פאן פון ציון, און זיך נאך מעהר אפגעבען מיט דער נאבעלער און וויכטיגער באוועגונג „הדסה". וועלען מיר דאן קאנען זאגען מיט בארעכטיגונג, אז די אידישע פרוי איז א גלייכער מיטגליד מיט'ן מאן אין דער געזעלשאפט, ווייל זי נעמט א גלייכען אנטייל אין דעם נאציאנאלען אויפבוי פון ארץ ישראל.

מוטער רחל בעט פאַר איהרע קינדער

(פריי בעהאַנדעלט, לויט ס. צוויג.)

„כה אמר ה׳: קול ברמה נשמע, נהי בכי תמרורים. רחל מבכה על בניה, מאנה להנחם על בניה, כי איננו. כה אמר ה׳, מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה, כי יש שכר לפעולתך, נאם ה׳, ושבו מארץ אויב, ויש תקוה לאחריתך, נאם ה׳, ושבו בנים לגבולם״.

(ירמיהו פרק ל״א — י״ד, ט״ו, ט״ז)

די הייליגע שטאָדט ירושלים איז אַריינגעפאַלען אין זינד. די אידען האָבען זיך פאַרגעסען אָן זייער הייליגען בונד מיט דעם „אל שדי״. זיי האָבען זיך פאַרגליכען מיט די געצענדינער, גע׳חבר׳ט זיך מיט זיי, און נאָכגעמאַכט אַלע זייערע מנהגים, און אפילו זיי איבערגעשטיגען. די עבודה פון „בעל״ איז געוואָרען ווייט פאַרשפּרייט איבער די בערג און טאָלען פון יהודה.

די תורה לערנט אונז, אַז דער רבונו של עולם איז אַן „אל ארך אפים״, ער איז גערולדיג מיט זיינע באַשעפענישען. אָבער אפילו די מאָס פון זיין גערולד ווערט אויך אַמאָל פאַרפילט. ער האָט אַ דונער געטאָן אין זיין מעכטיגען כעס, און הימעל און ערד האָבען זיך אַ טרייסעל געטאָן. ער האָט אויסגעגאָסען זיין גרימצאָרען אויף די קעניגרייכען פון ישראל און יהודה. דער גרויסער חורבן איז געקומען. די בת ציון איז געבליבען איינזאַם, איהרע קינדער צוזייט און צושפּרייט איבער אַלע פיער עקען פון דער וועלט.

צייכענס פון דעם אַלמעכטיגען׳ס כעס האָבען זיך געצייגט שטופּענווייז. עס האָבען זיך געעפענט די פענסטער פון הימעל, פּונקט ווי אין נח׳ס צייטען. און עס האָט זיך געדוכט, אַז די זינדיגע ערד ווערט ווידער פאַרפלייצט אין אַ מבול פון גאָט׳ס גרימצאָרען. די מלאכים זיינען ערשיטערט געוואָרען, און די פויגעלאַך זיינען פון גרויס פחד אַראָפּגעפאַלען צו דער ערד. אָבער די מענשען אונטען האָבען ווייניג וואָס פאַרשטאַנען, וואָס דאָס אַלעס באַטייט, ווייל זייער מענשליכער חוש פון באַגרייפען זאַכען איז פאַרטעמפּט געוואָרען.

און דער שטורעם ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ער רייסט די הייזער און טראָגט דעם חורבן אויף זיינע פליגלען. די מעכטיגע צעדער בוימער פון לבנון פאַלען אַנידער פון שרעק, בוקען זיך צום אַלמעכטיגען. און די מענ־

שען, ערציטערט פון דעם מורא'דיגען שטורעם, ווילען שוין תשובה טאָן, אָבער אומזיסט. עס איז שוין צו שפּעט. די מאָס איז שוין איבערפילט, און אזוי שרעקליך איז דער חורבן, און אזוי מעכטיג איז דער שטורעם, אז אפילו די מתים האָבען אויך אויפגעציטערט אין זייערע קברים. איז דאָס שוין געקומען דער יום־הדין? דאַרף מען שוין שטעהן פאַר דעם לעצטען משפט פון דעם עוויגען? ניין, אומזיסט האָבען זיי זיך אויפגעטרייסעלט. דער לעצטער טאָג פון משפט איז נאָך גאַנץ ווייט.

אין א ווינקעל זיינען געבליבען שטעהן אונזערע אבות, פאַרציטערט. זיי רינגלען אַרום דעם „כסא הכבוד", ווייל זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז עפּעס שרעקליכעס קומט פאַר מיט זייערע קינדער, און אז ירושלים איז פאַר־משפט געוואָרען צום חורבן. זיי זיינען מתפלל צו גאָט: „אם לא למעננו, למענך עשה", „אויב ניט פון אונזערטוועגען, טוה עס צוליב דיין הייליגען נאָמען". נאָהענט לעבען זיי, שטעהען אונזערע גרויסע נביאים און מנהיגים, ווי: משה רבנו, שמואל הנביא, אליהו הנביא, ישעיהו, ירמיהו א. אז. וו.. און בעטען זיך רחמים ביים כביכול. זיי, מיט פייערדיגע הערצער און מיט געשליפענע צינגער, וועלכע האָבען געשטורעמט אין זייערע צייטען דעם כסא הכבוד, זיי פאַרגיסען איצט ביטערע טרערען. אָבער עס העלפט ניט. גאָט הערט זיך ניט צו צו זייערע תפילות. ער וואַרפט צוריק אָפּ זייערע טענות אין זייערע געזיכטער. ער מוז פאַרברענען דעם בית המקדש, וועלכען די אידען האָבען אזוי פאַרשוועכט, ער מוז איהם אַרויסרייסען מיט דעם יסוד. און אַלע אבות זיינען ענטשוויגען געוואָרען, און די נביאים און חכמים האָבען אַראָפּגעלאָזען זייערע קעפּ.

נאָר איין נשמה, זעהר א צאַרטע און א איידעלע, באַהאַלטען אין א ווינקעלע ערגעץ-וואו אין רמה, שעפּטשעט אַרויס א שטילען געבעט דורך א מבול פון הייסע טרערען: עס איז ניטאָ, ווער עס זאָל בעטען; זי, רחל אליין, מוז זיך אָננעמען פאַר איהרע קינדער. זי נעמט זיך אָן מיט שטאַרקען מוט, אין איהר גרויסער ליבע פאַר איהרע פער'יתום'טע קינדער, און טענה'ט זיך אויס מיט גאָט אויפ'ן פאָלגענדען אופן. איהר שטימע קלינגט אזוי מאָדנע שוואַך: „אַלמעכטיגער „אל שדי", ווער בין איך, וואָס איך זאָל זיך ווענדען צו דיר. דו גרויסער באַשעפער? דו אליין האָסט דאָך מיר געגעבען א שוואַכע צאַפּעלדיגע האַרץ, און דו האָסט באַשאַפען מיינע ליפּען, איך זאָל זיך קאָנען ווענדען צו דיר אין געבעט. עס זיינען די ביטערע ליידען פון מיינע קינדער, וועלכע גיבען מיר דעם מוט אזוי צו טאָן. דו האָסט מיך ניט בעשאָנקען מיט חכמה אָדער בעטריגעריי, טו ווי אזוי זאָל איך וויסען, ווי צו שטילען דיין שרעקליכען כעס? אָבער דו, וואָס ווייסט אַלעס, ווייסטו דאָך אויך, וואָס איז פאַרבאָרגען אין מיין האַרצען, און וואָס מיין צונג קאָן ניט איבערגעבען, ווייל דו ביזט דאָך דער

באַשעפער פון יעדען געדאַנק, און אַלע מענשענ׳ס מעשים זיינען פאָראויסגע־זעהן ביי דיר. דאָך, מוז איך, דיין דינסט, דיך בעטען זיך צוצוהערען צו מיין געבעט פאַר דיזע זינדיגע שעפעלאַך, מיינע אומגליקליכע קינדער״.

דער אַלמעכטיגער האָט באַמערקט איהר גרויס עניוות און איהרע טרע־רען, וועלכע האָבען באַנעצט איהר שעהנעם געזיכט, און האָט דעריבער איינגע־האַלטען זיין כעס, ווערענדיג ענטשוויגען, כדי אויסצוהערען איהרע טענות. און ווען דער ליבער גאָט אין הימעל ווערט שטיל, ווערט אַלץ דאָרט איינגע־שטילט סיי אין רוהם, סיי אין צייט. דער ווינט הערט אויף צו בלאָזען, דער דונער הערט אויף צו קראַכען. אַלע באַשעפענישען, פון דעם ווערימעל ביז דעם עלעפאַנט, הערען אויף זיך צו באַוועגען. דער לויף פון מינוטען און שטונדען ווערט אָפּגעשטעלט.

אָבער דאָרט, אויף דער ערד, האָבען די זינדיגע מענשען, רחל׳ס קינדער, גאָר ניט געוואוסט, אז רחל שפּאַלט די הימלען מיט איהר געבעט פאַר זיי. זיי האָבען נאָר באַמערקט, אז דער גרויזאַמער שטורעם איז צו אַ שטילשטאַנד גע־קומען.

רחל זייענדיג צופרידען, וואָס גאָט הערט זיך שטיל איין צו איהר גע־בעט, נעמט זיך ווידער אָן נאָך מיט גרעסערען מוט, הויבט אויף איהר קאָפּ מיט שטאָלץ און זעצט פאַר איהר געבעט: „אָך, דו באַרימהערציגער פאָטער, מיין לעבענס געשיכטע ליגט פאַר דיר אָפען, ווי אַן אַלבאָם מיט אויפגעעפענ־טע בלעטער. איך בין געבוירען געוואָרען אין חרן, וואו איך האָב געפיטערט מיין פאָטער לבן׳ס שעפסען. עס איז געווען אַ זוניגער הייסער פריהמאָרגען. נאָכהער איז געקומען אַ ברענענדיגער נאָכמיטאָג, און איך מיט די פאַסטוכער האָבען געטריבען די שאָף צום ברונעם, אָנצוטרינקען די דורשטיגע באַשעפעני־שען. עס איז געווען זעהר שווער פאַר אונז אַראָפּצוקייקלען דעם שווערען שטיין פון ברונעם. פּלוצלונג איז צוגעלאָפען אַ יונגער מאַן, יעקב האָט ער גע־הייסען, דער זוהן פון מיין פאָטער׳ס שוועסטער רבקה, און ער האָט אויפגעהוי־בען דעם שטיין. דאַן האָבען מיר אָנגעטרונקען אַלע שעפסען, און מיר האָבען יעקב׳ן מיטגענומען צו מיין פאָטער׳ס היים.

„פון יענער מינוט אָן, האָבען אונזערע הערצער זיך פאַרבונדען מיט די זיידענע פעדים פון ליבע. מיר האָבען געשוואָרען טרייהייט אויף אייביג, איי־נער צום צווייטען. דו האָסט דאָך געקאַנט מיין פאָטער לבן. זעהר אַ האַרטער מענש איז ער געווען, טרוקען ווי די שטיינערדיגע ערד, וועלכע מיר האָבען מיט שוויים בעאַרבייט, און האַרט ווי די הערנער פון די אָקסען, מיט וועלכע מיר האָבען געאַקערט. ווען יעקב האָט געבעטען מיין פאָטער׳ס צושטימונג צו אונ־זער חתונה, האָט ער געפאָדערט פון מיין חתן גאָר אַ גרויסען פּרייז: זיבען

יאָהר דינסט און שווערער ארבייט פאַר איהם. מיין נשמה האָט אין מיר אַ ציטער געטאָן. יעקב איז געבליבען שטעהן פארשטיינערט. אזוי פיעל ווארטען, פאַר אונז, אַזוי יונג און אומגעדולדיג, גאַנצע זיבען יאָהר... פאַר דיר, עוויגער, זיינען זיבען יאָהר פארגליכען צו איין סעקונדע, צו אַ וואונק פון אַן אויג, אָבער פאַר אונז, שטערבליכע, זיינען זיבען יאָהר אַ גרויסער חלק פון אונזער לעבען. דאָך האָב איך געבויגען מיין קאָפּ צו מיין פאָטער'ס ווילען, און יעקב האָט אָנגעפאַנגען צו פיטערען די שאָף פון מיין פאָטער. זיבען יאָהר — זיבען אייביגקייטען. וואָס פאַר אַ געדולד און געהאָרכזאַמקייט עס האָבען זיך געפאָדערט פון אונז ביידען! דאָך, זיינען די זיבען יאָהר פארלאָפען, ווי איין איינציגער טאָג; אַזוי גרויס איז געווען אונזער ליבע.

„און ווען דער טערמין האָט זיך געענדיגט, בין איך אוועק צו מיין פאָטער בעטען איהם צוגרייטען דעם חופה געצעלט. אַך, וואָס פאַר אַ פרייד! אָבער דער פאָטער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן בייז, פארקנייטשט דעם שטערען און ארויסגעברומט: „זאָל קומען אהער, דיין שוועסטער לאה"! זי איז דאָך געווען מיט צוויי יאָהר עלטער פון מיר, ניט אזוי באַ'חנ'ט, ניט אזוי שעהן. איהרע אויסזיכטען חתונה צו האָבען זיינען געווען קליינע. איך האָב איהר ליב געהאַט מיט מיין גאַנצער נשמה. זי איז געווען אַזוי צאַרט און שטיל, זי האָט אַזוי פיל געליטען. איך האָב גלייך פארשטאַנען, אַז מיין פאָטער וויל מיך באַטריגען. שפּעטער האָב איך זיך צוגעהערט צום געשפּרעך צווישען מיין פאָטער און שוועסטער. און וואָס האָב איך געהערט? „הער זיך איין, לאָה", האָט ער געזאָגט, „יעקב האָט מיך געטריי געדינט זיבען יאָהר, כדי צו קריגען רחל'ען פאַר אַ ווייב. איך קאָן עס אָבער ניט טאָן צוליב דיר, דו ביזט דאָך די עלטערע. געה מיין טאָכטער, טוה אָן די חופה קליידער, וועלכע זיינען בעשטימט פאַר רחל'ען, דעק צו דעם פּנים מיט'ן חופה שאַל, אַז יעקב זאָל דיך ניט דערקענען. דו געהסט היינט אַנשטאָט רחל'ען צו דער חופה". לאה האָט אַראָפּגעבויגען דעם קאָפּ און שווייגענדיג צוגעשטימט צום פאָטער'ס באַטריגערישען פּלאַן.

„וואָס פאַר אַ כעס און ווייטאָג האָבען אויפגעברויזט אין מיין הארצען גענגען מיין אייגענעם פאָטער, ווי אויך גענגען מיין שוועסטער לאה. נאָך אַזוי פיל ווארטען, נאָך אַזוי פיל געטרייען דינען פון מיין געליבטען, צו ווערען דאַן באַטריגט פון אַן אייגענעם פאָטער! אַ גייסט פון מרידה און ווידערשפּעַנונג גענגען מיין פאָטער'ס ווילען האָט מיך באַהערשט, פּונקט אַזוי, ווי דיינע קינדער אין ירושלים האָבען זיך איצט געשטעלט גענגען דיר. דו האָסט דאָך אונז באַשאַפען מיט אַן עקשנות'דיגער נאַטור, דאָס מיר ווערען שנעל אויפגעקאָכט, ווען מיר דענקען, אַז מען האָט אונז ניט ריכטיג בעהאַנדעלט.

איך האָב מיין פּאָטער'ס פלאַן פּאָרטרעט יעקב'ן און אָפּגעמאַכט מיט איהם אַ צייכען, דורך וועלכען ער וועט קענען דערקענען זיין כלה. יעקב האָט מיך גוט פארשטאַנען, און ער האָט וויליג איינגעשטימט אויף דעם. דעם זעלבען אָוענט האָט מיין פּאָטער באַדעקט לאה'ן צו דער חופּה, און מיך האָט ער פערשלאָסען אין אַ באַזונדער געצעלט, כדי איך זאָל ניט קענען שטערען זיינע רמאות'דיגע פּלענער. מיין צער און באַליידיגונג זיינען געווען אויסערגעוועהנ־ליך גרויס. אָט אַזוי בין איך געזעסען אין דעם געצעלט, פאַרגעסען פון אַלע־מען . . .

„די טיר פון מיין געצעלט האָט זיך פּלוצלונג אויפגעעפענט, און מיין שוועסטער האָט זיך באַוויזען פאַר מיר. זי איז געווען בלייך, דערשראָקען, און מיט אַ ציטערדיגער שטימע, האָט זי אַרויסגערעדט: „וואָס וועט פון דעם אַרויס־קומען, טייערע שוועסטער? אונזער פּאָטער'ס פּלענער זיינען מיר דערווידער. ער נעמט דיין געליבטען און גיט איהם איבער צו מיר. מיין האַרץ ציטערט אין מיר פון שרעק, טאָמער דערקענט ער מיר און טרייבט מיר דאַן אַרויס פון גע־צעלט. אַ פאַרשעמטע וועל איך דאָך בלייבען אויף מיין גאַנצען לעבען. וואָס זאָל איך איצט טאָן? גיב מיר אַן עצה, טייערע שוועסטער, אין נאָמען פון אונזער הייליגען גאָט!"

„דעם אמת זאָג איך דיר, האַר פון דער גאַנצער וועלט, אַז ווי בייז איך בין געווען אויף מיין שוועסטער, פונדעסטוועגען, דערהערענדיג איהר ביטע אין דיין גרויסען נאָמען, האָט זיך אין מיר אויפגעעפענט אַ קוואַל פון רחמנות געפיהלען. דאָס איז דאָך איינער פון דיינע גרויסע חסדים, אַז ווי נאָר מיר, שטערבליכע, דערהערען אַ גוט וואָרט פון אונזערע ליידענדע מיט־מענשען, ווע־רען דאַן זייערע ליידען אַ טייל פון אונזערע. איך האָב מיינע געפיהלען באַ־הערשט, און מיין שוועסטער'ס לאַגע האָט מיין האַרץ געוואונען. מיין אָרימע שוועסטער איז פאַר מיר געשטאַנען אין טרערען, פונקט ווי איך שטעה איצט פאַר דיר און בעט רחמנות פאַר מיינע אומגליקליכע קינדער. איך האָב גע־לערענט מיין שוועסטער, ווי אַזוי אָפּצונאַרען מיין געליבטען און איהם אָוועקנע־מען פון מיר. איך האָב איהר איבערגעגעבען דעם צייכען, וואָס איך האָב אָפּ־געמאַכט מיט יעקב'ן אום צו דערקענען מיך. אַזוי האָב איך זיך גובר געווען אי־בער מיין ברענענדיגער קנאה, אַלץ צוליב מיין גרויסער ליבע צו דיר, גאָט פון רחמנות, „אל רחום וחנון".

„לאה איז געפאַלען אויף די קניה פאַר מיר, געגלעט מיינע הענט און גע־קושט די זוימען פון מיינע קליידער. אַזוי האָסטו שוין אונז באַשאַפען, באַרימ־הערציגער גאָט, אַז ווי נאָר מיר באַמערקען אין אַ צווייטען אַ צייכען פון דיין גוטסקייט, ווערען מיר גלייך אָנגעפילט מיט אַ קוואַל פון פאַרגעבונג און זעלבסט־אָפּפערונג. מיר ווערען פּשוט אַ חלק פון דיר.

„מיר האָבען זיךביידע אָרומגענומען. איך האָב איהר געטרייסט און ערמוטיגט און געוואונשען גליק. באַלד האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט, און אַ וואָלקען פון שרעק האָט איהר פּנים פאַרדעקט. „איך דאַנק דיר, שוועסטער, פאַר דיין גרויסען חסד. אָבער וואָס וועט זיין, אויב דיזער צייכען וועט יעקב'ן ניט אין גאַנצען איבערצייגען, און ער וועט וועלען הערען פון מיר אַ וואָרט? דאַן וועט ער דאָך מיר דערקענען. קאָן איך דען די גאַנצע צייט שווייגען? העלף מיר ווידער, גרויסמוטיגע שוועסטער, אין נאָמען פון אונזער ליבען גאָט". און ווי נאָר איך האָב דערהערט דיין הייליגען נאָמען, איז מיין הארץ צוגאַנגען אין מיר. איך האָב דערשטיקט אין מיר דעם געפיהל פון אייגענעם גליק. איך בין געוועזען גרייט פאַר דעם גרעסטען קרבן, וואָס איין פרוי האָט וועז עס איז גע־בראַכט פאַר אַ צווייטער. איך האָב דאַן אויסגערופען אין עקסטאַז פון לי־בע: „זיי רוהיג, מיין שוועסטער; **גאָט וועט זיין מיט דיר!"**

„און ווער קאָן בעסער פאַרשטעהן מיינע געדאַנקען און ליידען אין יענעם מאָמענט, ווי נאָר דו, אַלמעכטיגער אַליין? איך האָב אויסגעטרונקען דעם בעכער פון פיין, ביז דעם לעצטען ביטערען טראָפּען. איך וואָלט קיינמאָל ניט אריבערגעטראָגען יענע שווערע שטונדען, ווען ניט דערמאָנענדיג דיין הייליגען נאָמען יעדע מינוט, ווען ניט קרעפטיגענדיג זיך מיט דעם קוואַל פון דיין אומ־שטערבליכע געדולד און ליבע. דאָס, גאָטעניו, איז נאָר איינס פון מיינע מעשים טובים.

„איך בין זיכער, אַז עס איז ניט געוועזען נאָך אַזאַ פרוי אין דער מענשלי־כער געשיכטע, אויף וועלכער דו האָסט אַרויפגעלייגט אַזאַ שווערען יאָך, ווי אויף מיר אין יענעם מאָמענט. איך האָב זיך פאַרגליכען צו מיין באַשעפער אין געדולד און אין מיטלייד, און בין אַרוים מיט גרוים נצחון איבער מיינע מענשליכע געפיהלען. און איצט, גאָט אַלמעכטיגער, פול מיט רחמנות און חסד, בעט איך דיר, טוה איצט פאַר מיר אין דעם גוואַלדיגען נויט פון מיינע קינ־דער דאָסזעלבע, וואָס יעקב האָט געטאָן אין דעם מאָמענט פון זיין גרויסען צאָרן, ווען ער האָט אויסגעפונען מיין פאָטער'ס מאוס'ן בעטרוג. לאָז אָפּ דיין מעכטיגען כעס, און צוטרייב די שווערע וואָלקענס, וועלכע הענגען אי־בער מיינע קינדער דאָרטען אין ירושלים. וועסטו ניט האָבען קיין מיטלייד מיט מיינע קינדער? וועסטו ניט זיין געדולדיג, פונקט ווי איך בין געוועזען, און ראַ־טעווען די הייליגע שטאָדט ירושלים פון איהרע בלוטיגע שונאים? דו מוזט רחמנות האָבען און אויסלייזען מיינע קינדער!"

רחל'ס שטימע האָט זיך דורכגעריסען דורך אַלע זיבען הימלען, אָבער קיין ענטפער האָט זי ניט באַקומען. דער כביכול איז ענטשוויגען געוואָרען. און ווער קאָן פאַרטראָגען דעם אַלמעכטיגענ'ס לאַנגען שווייגען? אַלעס האָט

זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך געדוכט, אַז די ערד וועט זיך אומקערען צום בראשית'דיגען תוהו ובוהו. רחל האָט ווידער אויפגעהויבען איהרע צאַרטע אויגען צו דעם „רואה ואינו נראה״:

„האָסטו מיך ניט געהערט, דו, וואָס הערסט אַלעס? האָסטו מיך ניט פערשטאַנען, דו, וואָס פאַרשטעהסט אַלעס? דאַרף דען דיין דינסט רעדען צו דיר נאָך איינפאַכער? זיי וויסען, אַז מיין קנאה, ווען מען האָט מיין געליבטען אוועקגעגעבען צו מיין שוועסטער, איז געווען אַזוי גרויס אין מיר, פּונקט ווי דיין קנאה איז איצט גרויס אויף מיינע קינדער צוליב דעם, וואָס זיי האָבען מקריב געווען קרבנות צו פרעמדע געטער. אָבער איך, אַ שוואַכע פרוי, האָב גובר געווען אין מיר מיין קנאה, האָבענדיג מיטלייד מיט מיין שוועסטער צוליב דיר באַרימהערציגער „אל רחום וחנון״. איך האָב רחמנות געהאַט אויף לאה'ן. יעקב האָט מיר און מיין פאָטער פאַרגעבען. מיר, שטערבליכע, האָבען זיך געקאָנט קאָנטראָלירען. און דו, אַלמעכטיגער באַשעפער, דער אָנפאַנג און דאָס ענדע פון אַלעס, דו, וואָס ביי דיר אַ טראָפּען איז ביי אונז אַ ים, קאָנסטו דען ניט פאַרגעבען און פיהלען מיטלייד מיט דיינע קינדער? וואָס װעלען דיינע מלאכים זאָגען? אמאָל האָט געלעבט אַ פרוי מיט דעם נאָמען רחל, וועלכע איז געווען שטאַרק גענוג איינצוהאַלטען איהר אייגענעם פערדרוס און גערעכטען כעס, און דו, אַלמעכטיגער האַר פון דער וועלט, זאָלסטו זיין אַ שקלאַף צו דיין איי־גענעם צאָרן? ניין! דאָס טאָר ניט פּאַסירען! ביזטו דען ניט דער זעלביגער, וועמעס שטימע האָט צו מיר גערופען פון מיין שוועסטער'ס טרערען? ווילסטו דען בלויז גערופען ווערען „דער גאָט פון קנאה און נקמה״? און איך, וואָס האָב דיר אַזוי שטאַרק ליב, באַרימהערציגער גאָט, און האָב דיר שטענדיג געדינט מיט מיין גאַנצען הארצען, זאָל איך יעצט געצוואונגען ווערען חלילה צו האָבען וועלכען עס איז ספק אין דיין גרויסען חסד און רחמנות געפיהל? איך, אָרימע מוטער רחל, שטעה איצט פאַר דיר, מיט מיין קאָפּ געבויגען און רוף דיך אַרויס אויף אַ האַרבען ויכוח. אדרבא, לאָמיר זעהן, ווער פון אונז ביי־דען איז גערעכט. משפּט דו אַליין צווישען דיר און דיין דינסט. אויב דו ביזט בלויז אַ גאָט פון קנאָה און ראַכע, דאַן וועל איך מיך אַראָפּוואַרפען אין דעם טיפען אָפּגרונט פון „שאול תחתיה״ צוזאַמען מיט מיינע קינדער, און וועל טיילען מיט זיי זייער ביטערען גורל. אָבער איך בין זיכער, אַז דו ביזט באמת דער גאָט פון צדק און יושר, וועלכען איך האָב אימער געליבט, און דעריבער בעט איך דיר: בעוויז זיך צו מיר אין דיין הערליכער ליכט, לייז אויס מיינע קינדער, און בעפרייַ ירושלים!״

אין הימעל האָט זיך געפיהלט אַ גרויסער רעש, אַ ציטערניש. די אבות און די הייליגע נביאים האָבען זיך צורוקט אָן אַ זייט, פון גרויס פּחד פאַר די בליצען, וועלכע, עס האָט זיך געדוכט, וועלען איינשלינגען אָט די „זינדיגע״

נשמה, וועלכע האָט געהאַט אַזוי פיעל „העזה" און געשיקטקייט צו רעדען אין אַזאַ טאָן צום רבונו של עולם. די מלאכים האָבען דערשראָקענערהייט בעהאַלטען זייערע קעפּ אין די פליגלען. אָבער ווען זיי האָבען אַרויסגעקוקט שטילערהייט אויף דער פרוי, האָבען זיי באַמערקט אַ ליכטיגען שטראַל שיינענדיג אויף איהר געזיכט. גאָט האָט אַרויסגעוויזען רחל'ען זיין ליכטיגען פנים פון חסד. רחל האָט דאָך מנצח געווען דעם רבונו של עולם מיט איהר שטאַרקער מוטער ליבע. זי האָט איהם אַרויסגערופען אויף אַ שאַרפען ויכוח, און ער, דער כביכול, האָט איהר, מיט איהר ברענענדיגען צאָרן און גערעכטיגקייט געפיהל, דוקא גע־אַכטעט מעהרער פון אַלע מלאכים און קדושים, מעהרער פון אַלע נביאים און חכמים. אַזוי גרויס איז דער כח פון ליבע!

אַ הייליגע שיין האָט באַלויכטען אַלע זיבען הימלען און זיך אָפּגעשפּי־געלט אויף אַלע באַשעפענישען אין דער גאַנצער וועלט. די כרובים האָבען ווי־דער אָנגעהויבען פרעהליך צו קלאַפּען מיט זייערע פליגלען, און האָבען אויס־געגאָסען זייער געטליכע מוזיק, און די געטליכע שכינה האָט געשיינט מיט אַזאַ הערליכער ליכט, וואָס קיין שטערבליכער מענש קאָן ניט בעגרייפען. אַלעס אין הימעל האָט גע'יובל'ט און געזונגען אַ הלל צו דעם גרויסען באַשעפער פון דער וועלט.

די געדיכטע וואָלקענס זיינען דורכגעריסען געוואָרען, און אַ פּרעכטיגער זיבען־קאָלירענדיגער רעגען־בויגען האָט זיך באַוויזען. דאָס איז געווען די אָפּ־שיינונג פון גאָט'ס חסד אויף דער מוטער רחל'ס הייליגע טרערען.

יוסף און זיינע ברידער

די געשיכטע פון יוסף'ן מיט זיינע ברידער איז, ניט קוקענדיג אויף איהר אידיש־נאַציאָנאַלען אינהאַלט, די שטאַרקסטע אַלמענשליכע דראַמע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די קאָנפליקטען צווישען מענשליכע ליידענשאַפטען און פערזענליכע אַמביציעס פון איין זייט, און די הילפלאָזיגקייט פון דעם מענ־שען אין דעם טראַגישען קאַמף מיט זיין ביטערען שיקזאַל, פון דער אַנדער זייט. ווען מיר זאָלען אפילו אַרויסנעמען פון חומש בלויז דעם סוזשעט, ווי יוסף ווערט פאַרקויפט פון זיינע אייגענע ברידער אַלס אַ קנעכט, אויסטאַן פון איהם דעם הייליגען מאַנטעל, און אָוועקשטעלען איהם אין דער רייהע פון קלאַסישע און דראַמאַטישע שאַפונגען פון דער אַלטער וועלט, וואָלט די געשיכ־טע וועגען יוסף'ן פאַרנומען דעם אויבענאַן מיט איהר שטאַרקען רעאַליזם און ליטערען פסיכאָלאָגישען אמת.

ניט אומזיסט האָט דיזע צויבער־געשיכטע באַוועגט גרויסע דיכטער און דענקער אין פערשיידענע צייטען צו נייע ליטעראַרישע שאַפונגען אויף דער זעלבער טהעמע. אין אונזער צייט האָט דער געניאַלער דייטשער שרייבער טהאָמאַס מאַן, אָנגעשריבען אַ גרויסע ווערק איבער דער טהעמע: „יוסף און זיינע ברידער". ער שטעלט אין זיין ווערק פאָר דעם מענשליכען קאַמף פאַר אינערליכער דערלייזונג, און די שטענדיגע קאָנפליקטען מיט די פאַסירונגען אין לעבען, וואָס ווערען ענדליך בייגעקומען, נוצענדיג די מעשה פון חומש אַלס אַן אוניווערסאַלע טהעמע.

דיזע געשיכטע וועגען יוסף'ן האָט באמת אַלע ליטעראַרישע עלעמענטען, וועלכע מאַכען איהר פאַר אַן ערשט־קלאַסיגע דראַמע, פאַר עקסעלענץ. מענ־שען ווערען אין איהר פאָרגעשטעלט, ווי זיי ווערען געטריבען פון זייערע ליי־דענשאַפטען און אייפערזיכטען, פון קנאה און שנאה, צו האַסען אפילו אַן איי־גענעם ברודער. אין דיזער שפּאַנענדער דראַמע שפּיגלען זיך אָפּ די מענשליכע אייגענשאַפטען פון גוואַלדיגער פאַטער־ליבע, גרויסע אַמביציעס צו הערשען, אינטריגעס און פאַרברעכענס, געמיינע נידערטרעכטיגקייטען אין מענשען, דער איבערברוך און אויסלייטערונג פון זייערע זינדיגע נשמות דורך טרויעריגע פאַ־סירונגען, און דער צער פון חרטה און געוויסענביסע. דער מוסר השכל דערפון איז, אַז דער ענדליכער טריאומף פון דעם גערעכטען איבער דעם אומגערעכטען

מוז סוף כל סוף קומען, און אז דער מלאך אין מענשען געוועלטיגט דאך איבער דעם טייוועל אין איהם.

עס פעלט ניט אין דער אנציהענדער מעשה אפילו א ליידענשאפטליכער ראמאן, וואס שפילט א וויכטיגע ראלע אין דער קייט פון די אונערווארטעטע פאסירונגען, וועלכע דער מענשליכער שיקזאל, די געטליכע השגחה, האט פאראוים בעשטימט צו ברענגען דערצו, אז יעקב מיט זיינע קינדער זאלען קומען קיין מצרים.

לאמיר זיך אביסעל בעקאנען מיט דעם לעבען פון אונזער היסטארישען העלד יוסף, פון זיין קינדהייט אן ביז צום אינצידענט, וואס האט איהם שפעטער דערהויבען פון א שקלאף צו א וויצע־קעניג. יוסף, דער באליבטסטער זוהן פון דעם פאטריארך יעקב, ווערט כסדר פארפאלגט און פארהאסט פון זיינע אייגענע ברידער. אייפערזוכט איז דער הויפט מאטיוו פון זייער האס. יוסף איז קלוג און שעהן, געבענטשט פון גאט מיט אלע מענשליכע מעלות, גע־ראטען אין זיין בעליבטער מוטער רחל. יעקב שטאלצירט מיט איהם. ער איז דער ליבלינג פון אלע זיינע קינדער. יוסף בעגרייפט דאס, האלט זיך גרויס ביי זיך, און נוצט גוואלדיג אוים זיין פאטער'ס איינזייטיגקייט, אין זיינע בע־ציהונגען צו זיינע אייגענע ברידער.

יוסף איז א בעל חלומות, א גרויסער טרוימער, וועלכער שטעלט זיך פאר וואונדערבארע בילדער וועגען איהם און זיינע ברידער, וואו ער זעהט זיך שטענדיג אין דער פיהרענדער ראלע און אין די רייכסטע קאלירען. ער איז אימער־צו דער הויפט פיגור אין יעדעם בילד, ווערענד זיינע ברידער זיינען אונטערוואָרפען צו איהם. דאס ענטוויקעלט נאטירליך א ביטערען האס אין הארצען פון די ברידער. זיי פאנגען אן צו טראכטען, ווי אזוי צו שטערען די פארווירקליכונג פון זיינע אמביציעזע חלומות. איין מאל, ווען יוסף איז איבער־פילט מיט פרייד און שטאלץ איבער דער זיידענער קאלירטער העמד, וואס זיין פאטער האט איהם געגעבען אלס א מתנה, פארפוצט ער זיך אין דיזען קאלירטען מלבוש און לויפט גלייך צו זיינע ברידער אין פעלד אריין, זיי צו צייגען זיין שעהנעם בגד, וואס ווערט באלד ביי זיי אויסגעטייטשט, אז ער מיינט צו ווערען זייער אויבער־האר נאך יעקב'ס טויט, ווייל ער קליידעט זיך שוין באצייטענס אין דעם מלבוש פון א פאטריארכאלען יורש. זיצען זיך די ברידער אויפ'ן פעלד און רעדען צווישען זיך פערביטערט וועגען זייער אמ־ביציעזען ברודער, ווען ער בעווייזט זיך פלוצלונג פאר זייערע אויגען אין זיין רייצענדען מאנטעל.

ווען דאס לעבען וואלט געקאנט ווארענען יוסף'ן, וואלט עס צו איהם אזוי גערעדט: „ווארט, יוסף, אייל זיך ניט צו ענטפלעקען דיין גרויסע פרייד אפילו

פאַר דיינע אייגענע ברידער. גאָט האָט מיט איין האַנט בעשאַפען שעהנקייט און פרייד, אָבער מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אויך בעשאַפען אייפער־זוכט. מענשען קאָנען ניט אימער זיין גלייכגילטיג צו יענעמ׳ס פרייד און גליק. דער שטן וועקט אויף אין זיי אַ פאַרביטערטען קנאה געפיהל, וואו איין ברודער איז גרייט דעם אַנדערען צו באַטריגען אָדער אפילו צו הרג׳ענען, טאָמער איינער פון זיי ווערט אַנגעפילט מיט אַ פאַלשען פאַרדאַכט". אַט אַזוי וואָלט דאָס רעאַלע לעבען איינגע׳טענה׳ט מיט דעם יונגען אומשולדיגען און אומערפאַרענעם יוסף׳ן, וועלכער איז נאָך ניט געווען בעקאַנט מיט דער פסיכאָלאָגיע פון מענשען, וואָס אַנבעלאַנגט אפילו זיינע אייגענע ברידער.

יוסף אָבער שטעהט זיך שטאָלץ פאַר זיינע ברידער, און מיט דעם קינדישען נאַאיווען פרייד, פער׳שכור׳ט פון זיין פאָטער׳ס ליבע, דערצעהלט ער זיי אַ חלום, וואָס ער האָט גע׳חלומ׳ט, אַז די זון און די לבנה און עלף שטערען בוקען זיך צו איהם. די ברידער קוקען זיך דערווייל איבער, און באַמערקען איינער צום אַנדערען שטילערהייט: זיין חלום איז דער בעסטער בעווייז, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט געדאַנקען פון הערשען איבער זיי, זיינע ברידער, און ווען יוסף שטעהט זיך אַזוי פאַרטראַכט און זעצט פאָר דעם אינהאַלט פון זיין חלום, ווערען דערווייל די הערצער פון זיינע ברידער אויפגעברויזט מיט כעס און מיט ווייטאָג. די מאָס פון זייער גערודלד פלאַצט, און דער כוח פון אייפערזוכט איז גובר דעם געפיהל פון ליבע צו אַן אייגענעם ברודער. און נאָך איידער ער האָט צייט געגונג זיך צו פאַרענטפערען, אַז זייער חשד איז אַ אומזיסטער, ווערט ער גלייך אַריינגעוואָרפען אין אַ טיפער גרוב, פול מיט גיפטיגע שלאַנגען און ווילדע שרצים.

אָבער דער גורל פון יוסף׳ן האָט פאָראויס באַשטימט, אַז די שטראָף, וואָס ער האָט באַקומען פאַר האַלטען זיך גרויס, זאָל איהם ניט אומברענגען אין גאַנצען. ער האָט געהאַט אַ מיסיע אין לעבען, און זיין שיקזאַל האָט באַשטימט, אַז ער זאָל די מיסיע דורכפיהרען. אַזעלכע זאַכען פאַסירען אָפט, דאָס דער גורל פון גרויסע מענשען שטעלט זיי אַוועק אַנטקעגען די שטרענגסטע ווידערשטאַנדען, און דאָך געהען זיי זייער וועג מיט אַ קרוין פון נצחון אויף זייערע קעפ. אין יענער שיקזאַלפולער שטונדע, ווען יוסף איז געלעגען אין גרוב, איז גראַד דורכגעפאָרען אַ קאַראוואַן פון ישמעאלים, און די ברידער האָבען פערקויפט יוסף׳ן צו זיי פאַר צוואַנציג זילבער־שטיקער. זיי האָבען איהם געשאָנקען דעם לעבען, פאַראורטיילענדיג איהם צו אַ לעבען פון אַ שקלאַף.

די ישמעאלים האָבען יוסף׳ן געבראַכט קיין מצרים און איהם פערקויפט דאָרט אַלס אַ שקלאַף צו פוטיפר׳ן, דעם אויפזעהער איבער די טורמע ווערטער. די זון פון מצרים האָט אָבער אַרויסגעשיקט איהרע שטראַלען צו צערטלען און

טרייסטען דעם פרינץ פון ישראל אין די קליידער פון א שקלאף, פאראויסזאָגענדיג זיין ברילאנטענעם צוקונפט, אז אנשטאט א שקלאף וועט ער גאָר באלד ווערען א האר. יוסף איז אָנגעקומען אין הויז פון פוטיפר׳ן, און אין א קורצער צייט איז ער דערהויבען געוואָרען צו זיין דער אויפזעהער איבער אלע פוטיפר׳ס בעדינער. די ניי געוואונענע פאזיציע וואלט פאר איהם איצט געווען אויסגעצייכענט, אָבער זיין הימעל ווערט אין גיכען ווידער פערוואָלקענט, צוליב די ליידענשאפטען פון זיין הארענטע, פוטיפר׳ס ווייב, וועלכע פארפאָלגט איהם כסדר מיט איהרע זינדיגע געדאנקען. דער מאן יוסף, דער שעהנער מאנס־פארשוין איז איהר זעהר געפעלען געוואָרען.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס יוסף האָט זיך מיט דער צייט שטארק עגיפטיאניזירט, און אויסערליך אויסגעזעהן ווי אלע מצריים, איז ער אָבער אינערליך געבליבען דער זוהן פון יעקב׳ן, צוגעבונדען צו דער מאראלישער לעה־רע, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין פאָטער. פוטיפר׳ס פרוי האָט יוסף׳ן ניט פארשטאנען. איהר זיינען געווען פרעמד אזעלכע הויכע מאראלע פרינציפען, וועלכע יוסף האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. יוסף הצדיק האָט פרעזענטירט דעם לעבעדיגען סימבאל פון דעם אידישען מאראל, גובר צו זיין די זינדיגע אינס־טינקטען אין זיך, און ניט טאָן דאס וואָס עס איז עטיש פארבאָטען. די פרוי פון פוטיפר איז גראָד געווען פארקערט דער סימבאל פון ווילדער פרימי־טיווקייט; זי גיט זיך לייכט אונטער איהרע אייגענע ליידענשאפטען. ביי איהר האָבען יוסף׳ס טענות אויסגעקוקט ווי לעבערליך. צוויי וועלטען האָבען זיך דאָ צוזאמענגעשטויסען: זי, מיט איהר גלויבען אין די מצרי׳שע געטער פון נאַ־טור קרעפטען, האלט זעהר ווייניג פון זעלבסט קאָנטראל, און דאָ קומט א יונ־גער מאן פון דעם לאנד פון די עברים און רעדט גאָר וועגען זעלבסט־באהער־שונג, וועגען מאראלישע פרינציפען פון עהרליכקייט און א גלויבען אין איין גאָט, וואָס זיין פאָטער האָט אין איהם איינגעפלאנצט פון קינדהייז אויף.

דער קאמף צווישען יוסף׳ן און דער עגיפטישער פרוי שטעלט מיט זיך פאר דעם גרויסען אונטערשייד צווישען צוויי באזונדערע וועלטען: די וועלט פון די מצריים און די וועלט פון די עברים, דעם שטענדיגען קאמף צווישען דער געט־ליכער רעליגיע און געצענדינערישען אבערגלויבען, אין קורצען דעם קאמף פון יודענטום געגען פאגאניזם. דאס יודענטום שטעלט מיט זיך פאר די אידעע פון העכערע גייסטיגע ווערטען אין לעבען, ווערענד די געצענדינערישע אבערגלוי־בענס פארקערפערען אין זיך דעם דראנג נאָך ערדישע, חיה׳שע פערגעניגענס. פוטיפר׳ס ווייב נעמט דעריבער גלייך ראכע אָן דעם „נארישען" יוסף׳ן פאר ניט ערפילען איהרע פיזישע פערלאנגען. זי טראכט אויף איהם אויס א ווילדען בלבול, אז ער איז געווען אגרעסיוו צו איהר, און מיט איהר מאן׳ס הילף פאר־שפארט זי איהם אין תפיסה.

גאָט פאַרלאָזט אָבער ניט יוסף'ן אויך אין טורמע. אין יענער צייט האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז צוויי קעניגליכע בעדינער פון פּרעה'ן זיינען געזעסען אין תפיסה פאַר אומטרייהייט צו איהם. איין מאָל דערצעהלען זיי יוסף'ן זייערע מאָדנע חלומות, וועלכע זיי האָבען נאָר וואָס געחלום'ט און קאָנען זיי ניט גוט אויסטייטשען. יוסף, האָבענדיג ערפאַרונג מיט זיינע אייגענע חלומות, איז זיי פּותר חלום. ער טייטשט אויס זייערע חלומות זעהר לאָגיש און ריכטיג, און, לויט זיין פאָראויסזאָגונג, וועט איינער פון די צוויי באַדינער בעפרייט ווערען, און דער אַנדערער וועט באַצאָלען מיט זיין לעבען אין דריי טעג אַרום. זיין ערקלעהרונג ווערט שפּעטער מקוים. יוסף אָבער פאַרבלייבט נאָך אַלץ אין תפיסה גאַנצע צוויי יאָהר, ווייל יענער באַדינער, וועלכער איז בעפרייט געוואָרען, האָט זיך אין גאַנצען פאַרגעסען אָן יוסף'ן און זיין ביטע, אַז ער זאָל זיך סטאַרען ביי פּרעה'ן פאַר זיין באַפרייאונג.

צוויי יאָהר שפּעטער פּאַסירט, אַז פּרעה ווערט שטאַרק אויפגערודערט פון צוויי חלומות, וואָס קיינער פון זיינע כשוף־מאַכער קאָן איהם ניט אויסטייטשען אויף אַ צופרידענשטעלענדען אופן. דער שר המשקים, פּרעה'ס באַדינער, וועלכער האָט זיך פון דער תליה געראַטעוועט, דערמאָנט זיך פּלוצלונג אָן יוסף'ן, וועלכער האָט אַזוי גוט אויסגעטייטשט זיין חלום, און ער רעקאָמענדירט דאָן דעם אידישען שקלאַף אין תפיסה צו פּרעה'ן אַלס אַן אויסגעצייכנעטען אויסטייטשער פון חלומות. פּרעה שיקט גלייך רופען יוסף'ן.

ווי אומפאַרשטענדליך זיינען אייגענטליך די וועגען פון לעבען: אָט ווערט יוסף צוויי מאָל געשטעלט פּנים אל פּנים מיט אייגענשיינליכען אונטערגאַנג: איין מאָל אין גרוב, און דעם צווייטען מאָל אין תפיסה. דאָך זיינען ביידע געשעהענישען פאַר איהם ניט מעהר ווי צייטווייליגע עפּיזאָדען אין זיין שטורעמדיגער קאַריערע, וועלכע פיהרט איהם יעדעס מאָל צו העכערע דערגרייכונגען אין זיין פיל־פאַרביגען לעבען. יוסף, איינהערענדיג זיך צו פּרעה'ס חלומות, וועגען זיבען מאָגערע קיה און זיבען לײדיגע זאַנגען, טייטשט זיי דאָן אויס, אַז עס איז אַן אָנזאָג פון גאָט, דאָס אין זיבען יאָהר אַרום וועט אין מצרים פאָרקומען אַ גרויסער הונגער, און מען דאַרף דעריבער זיך אָנפאַנגען צוגרייטען דורך די זיבען זאַטע יאָהר מיט גענוג שפּייז, כדי די עגיפּטישע באַפעלקערונג זאָל ניט דאַרפען שטאַרבען פון הונגער, ווען די זיבען מאָגערע יאָהרען וועלען אָנקומען.

פּרעה'ן איז דיזע אויסטייטשונג געפעלען געוואָרען. ער האָט גלייך בעגריפען, אַז אין יוסף'ן שטעקט אַ גרויסער גייסט, און ער בעשטימט איהם גלייך אַלס וויצע־קעניג, אָפּצוגעבען זיך מיט דער שווערער אַרבייט פון אָנזאַמלען גענוג שפּייז פאַר די הונגער יאָהרען. פּרעה טוט דאָן אויס זיין קעניגליכען רינג,

און גיט עס איבער יוסף'ן אלס א צייכען, אז ער האט איצט די מאכט איבער גאנץ מצרים, צו זאמלען שפייז אין די שפייכלער, און רעגירען דאס לאנד, לויט זיין פארשטענדעניש.

יוסף איז דאן אין גאנצען דרייסיג יאהר אלט געווען. פון א שקלאף ווערט ער פלוצלונג דערהויבען צו דעם העכסטען אמט פון „שני למלך" אין מצרים. די זיבען פעטע יאהרען זיינען פאראיבער, און דער הונגער פעריאד האט גע־נומען זיך מאכען היימיש אין לאנד, פונקט ווי יוסף האט פאראויסגעזאגט. און אז די מצריים האבען אנגעפאנגען שרייען צו פרעה'ן, אז ער זאל זיי גע־בען ברויט, האט ער זיי געשיקט צו יוסף'ן. דער הונגער איז אלץ מעהר און מעהר אריינגעדרונגען אין מצרים, מארשירענדיג פון דארף צו שטאדט, און פון די שטעדט צו די לענדער ארום, ביז עס האט אנגעקלאפט אין טיר פון יעקב'ן, אין לאנד כנען.

יעקב האט זיך דערוואוסט, אז מצרים איז רייך אין תבואה. האט ער גע־שיקט זיינע צעהן זיהן, אויסער דעם אינגסטען בנימין, אז זיי זאלען געהן קיין מצרים און דארט איינקויפען שפייז צו בעזארגען די הויזגעזינד מיט ברויט. ווי איראניש דער לעבען איז! די זעלבע ברידער, וואס האבען מיט א צייט צוריק פארקויפט יוסף'ן פאר א שקלאף, און דערביי אודאי געטראכט, אז זיי האבען גענומען די געהעריגע ראכע פון איהם און פטור געווארען פון איהם אויף שטענדיג, דארפען איצט שטעהן פאר יוסף'ן, דעם שני למלך, ער זאל קאנען נעמען ראכע אן זיי.

צו קאן דען א פשוט'ער בשר ודם בעגרייפען די מיסטעריעזע קראפט פון לעבען, וואס מאכט א מענשען גרויס אדער קליין, צו קאן דען איין מענש בעשטימען דעם שיקזאל פון א צווייטען, אויב די געטליכע השגחה בעשטימט צו ערשט דעם גורל פון א באטרעפענדער פערזאן? טויזענד ברידער צוזאמען וואלטען דאך ניט געווען אימשטאנד צו דערהויבען יוסף'ן צו דער זעלבער מדרגה, וואס די השגחה האט פאר איהם צוגעגרייט.

יוסף האט גלייך דערקענט זיינע ברידער, ווען זיי זיינען ערשינען פאר איהם, אבער ער האט זיך בעצויגען צו זיי, ווי צו פרעמדע, און גערעדט צו זיי שטרענגע ווערטער. ער האט זיי בעשולדיגט אין קומען אויסצופארשען דאס לאנד פאר זייערע צוועקען, ער האט זיי געשטעלט פארשיידענע פראגען, אויף וועלכע די ברידער האבען געענטפערט צושראקען: „גנעדיגער האר, מיר זיינען ניט קיין מרגלים, מיר זיינען אהער געקומען בלויז צו קויפען ברויט פאר אונזערע פאמיליעס. מיר זיינען עלף ברידער פון איין פאטער. דער אינגסטער ברודער איז געבליבען אין דער היים, ווייל אונזער פאטער האט שטארק גע־זארגט, אז אן אומגליק זאל מיט איהם חלילה ניט פאסירען, ווי מיט זיין ברו־

דער יאָהרען צוריק". יוסף ענטפערט זיי שטרענג: „אויב אייערע ווערטער זיי־נען ריכטיג, דאַן זאָל דאָ בלייבען איינער פון אייך אַלס משכון, און די איבעריגע זאָלען אָנפילען די זעק מיט קאָרן, פאָהרען צוריק אהיים, און שפּע־טער ברענגען מיט זיך דעם אינגערען ברודער. דאָס מוז געטאָן ווערען כדי צו באַשטעטיגען אייערע רייד, אויב זיי זיינען אמת'ע".

די ברידער האָבען זיך דורכגערעדט צווישען זיך: „דאָס איז פון גאָט אַ שטראָף פאַר אונזער נידערטרעכטיגער בעהאַנדלונג פון אונזער ברודער יוסף. יעצט מוזען מיר באַצאָלען פאַר אונזער גרויסען זינד". יוסף שטעהט פון דער־ווייטענס, אָבער ער הערט זיך צו צו זייער געשפּרעך. ער טראַכט ביי זיך, אַז זייער מאָס שטראָף איז נאָך ניט פאַרפילט.

אין מיטען וועג, ווען די ברידער האָבען זיך אָפּגעשטעלט אָנצופיטערען די אייזלען, האָבען זיי פלוצלונג געפונען אין זייערע זעק מיט תבואה צוריק דאָס געלט, וואָס זיי האָבען באַצאָלט פאַר דעם ברויט. האָבען זיי זיך שטאַרק פאַרוואונדערט און דערשראָקען. אַז זיי זיינען געקומען אַ היים, האָבען זיי דערצעהלט זייער פאָטער אַלץ וואָס האָט פּאַסירט מיט זיי. יעקב האָט זיי אויס־געהערט און מיט אַן אומרוהיגער האַרץ זיך געווענדעט צו זיינע קינדער: „צו וואָס האָט איהר גערעדט דערצעהלען דעם האַר פון מצרים וועגען אייער אינ־גערען ברודער"? די זיהן האָבען געענטפערט: „ער האָט זיך שטאַרק נאָכגע־פרעגט וועגען אונזער פאַמיליע. ער האָט געפרעגט: „צו לעבט נאָך אונזער פאָ־טער, צו האָבען מיר נאָך אַ ברודער? „מיר האָבען איהם דעריבער געענטפערט נאָך זיינע פראַגען". אזוי האָבען די זיהן זיך פאַרענטפערט פאַר זייער אַלטען נידערשלאָגענעם פאָטער. יעקב האָט ענדליך מיט אַ געבראָכענעם געמיט זיין צושטימונג געגעבען: „נעמט מיט אַ מתנה פאַר דעם האַר, און גיט איהם אָפּ צוריק דאָס געלט, וואָס איהר האָט געפונען אין אייערע זעק. פילייכט איז דאָס געווען אַ טעות. גאָט זאָל העלפען, אַז איהר זאָלט געפינען חן אין די אויגען פון דעם האַר, ער זאָל אייך גוט בעהאַנדלען, און ניט טאָן חלילה קיין שלעכטס צו בנימין'ען". די ברידער זיינען אָנגעקומען קיין מצרים צום צווייטען מאָל, און ווידער אַמאָל געשטאַנען אונטערטעניג מיט געבויגענע קעפּ פאַר יוסף'ן. ווען ער האָט געזעהן פאַר זיך בנימין'ען האָט ער געהייסען זיינע בעדינער אוועקצו־פיהרען זיינע ברידער צו זיין אייגענעם פּאַלאַץ, זיי זאָלען דאָרטען האָבען אַ סעודה מיט איהם. די ברידער אָבער האָבען זיך דערפון נאָך מעהר צושראָקען, דענקענדיג אַז עס ערוואַרטעט זיי איצט גאָר אַ גרויסער געפאַר. זיכער וועט מען זיי יעצט בעשטראָפען פאַר דאָס געלט, וואָס איז געפונען געוואָרען אין זייערע זעק, און מען וועט זיי זיכער מאַכען פאַר שקלאַפען. אזוי האָבען זיי פאַר־דעכטיגטערהייט געטראַכט.

מיט גרויס קורזש, אָבוואָהל מיט קלאַפּענדע הערצער, האָבען זיך די ברידער געווענדעט צו יוסף'ן, זאָגענדיג, אַז זיי פאַרשטעהען ניט, ווי אַזוי דאָס געלט איז צוריקגעקומען אין זייערע זעק.. יוסף האָט זיי בארוהיגט: „האָט ניט קיין מורא! דאָס האָט דער גאָט פון אייער פאָטער אריינגעלייגט דאָס געלט אין אייערע זעק". ווען יוסף האָט גוט אָנגעקוקט זיין ברודער בנימין, האָט זיך זיין הארץ דערוואָרימט. ער האָט זיך מיט אַמאָל צוריקגעצויגען פון זיינע ברידער און אויסגעבראָכען אין אַ ביטערען געוויין. נאָכהער, האָט ער בעפוילען זיינע בעדינער צו דערלאַנגען צום טיש דעם מאָלצייט. יוסף מיט זיין סוויטע זיינען געזעסען צוזאַמען ביי איין טיש, און זיינע ברידער זיינען געוועזען אויס־געזעצט אַרום אַ צווייטען טיש, לויט זייער עלטער. יוסף האָט אַליין דערלאַנגט צו די ברידער גרויסע חלקים פון דעם מאָלצייט, אָנרופענדיג די ברידער ביי די נעמען. ער האָט זיי געמאַכט גלויבען, אַז ער טרעפט עס דורך כשוף פון זיין זילבערנעם בעכער. נאָכ'ן מאָלצייט האָט ער מיט זיינע ברידער זיך פריינדליך געזעגענט און געלאָזען זיי צוריק געהן צו זייער היים אין כנען. די באַדינער האָט ער אָבער אָנגעזאָגט: „פילט אָן זייערע זעק מיט תבואה, און לייגט ווידער אריין דאָס געלט אין יעדען זאַק". אין בנימין'ס זאַק האָט ער זיי געהייסען אריינלייגען דעם זילבערנעם בעכער.

די זון איז פאַרגאַנגען אין גאָלדענע קאָלירען, און רייך בעפּוצט דעם האָ־ריזאָנט. דער טאָג האָט אָפּגעטראָטען זיין פּלאַץ צו דער נאַכט. אויפ'ן פעלד אויסער'ן שטאָט האָבען זיך צעלייגט יוסף'ס ברידער, זיך אויסצורוהען אַביסעל פון זייער שווערער רייזע. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט פון וווייטען אַ גע־רויש פון רייטער, דערנעהנטערענדיג זיך צו זיי. דאָס זיינען געווען יוסף'ס בע־דינער, וועלכע האָבען אָנגעיאָגט די ברידער און אָנגעפאַנגען אַ אונטערזוכונג אין זייערע זעק. דאָס געלט איז ווידער ענטדעקט געוואָרען, און אין בנימין'ס זאַק האָבען זיי געפונען דעם זילבערנעם בעכער.

די ברידער האָבען זיך געמוזט צוריקקעהרען אין גרויס חרפה צו יוסף'ן. ער האָט זיי אויסגע'מוסר'ט, און אַלס שטראָף פערלאַנגט ער, אַז זיי זאָלען איבערלאָזען בנימין'ען אַלס שקלאַף. דאַן איז צוגעגאַנגען יהודה, זיך געבוקט צו דעם האר פון מצרים און אָנגעפאַנגען צו ערקלערען יוסף'ן, ווי שרעקליך דאָס וועט זיך אָפּרופען אויף זייער אַלטען און שוואַכען פאָטער, וועלכער האָט אַזוי ליב זיין איינגסטען זוהן, אַז ער קאָן זיך בשום אופן מיט איהם ניט שיידען. יוסף האָט זיך מעהר ניט געקאָנט קאָנטראָלירען. ער האָט אַרויסגעשיקט אַלע זייטיגע צוהערער, אויסגעבראָכען אין אַ ביטערען געוויין, און זיך געלאָזט דערקענען צו זיינע ברידער: ער, דער האר פון מצרים, איז דאָס זייער ברודער יוסף, וועמען זיי האָבען פערקויפט צו די ישמעאלים פאַר אַ שקלאַף.

אָט די סצענע איז דער שטאַרקסטער מאָמענט פֿון דער גאַנצער דראַמע. דאָ ווערט געצייגט דער העכערער מענשליכער געפֿיהל אין מענשען, וועלכער דערהויבט איהם פֿון זיין צושטאַנד פֿון ווילדע אינסטינקטען צו דער מדרגה פֿון דער טיף פֿיהלענדער נשמה. דאָס אידישע פֿאָלק שעצט אימער־צו הויך דעם „אָדם המעלה", דעם גייסטיגען געפֿיהלפֿולען מענשען. ניט אַ מענש פֿון פֿיזישער גבורה ווערט ביי די אידען אַנערקענט, נאָר דער מענש פֿון פֿערשטאַנד און שכל, דער מענש פֿון האַרץ און געפֿיהל, אין קורצען — דער עטישער מענש.

יוסף, וועלכער ווערט, לויט אונזער טראַדיציע, אָנגערופֿען יוסף הצדיק, איז געוועזן אָט דער אידעאַלער מענש מיט דעם ברייטען פֿערשטאַנד, וועלכער האָט אויך באַזעסען די אמת׳ע אידישע פֿיהלענדע האַרץ, וואָס פֿאַרגיט שלעכטס און באַצאָלט פֿאַר אומרעכט מיט גוטס.ווען פּרעה האָט זיך דערוואוסט, וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָט ער געהייסען יוסף׳ן, אַז ער זאָל ברענגען זיין פֿאָטער און אַלע זיינע ברידער צו באַזעצען זיך אין מצרים און געניסען פֿון אַלץ, וואָס דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט. די ברידער זיינען געקומען אַ היים און אָנגעזאָגט דעם פֿאָטער די גרויסע בשורה, אַז יוסף לעבט נאָך און אַז ער איז דאָס גאָר דער האַר פֿון מצרים. יעקב האָט דאַן פֿאַרלאָזען באר שבע און זיך באַזעצט מיט זיי־נע קינדער אין גושן, אַ פּראָווינץ פֿון מצרים. יוסף האָט דאַן אויסגעהאַלטען זיין גאַנצע פֿאַמיליע מיט אַלדאָס גוטעס, לויט ווי זיין איידעלער כאַראַקטער האָט איהם דיקטירט.

משה דער פאטער פון די נביאים

(געדאנקען פון א פילאזאפישער אפהאנדלונג פון אחד העם)

וואס פאר א ווירקונג גרויסע מענשען האבען אויף דער היסטאריע פון פעלקער, האט שטענדיג ארויסגערופען א שארפע דיסקוסיע צווישען די פילאזאפען. אייניגע פון זיי האלטען, אז די גרויסע מענשען שאפען היסטאריע, און די מאסען זיינען בלויז דער מאטעריאל, מיט וועלכען זיי באנוצען זיך. אנדערע פילאזאפען דענקען ווידער פארקערט, אז גראד די מאסען פארמאגען אין זיך יענעם כוח, וואס גיט ארויס דעם גרויסען מענשען.

ווי די מיינונגען פון די פילאזאפען זאלען ניט זיין פערשידען, איין זאך בלייבט אבער זיכער: די אמת'ע געשטאלט פון דעם גרויסען מענשען ווערט קיינמאל ניט אפגעשפיגעלט רעאליסטיש. דער גרויסער היסטארישער העלד, וועלכער ווערט פארגעטערט ביים פאלק, איז גראד מעגליך, אז ער האט גאר קיינמאל ניט עקזיסטירט אין דער זעלבער געשטאלט און פארנעם, ווי ער ווערט געמאלען, ווייל עס איז ניטא קיין איין גרויסע פיגור אין דער מענשליכער געשיכטע, וועמען די מענשען האבען דורך זייער פארשטעלונג אויסגעמאלען ריכטיג, לויט זיין אמת'ער געשטאלט. א פאלק מאג זיך אויסמאלען א געוויסע לעבעדיגע בילד פון זיין גרויסען העלד, לויט א פאנטאזיע וואס האלט אן טויזענטער יאהרען. דאך איז עס ניט די אמת'ע בילד פון דעם פאלק'ס העלד, די אריגינעלע פערזענליכקייט פון דעם פארגעטערטען מענשען, וועלכער איז געווען באקאנט צו די ברייטע מאסען פון פאלק פאר זיינע גרויסע העלדענטהאטען, אין דער צייט וואס ער האט געלעבט און געווירקט אויף זיי.

אומזיסט באמיהען זיך דעריבער גרויסע געלערנטע און גריבלען זיך אין אלטע ביכער אדער מאנוסקריפטען, כדי אויסצומאלען דעם גרויסען היסטארישען מאן אין דער זעלבער געשטאלט, וועלכע איז אין זיין צייט געווען באקאנט צו אלעמען. ניט יעדע ארכעאלאגישע אויספארשונג איז א היסטארישער אמת. א היסטארישער אמת איז בלויז דער וועמעס כוח איז אימשטאנד צו ווירקען אויף דער מענשהייט.

נאר יענער מאן ווערט פארצייכענט אלס א היסטארישע פיגור, וועלכער האט שטארק בעאיינפלוסט דעם מענשליכען לעבען פון יענער צייט, אדער

פון די ווייטערדיגע דורות נאָך איהם. און מאָג ער אפילו זיין אַן אויסגעטראַכ־טע פיגור, ווערט ער דאָך פאררעכענט פאַר אַ היסטאָריש־אמת'ען פּערזאָן. עס טרעפט אָפטמאָל, אַז אַ גרויסער קינסטלער פון וואָרט ברענגט אַרויס אַ נייעם אמת וועגען אַ גרויסער פערזענליכקייט פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווען עס געלינגט איהם צו איבערציינגען דורך אבסאָלוטע אויפוויזונגען, אַז יענע נאַציאָנאַלע פיגור, וועלכע לעבט אין די הערצער פון זיינע נאָכפאָלגער, ווירקט אויף זייער ענטוויקלונג, כאָטש עס קאָן גראָד פּאַסירען, אַז דיזע פיגור האָט גאָר קיינמאָל אין דער ווירקליכקייט ניט עקזיסטירט. אויף אַזאַ אויסטייט־שונג פון היסטאָרישע אמת'ען קאָן געזאָגט ווערען, אַז די אידעע פון אַ היסטאָ־רישער פערזענליכקייט מאָג טאַקע ניט שטאַמען פון אַ ווירקליכען פאָלקס־העלד, דאָך איז ניט צו ערוואַרטען, אַז די מענשליכע היסטאָריע זאָל וועלען בייטען דעם נאָמען פון דעם נאַציאָנאַלען העלד, אָדער אָפּלייקענען זיין גרוי־סע ווירקונג אויף זיין פאָלק, ווייל היסטאָריע רעכענט זיך אין דער אמת'ען ניט צופיל מיט'ן ווירקליכען העלד, וואָס איז שוין לאַנג טויט. וויכטיג פאַר דער מענשליכער געשיכטע איז גראָד די לעבעדיגע בילד פון דעם העלד, וואָס איז איינגעוואָרצעלט ביי יעדען מענשען אין האַרצען, און וועלכע איז אימשטאַנד צו זיין אַ גרויסער באַוועגליכער כוח פאַר דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. ריכטיגער געזאָגט, וואָס איז דער אונטערשייד, צו דער אָדער יענער באַוועגלי־כער כוח איז טאַקע געקומען פון אַ לעבעדיגען מענשען, צו ער איז בלויז גע־ווען אַן אויסגעטראַכטע אידעע, מיט אַ מענשליכען נאָמען באַפּוצט. אַ געוויסער תלמיד חכם זאָגט דאָך: „איוב לא היה ולא נברא", איוב האָט גאָר קיינמאָל ניט עקזיסטירט, ער איז בלויז געווען אַ משל אָדער אַ סימבאָל. די הויפּט זאַך איז, ווי ווירקזאַם איז די אמת'ע אָדער אויסגעטראַכטע פערזענליכקייט געווען אויף דעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט.

לאָמיר איצט, אַרויסגעהענדיג פון דעם שטאַנדפּונקט, פּאָזיטיוו אַנאַלי־זירען דעם נאַציאָנאַלען אידישען העלד, וועמעס ווירקונג אויפ'ן אידישען פאָלק איז שטאַרק און אָנגעזעהן, און וועמעס געשטאַלט איז טיף איינגעוואָר־צעלט אין האַרצען פון דער גאַנצער מענשהייט בכלל און אין דער אידישער האַרץ בפרט. ווען מיר קוקען אַריין אין אונזער תורה, ענטפּלעקט זיך תיכף פאַר אונזערע אויגען די גרויסע היסטאָרישע פיגור משה, דער זוהן פון עמרם. ער שיינט דאָרט אַרויס אַלס דער גרעסטער היסטאָרישער מענש פון אונזער רע־ליגיאָן. משה קוקט אויס אין אונזערע אויגען, ווי אַ גרויסע ליכטיגע זון, וואָס ברענגט ליכט, וויסען, און קלאָרקייט אין אַלע מענשליכע פּראָבלעמען און פראַגען.

לאָמיר איצט אפילו זיך משער זיין אויף אַ ווײלע, אַז אַזאַ מאַן ווי

משה האָט אין דער ווירקליכקייט גאָר ניט עקזיסטירט, אז ער האָט גאָר קיין שייכות ניט צו אונזער רעליגיאָן, און אז ער איז אין דער אמת'ען גאָר ניט געווען דער באַפרייער פון די אידען פון מצרים, און זיכער ניט דער אידישער געזעצגעבער. דער פאַקט אָבער באַווייזט, אז דער געטליכער מאַן משה פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אין וועמעס ווירקליכער עקזיסטענץ און גרויסער השפעה מיר גלויבען, איז פאַר אונז אַ זעלבסט באַוואוסטער אמת, ווייל משה'ס געשטאַלט איז אָפּגעשפּיגעלט אין אונזערע אידישע הערצער פאַר דורות לאַנג, זינט ער האָט, לויט מיין מיינונג, ווירקליך געלעבט.

משה'ס ווירקליכע געשטאַלט איז טיף איינגעקריצט אין אונזערע מוחות, ווייל ער איז געווען גאַנצע פערציג יאָהר דער פיהרער פון דעם דור המדבר; איז ער דעריבער פאַרבליבען פאַר טויזענטער יאָהרען אויך אונזער אינספּירי־רענדער און גייסטיגער פיהרער דורך אַלע מדבריות און לענדער, וואו מיר אידען וואַנדערען, זינט מיר זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון ארץ ישראל. צוליב דעם פאַקט אַליין, דוכט זיך מיר, אַז דער ענין איז אַזוי קלאָר און פשוט, אַז מיר נויטיגען זיך גאָר ניט אין קיינע אַרכעאָלאָגישע אויספאָרשונגען, אָדער היסטאָ־רישע אויסטייטשונגען צו באַווייזען, אַז משה איז ניט קיין לעגענדאַרישע פי־גור, אָדער אַן אויסגעטראַכטע פּערזאָן. און שטאַרק גלויבענדיג אין דער ווירק־ליכער עקזיסטענץ פון משה'ן, לאָמיר זעהן וואָס פאַר אַ פיהרער ער האָט מיט זיך אַזוינס פאָרגעשטעלט, אָדער בעסער געזאָגט, וואָס איז דער גרויסער רע־ליגיעז־נאַציאָנאַלער אידעאַל, וואָס משה האָט געפּריידיגט צו די אידען.

מיר זעהען אין דער וועלט פערשיידענע העלדען. עס זיינען דאָ העלדען אויף דעם שלאַכט־פעלד, עס זיינען דאָ אויך העלדען פון וואָרט און פען. איז משה געווען אַ מיליטערישער העלד? ניין, די תורה באַצייכענט איהם ניט אַלס אַ גענעראַל פון אַן אַרמיי, וואָס שלאָגט זיך מיט'ן שונא. ווען מיר זעהען איהם אויפ'ן שלאַכט־פעלד מיט די עמלקים, הויבט ער ניט קיין שווערד געגען קיי־נעם. ער הויבט בלויז זיינע הענט אויף צו גאָט און איז מתפלל, אַז די אידישע אַרמיי זאָל זיין העלדיש און מוטיג, און זאָל מנצח זיין דעם שונא. אָבער ער אַליין באַטייליגט זיך ניט אין דער מלחמה.

איז משה געווען אַ שטאַטסמאַן? ניין, מיר לייענען אין דער תורה, אַז ווען משה האָט געדאַרפט רעדען מיט פרעה'ן וועגען זעהר וויכטיגע פּאָליטישע ענינים פאַר דעם אידישען פאָלק, האָט גאָט געהייסען, ער זאָל נעמען זיין ברו־דער אהרן, אום ער זאָל פאַר איהם רעדען. איז משה געווען אַ געוועהנליכער גע־זעצגעבער? ווידער אַמאָל ניין! יעדער פשוט'ער געזעצגעבער מאַכט געזעצען מעהרסטענטייל פאַר זיין אייגענער צייט, וועלכע זאָלען זיין צוגעפּאַסט צו דער נויט פון זיין פאָלק, וואו עס געפינט זיך. משה האָט אָבער געגעבען געזעצען פאַר

דער ווייטער צוקונפט, פאַר דורות שפּעטער. אייניגע פון זיינע געזעצן האָט מען גאַר גלייך ניט געקאָנט אויפנעמען.

וואָס זשע איז משה פאַרט געווען? אונזער תורה דריקט זיך אוים אויף משה'ן: „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה, אשר ידעו ה' פנים אל פנים". אַט דאָס איז געווען משה, א נביא. די שפּעטערדיגע דורות האָבען איהם טאַקע אָנגערופען „אבי הנביאים", דער פאָטער פון די נביאים. אַזאַ טיטול איז דער שעהנסטער, וואָס אַ שפּראַך קאָן געבען אַ מענשען. דער גרויסער נביא האָט באַזעסען צוויי פונדאַמענטאַלע מעלות, וועלכע האָבען איהם געמאַכט צו זיין אַ וועג-ווייזער פאַר אַלע שפּעטערדיגע נביאים.

ערשטענס, איז ער געווען אַן „איש אמת". ער האָט געזעהן דעם לעבען פונקט ווי ער איז. ער האָט געזאָגט דעם אמת ניט בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען איבערצייגט אַז דאָס איז דער אמת'ער אמת. דער אמת איז ביי איהם געווען אַ טייל פון זיין איידעלען כאַראַקטער, אַ טייל פון זיין טיפער נשמה, און ער האָט זיך פון איהם ניט געקאָנט באַפרייען.

די צווייטע פונדאַמענטאַלע מעלה זיינע איז געווען, וואָס אַלס נביא, איז ער געווען אַ קנאי, אַן עקסטרעמיסט. ער האָט קאָנצענטרירט זיין גאַנצען וועזען אויף איין אידעאַל: אחדות הבורא, דעם גלויבען אין איין איינציגען גאָט, וואָס ער האָט געפונען אין לעבען, און ער האָט דעריבער בעשלאָסען צו פריידיגען דעם אידעאַל צו דער גאַנצער מענשהייט. זיין גרויסע נשמה האָט אימער געשטרעבט נאָך דיזען אידעאַל, און ווען ער האָט געקראָגען אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגען דעם, וואָס ער דאַרף זיין, האָט ער פון איהם ניט אָפּגעטראָטען אפילו כחוט השערה. ער גלויבט ניט אין קיינע קאָמפּראָמיסען. מאָג אפילו די גאַנצע וועלט שטורעמען געגען זיינע אידעען, בלייבט ער אַלץ ביי זיינס. פון אַט די צוויי גרויסע מעלות זיינע, קומט ביי משה'ן אַרויס נאָך אַ דריטע אייגענשאַפט, און דאָס איז זיין געפיהל פאַר גערעכטיגקייט און יושר. פון די דריי זעלטענע אייגענשאַפטען איז די נשמה פון אונזער גרויסען נביא בעשטאַנען.

ער האָט אין זיך פאַרקערפּערט דעם גורל פון דעם אידישען פאָלק. ווען פרעה האָט אַרויסגעצייגט די גרעסטע אכזריות געגען די אידען אין מצרים, באַפעלענדיג צו דערטרינקען יעדען ניי-געבוירענעם אידישען אינגעל אין טייך נילוס, האָט משה'ס מוטער, יוכבד, באַשטימט זיין אייגענעם גורל, ווי אויך דעם גורל פון דעם אידישען פאָלק, מאַכענדיג פאַר איהם אַ קעסטעלע פון פּימסען-האָלץ, אַריינלייגענדיג איהם אין דאָס קעסטעלע, און לאָזענדיג דאָס קעסטעלע שווימען אויפ'ן וואַסער. זי האָט געוואַרט אויף אַ נס מן השמים, וואָס זאָל ראַטעווען איהר ליבען קינד. און דער נס איז טאַקע געשעהן. דאָס קינד אין קעסטעלע איז טאַקע אָוועקגעשוואומען פון דער געפאַר איינגעשלונ

גען צו ווערען פון קראָקאָדילען, און איז גאָר צוגעשוואומען צו דער האַנט פון פרעה'ס טאָכטער. מיט איין האַנט האָט פרעה געוואָלט פארניכטען דאָס איד־דיש פאָלק, אָבער מיט דער צווייטער האַנט, (דורך זיין טאָכטער) האָט ער גאָר געראַטעוועט דאָס פאָלק פון אונטערגאַנג.

משה איז דערצויגען געוואָרען אין פרעה'ס פאַלאַץ, ווי א פרינץ, אָבער זיין אידיש הארץ, אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון זיין מוטער, וועמעס מילך ער האָט איינגעזויגען פון זיין קינדהייט, האָט שטארק געבענקט נאָך זיינע אייגענע ברידער. איין מאָל איז משה ארויס פון קעניג'ס פאַלאַץ אָנצו־קוקען זיינע פארשקלאַפטע ברידער, איז איהם גלייך אַנטקעגען געקומען אַן אַקט פון אומגערעכטיגקייט: א מצרי'שער אויפזעהער שלאָגט א אידישען שקלאַף. דוכט זיך פון אויבענאויף, א גאַנץ פשוט'ע ערשיינונג אין יענער צייט. דער מצרי איז דאָך דער האר, און דער איד איז זיין שקלאַף. פון דעסטוועגען פארטראָגט דאָס ניט דער צוקינפטיגער נביא, און ער העלפט גראָדע דעם שוואַכערען.

א צווייטען מאָל טרעפט ער צוויי אידען קריגען זיך, צוויי ברידער, ביידע קנעכט ביי פרעה'ן, און דאָך לעבען זיי ניט בשלום. דאָס שטורעמט אויף משה'ס גערעכטיגקייט געפיהל אין זיין הארצען, און ער מוסר'ט אוים דעם אידישען רשע, ווארום ער שלאָגט זיין ברודער. דער נביא האָט דאַן איינגעזעהן, ווי שווער עס איז צו געפינען גערעכטיגקייט אויף דער וועלט. ווען פרעה דער־וויסט זיך וועגען משה'ס צוויי חוצפה'דיגע טהאַטען, מוז ער, דער עגיפטישער פרינץ, פערלאָזען מצרים. עס איז איהם דאָ געוואָרען צו ענג, און ער ענטלויפט קיין מדין.

אָבער איידער ער האָט נאָך גענוג צייט געהאַט זיך אָפצורוהען פון דער לאַנגער וועג, און זיך צו בעקאָנען מיט די מענשען פון דעם נייעם לאַנד, הערט ער ווידער אַן אויסגעשריי נאָך גערעכטיגקייט. דאָס מאָל זיינען עס ניט געווען זיינע אייגענע ברידער, נאָר גאָר פרעמדע מענשען. אָבער וואָס מאַכט עס אוים? דער נביא מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישען מענש און מענש. איהם אינטערעסירט בלויז גוטס און שלעכטס. ער זעהט, די שטאַרקע מענער פאַס־טוכער פארטרייבען שוואַכערע פרויען פון א ברונעם, וואוהין זיי זיינען געקו־מען אָנטרינקען זייערע שאָף, קומט ער גלייך צו הילף די שוואַכע פרויען. די דריי עפיזאָדען אין משה'ס יונגען לעבען טראָגען דעם זעלבען כאַראַקטער: דער צוקינפטיגער נביא קעמפט כסדר מיט דער וועלט אין נאָמען פון גערעכטיגקייט.

משה באַזעצט זיך אין מדין. דאָ ווערט א נייער קאַפיטעל פארשריבען אין דער געשיכטע פון דעם גרויסען נביא. פאַר דער צייט, וואָס ער איז אוועק פון מצרים, איז געשטאָרבען יענער פרעה, וואָס האָט איהם פארפאָלגט. אָבער די

אידען זיינען נאָך אַלץ געווען שקלאַפען, בויענדיג פאַר'ן נייעם קעניג פּיראַמי־דען, גרויסע טורעמס און גאַנצע שטעט. דער בעכער פון טרערען און ביטערניש ווערט פאַרפילט. אַ וויי־געשריי רייסט זיך אַרויס פון דער געפּייניגטער אידי־שער האַרץ. גאָט דערהערט זייער געשריי און דערמאָנט זיך אָן זיין צוזאָג צו זייערע פאָטערס: אברהם, יצחק, און יעקב.

פּונקט אין יענער צייט געפינט זיך משה אין דעם מדבר, פּיטערענדיג די שעפּסען פון זיין שווער יתרו, דעם כהן פון מדין. פּלוצלונג דערהערט ער אַ שטימע וואָס רופט צו איהם — „וואָס זיצסטו דאָ משה? געה צוריק קיין מצרים און קעמף פאַר די אונטערדריקטע און באַליידיגטע ברידער! פאַר דעם קאַמף בימ־טו ספּעציעל פּאַסיג". משה וויל זיך באַפרייען פון גאָט'ס שטימע, אָבער ער קאָן עס ניט. דער נביא אין איהם מוז אויספאָלגען גאָט'ס באַפעהלען. די געטליכע שטימע, וועלכע ער הערט פון דעם ברענענדיגען „סנה", דעם דאָרן, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרלאָשען, פאַרפאָלגט דעם נביא די גאַנצע צייט, און דערמאָנט איהם אָן זיין קאַמף פאַר דעם אמת נאָך אין זיין יוגענט. פון יע־נע יונגע יאָהרען אָן ביז איצט, האָט ער כסדר געשטרעבט נאָך גערעכטיגקייט. די בעסטע יאָהרען זיינע האָט ער אָנגעווענדעט אין דעם קאַמף. וואו איז דער נצחון? קאָן ער נאָך געפינען קרעפטען אין זיין עלטער צו דערגרייכען זיין מיסיע, ווען זיין יוגענט האָט דאָס איהם ניט פאַרזיכערט?

אָבער, וואָרום ברענט נאָך אַלץ דער פייער און ווערט ניט אויסגעלאָשען? פּלוצים דערהערט ער ווידער גאָט'ס שטימע: „איך בין דער גאָט פון דיינע עלטערען אברהם, יצחק, און יעקב. איך האָב געזעהן, ווי מיינע קינדער פּלאָגען זיך, און האָב זייער געשריי דערהערט. געה און בעפריי די קינדער פון ישראל פון זייער קנעכטשאַפט אין מצרים". דער קוואַל פון געטליכער השגחה האָט אָנגעפילט דעם נביא'ס האַרץ מיט מוט, האָפענונג, און באַנייטער יוגענט־קראַפט.

ער האָט דערזעהן דעם וועג פון זיין לעבענ'ס מיסיע. ביז איצט האָט ער אוועקגעגעבען זיינע קרעפטען צו אַ פרעמד פאָלק, וואו ער איז באַטראַכט גע־וואָרען ווי אַ גר. ער האָט זיי געלערנט די וועגען פון אמת און גערעכטיגקייט, אָבער זיי האָבען זיין לעהרע ניט אויפגענומען. יעצט וועט ער בעסער געהן צו זיין אייגען פאָלק, און רעדען צו זיי אין נאָמען פון זייער גאָט. זיי, זיינע ברי־דער, וועלען איהם אפשר אויפנעהמען ווי געהעריג. אונטער דעם געדאַנקען בליץ פון דער גראַנדיעזער אידעע, פאַרגעסט דער נביא אַלע שטערונגען, וואָס קאָנען זיך אַמאָל געפינען אויף דעם וועג פון רעאַליזירונג פון זיינע אידעאַלען, און ער שטעלט זיך גלייך פאַר, ווי ער איז שוין אין מצרים און רעדט צו זיינע ברידער. צו פּרעה'ן וועט ער אַליין ניט געהן. דערצו דאַרף מען אַ מאַן מיט אַ

געשלויפּענעם צונג, וואָס זאָל קאָנען ריהרען דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ פון דעם קעניג. ער, זייענדיג אַ „כבד פה", טויג זיך דעריבער ניט דערפאַר. ער וועט בעסער פריהער געהן צו די זקני ישראל, פאַר זיי וועט ער ערקלערען זיין אויפגאַבע, אַז גאָט האָט זיך פאַר איהם באַוויזען און איהם געשיקט צו זיי.

און אויב זיי וועלען איהם ניט גלויבען, דאַן ווייסט ער שוין וואָס צו טאָן. מיט נסים ונפלאות וועט ער זיי באַווייזען זיין נאָהענטקייט צו גאָט. דאָך, ניט אַזוי וויל ער געווינען זיין פאָלק! און אויב עס איז ניטאָ קיין אַנדער וועג צו געווינען דעם צוטרוי פון די אידען, ווי נאָר דורך וואונדער, דאַן זאָל עס אַן אַנדערער טאָן. ער וועט בעסער בלייבען מיט זיין ריינעם אמת אין פעלד, צווישען די אומשולדיגע רוהיגע באַשעפענישען. אָבער די געטליכע שטימע לאָזט איהם ווייטער ניט צורוה, פונקט ווי דער פייער פון דעם דאָרן־בוים ווערט קיין מאָל ניט פאַרלאָשען. ער מוז געפינען אַן אויסוועג פון זיינע נשמה ליידען. אַם ענדע געפינט דער נביא דעם ריכטיגען וועג, ווי אַזוי צו באַווירקען זיינע ברידער. ער האָט דאָך אַ ברודער אין מצרים, אהרן, וועלכער איז דאָרט אַ פאַרשטעהער פון אידישען פאָלק. אהרן קאָן דאָך שעהן רעדען, וועט ער דעריבער זיין זעהר נוצליך אין אַזאַ וויכטיגען מאָמענט. ער וועט שוין פאַר איהם רעדען אויך צו פרעה'ן.

דער גרויסער דראַמאַטישער מאָמענט איז געקומען. משה און אהרן ערשיינען פאַר פרעה'ן. אהרן טענה'עט מיט איהם, אָבער דער גרויזאַמער קעניג בלייבט איינגע'עקשנ'ט. גיט משה אַ צייכען, און דער הימעל עפענט זיך אויף, און אויף מצרים גיסט זיך אויס גאָט'ס צאָרען — די צעהן מכות. „ביד חזקה ובזרוע נטויה", מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטען אָרעם, געהען די אידען אַרויס פריי פון שקלאַפען לאַנד, אַ גרויסע מחנה מענשען.

שפּעטער שפּאַלט משה פאַר זיי דעם ים סוף, און פרעה מיט זיינע אַרמייען ווערען דערטרונקען אין ים. דאָ ערשט דערזעהען די אידען די גרויסע נסים און נפלאות פון גאָט, מיט וועלכע משה האָט זיך געמוזט באַנוצען, און זיי פאַנגען אָן אין איהם נאָכמעהר צו גלויבען און צו באַוואונדערען איהם. אין יענער שטונדע פון זיין גרויסען טריאומף, איז דעם נביא'ס האַרץ איבערפילט מיט פרייד. ער דריקט עס אויס אין אַ פּאָעטישען געזאַנג. משה זינגט שירה — „אז ישיר משה"... — אַ לויב־געזאַנג צו גאָט.

אַ מענשען'ס לעבען פיהרט זיך אָבער ניט, ווי מען וויל. איין טריאומף נאָך דעם צווייטען קומט ניט אַזוי שנעל. דער נביא באַגעגענט באַלד אַ גרויסע שטערונג אין זיין ווייטערער אונטערנעמונג. אמת, פרעה אַליין איז שוין טאַקע מעהר ניטאָ, אָבער זיין איינפלוס איז נאָך אַלץ פאַרט געבליבען. דער האַר איז

שוין געוואָרען אויס האַר. אָבער דער שקלאַף? ער פערבלייבט נאָך אַלץ אַ שקלאַף, אַמוויינינגסטענס אין זיין גייסט. אַ פאָלק וואָס ווערט דורות לאַנג ער־צויגען אין אַ שקלאַפערישער אַטמאָספערע, קאָן נישט אין איין אויגענבליק באַ־פרייען זיך פון די שקלאַפישע געפיהלען און ווערען גלייך פריי, מיט אַ געזונ־טען גייסט, אפילו ווען די קייטען זיינען שוין צוריסען.

אין אַ קורצער צייט שפּעטער, פאַנגט אָן דאָס גייסטיג שקלאַפערישע פאָלק צו בונטעווען זיך. אָבער דער נביא גלויבט נאָך אַלץ אין דעם כוח פון זיין שליחות. ער איז איבערצייגט, אַז דער אידעאַל, וואָס ער מוז איבערגעבען זיין פאָלק, וועט האָבען גענוג קראַפט בייצוקומען דעם איינגעבוירענעם גע־פיהל פון קנעכטשאַפט ביי די בעפרייטע אידען, און ער וועט אַריינבלאָזען אין זיי אַ נייעם גייסט. אָט דער גייסט וועט זיי דערהויבען צו דער געהעריגער הויך, אַז זיי זאָלען ווערען איבערגעבען צו זיין אידעאַל.

וואָס זשע טוט דאָן דער נביא? ער פאַרזאַמעלט זיי אַרום דעם באַרג סיני. פּלוצלונג ווערט דורך דונערען און בליצען דער הימעל געעפענט, ביז צו זיין וויטסטער טיפקייט, און די הערליכקייט פון גאָט שיינט אַרויס אין אַ גלאַררייכער פּרעכטיגקייט און פאַרשפּרייט ליכט איבער דער גאַנצער וועלט. דער „מלך המלכים“, דער קעניג פון דער גאַנצער וועלט; דער „היה, הוה, ויהיה“ — דער אַלמעכטיגער און אייביג־עקזיסטירענדער; דער גאָט פון אברהם, יצחק, און יעקב ענטפּלעקט זיך פאַר די אידען.

גאָט, דער באַשעפער פון הימעל און ערד, וועלכער האָט אויסגעפורעמט דעם מענשען אין זיין אייגענער געשטאַלט, קלייבט אויס פון דעם גאַנצען מין מענש בלויז דאָס פאָלק ישראל, אַלס זיין אויסדערוועהלטען פאָלק. זיין תורה פון צדק און יושר, רחמנות און ליבע גיט ער איבער נאָר צו די אידען, אַז זיי זאָלען דינען אַלס אַ מוסטערהאַפטען ביישפּיל פאַר דער גאַנצער מענשהייט, ווי אַזוי אָפּצוהיטען גאָט׳ס לעהרע, און נאָכגעהן אין זיינע דרכים. די אידען, דער־הערענדיג גאָט׳ס שטימע, ווערען אַזוי באַגייסטערט פאַר זיין תורה, אַז זיי שרייען גלייך אויס אין גרויסען עקסטאַז: „נעשה ונשמע“! „מיר וועלען טאָן און פאָלגען“!

דער נביא איז איבערגליקליך. ער פאַרלאָזט רוהיג די היסטאָריש־געטליכע פאַרזאַמלונג, און געהט גלייך אַרויף אויף דעם שפּיץ פונ׳ם באַרג סיני, צו פאַר־פאָלקאָמען די געזעצען פון דער תורה אין איינזאַמקייט. ער ווערט דאָרט פאַרזאַמט. די אידען ווערען באַלד אומרוהיג, און אין אַ פאָר טעג וואַרפען די גייסטיגע קנעכט גלייך אום דעם פאַנטאַסטישען פּאַלאַץ, וואָס דער נביא האָט נאָר וואָס פאַר זיי אויסגעבויט, אַ פּאַלאַץ פול מיט הויכע רעליגיעזען גייסט,

טיפען גלויבען, און שטארקען אידעאַליזם, און אָנשטאָט דעם, מאַכען זיי באַלד פאַר זיך אַ געטשקע, דעם „עגל הזהב". די באַגייסטערטע שטימען פאַר גאָט מיט עטליכע טעג צוריק ווערען גלייך פאַרביטען אויף די באַנומענע קולות פאַר'ן עגל. אפילו אהרן, וועמען דער נביא האָט באַשטימט אַלס זיין מיטהעלפער, ווערט הינגעריסען פון די מאַסען. ער העלפט זיי מאַכען דעם עגל, און ער ערלויבט זיי דינען צו איהם. אהרן געהט מיט מיט'ן שטראָם, ער קומט ווייט ניט צו זיין געניאַלען ברודער משה.

ווען דער נביא קעהרט זיך צוריק פון באַרג סיני מיט דעם געטליכען דאָ־קומענט — די „עשרת הדברות", און דערזעהט די אידען, טאַנצענדיג אַרום דעם עגל הזהב, לויפט גלייך דורך אַ ציטער אין זיין הארצען. ער ווערט אויפגעשוידערט, ער שליידערט באַלד אוועק די לוחות צו דער ערד, און זיי ווערען צובראָכען אויף שטיקער. זיין גלויבען אין זיך און אין זיין שליחות ווערט אויפגעטרייסעלט. ער דערזעהט די גרויסע שוועריגקייטען צו קאָנען שאַפען אַן „אתה בחרתנו" פאָלק פון אַזאַ הארטען מאַטעריאַל, פון אַן עם „קשה עורף", אַזאַ עקשנות'דיגען פאָלק.

אין יענעם מאָמענט, דערהערט דער נביא גאָט'ס וואָרט, וואָס וויל פאַר־ניכטען דאָס גאַנצע נאַציאָן, אַ חוץ דעם שבט לוי, וועלכער האָט זיך אין דעם געצענדינסט ניט באַטייליגט. בלויז צו די לויים, וועלכע זיינען איהם געבלי־בען געטריי, וועט ער אוועקגעבען די תורה, און מאַכען פון זיי אַ מוסטער־פאָלק. משה אָבער שטימט ניט איין מיט גאָט. ער האָט רחמנות אויף זיינע פאַרפיהר־טע ברידער, ער נעמט זיך שטארק אָן פאַר זיי, און גאָט גיט איהם נאָך זיין בקשה.

משה איז ניט אהרן, ער בויגט זיך ניט צו די אומשטענדען. אמת, ער זעהט איין, וואָס פאַר אַ שוועריגקייטען עס שטעהען איהם אַנטקעגען. אָבער ער באַשליסט צו געהן ווייטער אויף זיין דערנער־וועג פון גייסטיגער באַפרייאונג פון די אידען. משה איבערצייגט זיך, אַז די געטליכע צייכענס, די דונערען און בליצען, קאָנען אַרויסרופען ענטוזיאַזם ביי די גייסטיגע שקלאַפען נאָר אויף אַ קורצער וויילע. זיי קאָנען אָבער ניט שאַפען אַ נייע הארץ און נייע זיטען מיט גוטע געוואוינהייטען, וועלכע זאָלען זיין דויערהאַפט. ווערט דאַן דער גרויסער נביא נאָר אַ לעהרער צו זיין פאָלק. ער לערנט און ערציהט זיי טראָט ביי טראָט, ביז זיי פאַנגען אָן צו ווערען צוגעפּאַסט און פעהיג אויפצונעמען דעם גרויסען אידעאַל זיינעם, דעם אידעאַל פון דער תורה.

נאָך פלוצלונג פאַסירט ווידער אַ טרויעריגער אינצידענט. דאָס פאָלק איז שוין אויפ'ן וועג באַלד אַריינצוקומען אין דעם פאַרשפּראָכענעם הייליגען

לאנד, און איז גרייט אָנצופאנגען צו בויען דאָרט אַ נייעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלען לעבען אויף די יסודות פון דעם העכסטען מאָראַל, וואָס די תורה פּריידיגט. שיקט דאַן משה 12 מרגלים קיין כנען, אויסצופאָרשען דאָס לאַנד, און זיי קומען צוריק ענטוישטע. זיי גיבען אָפּ אַ באַריכט: „די לאַנד איז טאַקע רייך און פעט, אַן „ארץ זבת חלב ודבש", אָבער די איינוואוינער דאָרט זיינען זעהר שטאַרק און מעכטיג, און מען וועט זיי ניט קאָנען באַזיגען". זייער שלעכטער באַריכט האָט דעם נביא שטאַרק אויפגעטרייסעלט. ער טראַכט ביי זיך, אַז זיין גאַנצע האָפענונג האָט ניט קיין פונדאַמענט, און נוצלאָז איז זיין לעהרע. אַ פאָלק מיט אַ נידעריגען גייסט קאָן ניט אויפנעמען קיין הויכע אידעאַלען. די איינציגע זאַך, וואָס ער מוז איצט טאָן, איז צו וואַנדערען אין דעם מדבר נאָך פילע יאָהרען, ביז אַ נייער דור וועט אויפוואַקסען, אַ דור וואָס וועט פון געבורט אָן ערצויגען ווערען דורך איהם אין פולשטענדיגער פרייהייט, און וועט דעריבער קאָנען באַגרייפען זיין אידעאַל.

עס האָט זיך געפאָדערט אַ קוואַל פון געדולד, מוט, און קוראַזש צו קאָנען בייקומען אַזאַ געפאַהר פון ווידערשטאַנד מצד דעם דור המדבר. דאָס איז געוועזן פילייכט נאָך פיל שווערער, ווי צו שפּאַלטען דעם ים. אָבער די גרויסע נויטיגע מאָס פון משה'ס איבערמענשליכער גבורה, האָט אַלץ בייגעקומען.

אומזיסט האָבען די אידען זיך געבעטען ביי משה'ן, ער זאָל זיי פיהרען קיין ארץ ישראל אריין. דער האַר פון די נביאים באַשטעהט אויף זיין באַשלוס, ניט קוקענדיג אויף זייער טיפען טרויער, מיט וועלכען ער סימפּאַטיזירט שטאַרק. אויף זייערע בקשות, האָט ער נאָר איין ענטפער: „געהט ניט, גאָט איז ניט מיט אייך!"

יאָהר איין, יאָהר אויס, גיט דער נביא איבער די גרויסע לעהרע פון דער תורה צו די יונגע לייט פון דעם דור המדבר. ער ווערט ניט מיד איבערצו־חזר'ן פאַר זיי די געזעצען פון גאָט, כדי זיי זאָלען קאָנען ווערען די וועג־ווייזער פון דער צוקינפטיגער מענשהייט. דער נביא טראַכט נאָר וועגען דעם אידישען עתיד, ציהענדיג זיין אינספּיראַציע פון דעם גלאָררייכען אידישען עבר. די געגענוואַרט האָט פאַר איהם אַבסאָלוט קיין ממשות'דיגע בעדייטונג, דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מדבר לעבען.

די פערציג יאָהר זיינען שנעל איבערגעלאָפען. דער נייער דור איז שוין פעהיג צו קאָנען פאַרקניפּען דעם איבערגעריסענעם פאָדים פון זיין נאַציאָנאַלען קאַמף. משה איז גרייט צו פיהרען די אידען אין הייליגען לאַנד. אָבער גראָד דאַן שטאַרבט דער גרויסער אויסלייזער פון אידישען פאָלק, דער גרויסער פיהרער און ערציהער, משה רבנו. זיין לעבענס שטרעבונג ווערט ניט

ערפילט. אויף זיין תלמיד יהושע פאַלט גאָר די גרויסע ראָלע, אריינצוברענגען די אידען אין דעם פארשפּראָכענעם לאַנד פון זייערע אבות.

אָבער פאַר וואָס שטאַרבט דער נביא גראַד דאַן? ווארום האָט ער אַליין ניט דערפילט זיין אויפגאַבע ביז צום סוף? די געשיכטע אונזערע גיט ניט קיין קלאָרען ענטפער דערויף. עס איז מעגליך, אז ווען די צייט איז געקומען, אז זיין אידעאַל זאָל פארווירקליכט ווערען אין לעבען, קאָן דאַן דער נביא ניט זיין מעהר דער פיהרער. ער, דער גרויסער גייסטיגער ארכיטעקט, מוז דאַן זיין פּלאַן איבערגעבען א צווייטען, א מעהר פּראַקטישען פון איהם. פּראַקטיק האַר־מאָנירט זעהר זעלטען מיט׳ן אידעאַל. אידעאַלען, ווען זיי דאַרפען פארווירק־ליכט ווערען אין לעבען, באַגעגענען זיי אימער שווערע אומשטענדען, וועלכע פאָדערען פארשיידענע קאָמפּראָמיסען; דעם טרעגער פון א אידעאַל איז זעהר שווער אָפּצוטרעטען פון זיינע פּרינציפּען. אָבער דער לעבען איז דאָך שטאַר־קער. דער כוח פון די מאַסען צווינגט אַרויף אַנדערע וועגען און מעטאָדען. מוז דאַן קומען א צווייטער טיפּ פיהרער, וואָס פּאַסט זיך צו דער פּראַקטישער ארבייט פיל מעהר פון דעם אידעאַל טרעגער אַליין. משה שטאַרבט דעריבער, איידער זיינע הערליכע טרוימען פאַנגען אָן פארווירקליכט צו ווערען.

וועגען משה רבנו איז זיכער קיין פראַגע ניט, אז ער האָט געשאַפען די אידישע היסטאָריע פון זיין צייט.

ישעיה הנביא זוכט אַ שטעלע.

(אַ הומאָרעסקע).

ישעיה זיצט זיך אויף אַ קליין בענקעלע אין פּרדס, לעבען זיין קליין אָרים הייזעלע, אין דער הייליגער שטאָט ירושלים. ער זיצט זיך גאַנץ באַקוועם און צופּקעט אַ ציגאַר, וואָס איז אימפּאָרטירט געוואָרען פון האוואנא, ערגעץ־וואו אין דער ווייטער אַמעריקא. ער האָט פיל נחת, קוקענדיג אויף דעם דין־בלויען וואָלקען פון רויך, וועלכער הויבט זיך פון ציגאַר אין הימעל אריין, און דער־מאָנט זיך גלייכצייטיג אָן די „קטורת" וואָס מען האָט גערויכערט דאָרטען צום רבונו של עולם נאָך אין יענע גוטע צייטען, ווען עס איז געווען אַ מלך ביי אידען, און דער כהן גדול איז געווען געקליידעט אין די בגדי כהונה, אין דעם חושן ואפוד.

דער בריוו־טרעגער טראָגט אריין די פּאָסט: פילע בריוו, און אויך אַ זשורנאַל, וועלכער קומט פון יענע ווייטע מקומות דאָרט אין אַמעריקא. ער הויבט אָן לעזען דעם זשורנאַל. וואָס איז דאָרט ניטאָ? אַ מין מיש־מאַש, אר־טיקלען פון אַלע סאָרטען און אַזוינע משונה'דיגע מודעות, וועלכע פאַרנע־מען גאַנצע זייטלאַך און פאַרפלייצען ממש דעם גאַנצען זשורנאַל, „אַדווער־טייזמענטס" הייסט עס ביי זיי. אגב באַמערקט ער דעם הויפּט־פּעליעטאָן אונ־טער'ן נאָמען „רעליגיעזע רעפאָרמען". אהא, דאָס געפעלט איהם שטאַרק! נעמט ער זיך צום לעזען. ערשט וואָס פאַר אַ פּלוידעריי, באַרימעריי און נאַרישע גאוה געפינט ער דאָרט. אָך, ווען די חברה וואָלטען נאָר געלייגט אַ האַנט אויף די עשרת הדברות, וואָלטען זיי זיי אין גאַנצען צוקאַלעטשעט, און געווים וואָל־טען זיי אונז געגעבען אַ נייע רעוויזירטע ווערסיע פון דעם ערשטען געבאָט. אַזוי, למשל, וואָלטען זיי געזאָגט: „מיר זיינען גאָט דיין גאָט, דו זאָלסט ניט האָבען קיין אַנדערע געטער אַ חוץ אונז". זיי רעדען דאָך אימער אַזוי בלשון רבים, „מיר", „אונז", „מיר זיינען די, וואָס יעניגע...." ישעיה טראַכט און קאָן זיך ניט איינהאַלטען פון געלעכטער. וואָס ווילען זיי? הא, רעפאָרמען? אין תוך גערעדט, קאָן מען זיי ניט שטאַרק באַשולדיגען. פאָלגען גאָט איז פיל טייערער אין זיינע אויגען, ווי ברענגען איהם קרבנות; דאָס האָט דאָך שמואל הנביא געזאָגט נאָך מיט שעהנע עטליכע הונדערט יאָהר צוריק. זיי ווילען מאַ־כען זייערע רעליגיעזע ענינים איינפאַכער און אויפריכטיגער — גאַנץ פיין!

זיי ווילען שניידען די תפילות, און מאכען זיי הארציגער, אריינברענגען מעהר הארמאָניע און עסטעטישע שעהנקייט אין זיי — אויך ניט שלעכט! ווייניגער ווערטער, מעהרער געבעט! ווייניגער תפילות און פיוטים, מעהרער נשמה און געפיהל! עס וואָלט געווען גאנץ גוט. אָבער אום גאָטעס ווילען, עס איז דאָך אַ רחמנות צו קוקען, ווי אַזוי זיי נעמען זיך צו דער ארבייט, ווי פּשוט'ע בעל־מלאכות, אָהן קיין הארץ און פארשטאַנד פאר דער זאַך. זיי פארגעסען זיך גאָר אין גאַנצען, אַז רעפאָרמירען די אידען איז פיל וויכטיגער, ווי רע־פאָרמירען דאָס אידישקייט. זיי זיינען דאָך „טויט־קראַנק", זייערע הערצער זיינען באַוואַקסען מיט פעטס, ניטאָ אין זיי דער חוש פון מיטפיהלען. מען דאַרף ארויסנעהמען פון זיי זייערע פארגליווערטע הערצער, און אריינלייגען נייע הערצער, וועלכע זאָלען זיך צאַפּלען פון ווייטאָג און צער, וועלכע זאָלען פיהלען די יסורים פון פאָלק און פון דער שכינה אין גלות. ערשט דערנאָך, קאָן מען אָנהויבען טראַכטען וועגען אריינברענגען אָרדענונג און עסטעטישע שעהנקייט אין דאַווענען. קאָן דען אַ מענש, וואָס ליידעט פון אַ הארץ פעהלער, האָבען אין זינען אַזוינע זאַכען, ווי דער קאָליר פון זיינע הענטשקעס, אָדער די הארמאָניע פון זיינע קליידער?

און ישעיה הנביא ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר צוטראָגען אין זיינע געדאַנקען. ער לויפט ארום הין און צוריק אין זיין גאָרטען. ער צינדט אָן דעם ציגאַר, וועלכער האָט זיך אויסגעלאָשען, און אין גרויס נער־וועזיטעט רעדט ער צו זיך אַליין: „עס קאָן דאָך מאַכען אַ מענשען קראַנק — זייער גייסט אָרימקייט, זייער עם־הארץ'עס און זעלבסט־צופרידענהייט. וואָס וועט פון דעם אַלעמען ארויסקומען? און וואָס פאַר אַ פּנים וועט שוין האָבען דער נייער דור? דאָך, גיט מען אַ קוק פון דער אַנדערער זייט, באַמערקט מען גלייך, וואָס פאַר אַ רייכקייט זיי באַזיצען אויף דעם געביט פון צדקה! עס איז רעכט צו מאַכען אַ סומע פון צוואַנציג טויזענד דאָלאַר פאַר אַ שפּיטאָל אויף אַ פּורים באַל, עס איז רעכט אַוועקגעבען מיט איינמאָל אַ פופציג טויזענד דאָלאַר פאַר פאַראייניגטע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, אָדער אַ האַלבען מיליאָן דאָלאַר פאַר אַ בית־יתומים. וואָס פאַר אַ פאָלק פון גומלי חסדים! זיי שפּייזען דאָרט אין יענער ווייטער מדינה די הונגעריגע; זיי האָבען אויסגעבויט פּרעכטיגע אינסטיטוציעס פאַר די קראַנקע; זיי לערנען דאָרט די שטומע צו רעדען, די טויבע צו הערען; זיי זיינען גרייט צו ווייזען דעם וועג צום יונגען אימיגראַנט, אַז ער זאָל זיך זעלבסט קאָנען העלפען. און אויב זיי זיינען ניט מקריב קיין צו גרויסע קרבנות, האָבען זיי דאָך געקאָנט זיין נאָך פיל ערגער. איז דאָך דאָס אויך אַ נחמה. רבונו של עולם! איז דען דאָ אַ פאָלק, ווי דיין אויסדערוועהלטער קנעכט ישראל?"

אָט אַזוי טראַכטענדיג, האָט ער זיך ווידער אַ נעם געטאָן צו נישטערען

די בלעטער פון דעם זשורנאַל, קוקענדיג אויף די גרויסע און קאָמישע מודעות, וואו מען אַדווערטייזט אַ נייעם סאָרט וואורשטלאך, „כשר העם" הייסט עס ביי זיי, אָדער כשר'ע פּאָמאַדע און „ליפּ סטיק", און אפילו אַ כשר'ען ראַזיר פּודער פאַר די פרומע לייט. מיט אַ מאָל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין זיינע אויגען אַזאַ סאָרט מודעה: „עס פאָדערט זיך אַ ראבײ פאַר דער קאָנגרעגיישאָן „אַנשי צדק ויושר". אַפּליקאַנטען זאָלען שיקען זייערע סערטיפיקאטען וועגען זייער אויפפיהרונג און כאַראַקטער צו דעם סעקרעטאר „פלוני אלמוני".

עס האָט איהם אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ אַ טשיקאַווע אידעע. פאַר וואָס זאָל אויך אַ איד פון ירושלים זיך ניט ווענדען נאָך דיזער שטעלע? עס וואָלט אָסור געשאַדט מיינע טייערע געשעפטען צווישען די חורבות פון ירושלים, און, דרך אגב, איבערצובייטען דעם קלימאַט אויף אַ ביסעל צייט וועט מיר אויך טאָן פיל גוטעס. און אַלס צוגאַב צו דעם, וואָלט זיך מיר גלאַט געוואָלט מאַכען אַ רייזע נאָך אַמעריקאַ, וואו עס הערשט אַזוי פיל שלום ושלוה, וואו עס זיינען ניטאָ קיינע „יבוסים, פריזים און אמורים", ווי דאָ ביי אונז אין לאַנד, וועלכע ווילען פאַרצוקען די אידען, ווי בייזע וועלף. אמת, אין איינציגע גרויסע האָטעלען, האָב איך געהערט זאָגענדיג, האָט מען אַזוי ליב דעם אידען, אַז מען וויל איהם דאָרט זעהן פון ווייטען. עס זיינען דאָרט דאָ אויך אַ היבשע ביסעל מיסיאָנערען, וועלכע ווילען אָפּקויפען אונזער גוף פאַר זייערע „כשר'ע נשמות". אָבער עס מאַכט ניט אויס, אַזוי איז אַלץ „כשר וישר"; יעדער איי־נער טהוט דארט, ווי איהם געפעלט.

„היינט, געלעגענהייטען זיינען דאָרטען פאַראַן פאַר אַלעמען און פאַר יע־דען איינעם: פאַר שנאָרער, בעטלער, משולחים, רמאים, און „גענגסטערס" מכל המינים, פשוט, אזוי ווי עס איז געווען ביי אונז מיט פילע יאָהר־הונדער־טער צוריק, „בימי שפוט השופטים", ווי אונזער כראָניקער דערמאָנט אונז, אַז "כל איש הישר בעיניו יעשה". לאָמיר אָקאָרשט אויספּרובירען אויך מיין גליק דאָרטען, אין דער גאָלדענער מדינה, טראַכט ביי זיך ישעיה, און ווייטער וועט שוין גאָט העלפען.

„עס איז אפילו אמת, אַז איך האָב ניט קיין טהעאָלאָגישע וויסענשאפט. אין אַ סעמינאַר פאַר רבנים בין איך דאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען, קיין תלמוד און פוסקים האָב איך דאָך באמת ניט געלערענט, און ווי אזוי צו ענטפערען אויף אַ „שאלה", צו מאַכען אַ „ספּיטש" אָדער געבען אַ „גט", גאָט אַליין ווייסט, צו איך וועל עס קאָנען. דאָך, באַזיץ איך אין זיך אַביסעל וויסענשאפט פון גאָט'ס דרכים און ערפאַהרונג נאָך פון יענע צייטען, ווען עס זיינען גע־זעסען אויפ'ן כסא המלוכה די מלכים: עזיהו, יותם, אחז, און יחזקיהו. איך בין דאַן געווען אַ ביסעל אַ „שמעלקע" מיט יענע קעניגליכע הערשער, איך

פלעג אריינגעהן אפטמאל אין זייער פאלאץ אויף א גלעזעל טהעע אום צו כאפען א פאליטישען שמועס, און ניט איינמאל האב איך זיי א היבש ביסעל אויסגע'מוסר'ט".

ניט לאנג געטראכט, „אמר ועשה". ישעיה טעלעגראפירט דעם סעקרעטאר פון „אנשי צדק ויושר": „איך ווענדע זיך נאך דער שטעלע. מיט אכטונג, ישעיה הנביא. ערווארטעט מיר פאר ראש חודש".

די טעלעגראמע איז געפלויגען, ווי א פייל פון בויגען, און בליץ שנעל דערגרייכט אמעריקא. די גדולים פון דער קאנגרעגיישאן האבען זיך געפיהלט א ביסעל צוטומעלט. ווער קאן זיין אט דער ישעיה, עפעס א איד פון ירושלים? זיי האבען קיינמאל אזא נאמען ניט געהערט, און אפילו דער געעהרטער פרע־זידענט, זאל ער מיר מוחל זיין, האט ניט געהאט קיין שום אהנונג וועגען דעם קאנדידאט. איז כאטש זיין אויפפיהרונג א גוטע? איז זיין מאראל הויך גענוג פאר אונזער קאנגרעגיישאן?

א ספעציעלער מיטינג פון דעם „באארד אוו טראסטים" איז גערופען גע־ווארען. „ווער איז עפעס דער מאן ישעיה? האט ווער פון איהם געהערט"? אזוי געהט פון מויל צו מויל. „האט איהר, חשוב'ער סעקרעטאר, גענוג אינפאר־מאציע וועגען דעם פערזאן"? ווענדעט זיך דער וויס־פרעזידענט צו איהם. און א סעקרעטאר, ווי עס איז אלעמען באוואוסט, מוז דאך אין זיך פארמא־גען אן ענציקלאפעדיע פון וויסענשאפט. „איך האב עפעס געלעזען אמאל וועגען א ישעיה, האט דער „תלמיד חכם" געענטפערט, „וועלכער האט זיך בא־האלטען אין א בוים, און דער קעניג מנשה האט געהייסען איהם צוזעגען אויף שטיקער". — „שרעקליך, שרעקליך"! האט אויסגעשריען דער פרעזידענט, „עס קאן דאך אבער ניט זיין דער זעלבער מענש". אלע חשוב'ע מיטגלידער פון דער גרויסער היסטארישער אספה האבען אויסגערופען דאס זעלבע.

ישעיה הנביא האט אבער דעם עולם לאנג ניט געלאזט ווארטען. פונקט פאר ראש חדש ער איז דא. איהר ווייסט דאך אלע, אז די גרויסע טראנס־אט־לאנטיק ריזען־שיפען שווימען דאך זעהר שנעל, און אויף צו מאכען „קפיצת הדרך" זיינען אויך דא גענוג עראפלאנען. קיין פארשטעלונגס־בריוו און קיינע רעקאמענדאציעס האט ער מיט זיך ניט געבראכט. אגב, קיינער וואלט עס איהם ניט געגעבען. אבער דאס האט איהם ווייניג וואס געקימערט.

ער שפאצירט זיך ארום אין די גאסען, באגעגענט מענשען, און האט גע־נוג מוט זיך אליין פארצושטעלען. מיט אייניגע מענשען ווערט ער אפילו גאנץ פריינדליך, אבער אין אלגעמיין איז ער צוריקגעהאלטען. ער באטראכט זאכען, ער קוקט זיך איין, ער הערט זיך גאנץ גוט צו, אליין אבער שווייגט ער און

געהט אַרום פאַרטראַכט. ער באַזוכט די מושבֿי־זקנים, די שפּיטאָלען, די יתומים־היימען, די טעכנישע שולעס, דעם נייעם בנין פון דער „יאָנג מען היברו אסאָ־סיאיישאָן", און ער איז באמת העכסט צופרידען. ער באַוואונדערט די אַלע שעהנע בנינים, און ער זאָגט עס אָפען אַרויס צו זיין בעסטען פריינד, מיסטער מייערס. „איך דענק", זאָגט ער, „אַז אין אַ געוויסען הינזיכט האָט איהר פיל איבערגעשטיגען ירושלים". מר. מייערס פאַרלירט ניט קיין צייט און גיט עס איבער צו מר. מאָרים, מר. מאָרים — צו הער לעווי, און הער לעווי — צו זיין מאַדאַם, וועלכע איז די פּרעזידענטין פון דער „ליידיס אַקזיליאַרי". און אַזוי געהט דאָס פון מויל צו מויל: „ישעיה רימט אונזער שטאָט און הויבט איהר למעלה מעלה".

ענדליך איז געקומען דער „יום הדין" פאַר דעם ראַביי־קאַנדידאַט. דער טאָג פון פאַרהער איז געקומען, ווען דער ראַביי דאַרף מאַכען זיין ערשטע דרשה. די גאַנצע שטאָט קאָכט, דעם קאַנדידאַט'ס נאָמען איז אויף אַלעמענ'ס ליפּען. ווער איז עס אָט דער ישעיה? זעהר וויייניג מענשען האָבען ווען געהערט זיין נאָמען. אפילו די קינדער האָבען אויך זיין נאָמען ניט געוואוסט, אין זייערע „סאָנדיי־סקול" למודים האָבען זיי נאָך ווייט צו ישעיה'ן ניט דערגרייכט. קינדער זיינען דאָך נאַאיוו און נייגעריג, זיינען זיי דערגאַנגען די יאָהרען זייערע עלטערען. „זאָג מיר, פּאַפּאַ, ווער איז ישעיה"? רופט זיך אָן אַ קליין שוואַרץ־חן'עווודיג מיידעלע צו איהר פאָטער .דער פאָטער האָט זיך נעביך פאַר־שעמט, ווייל ער האָט גאָר ניט געוואוסט וועגען ישעיה'ן. די עלטערען, וואָס האָבען יאָ עפּעס געוואוסט און עפּעס געדענקט פון זייערע חדר יאָהרען, האָבען זיך אפילו יאָ אָפּגערופען: „אָה, ישעיה, איז עפּעס אַמאָל געווען אַ נביא ביי אידען, וועלכער האָט געזאָגט און געשריבען נבואות". אָבער פון וואָס אַזוינס זיינען בעשטאַנען זיינע נבואות, וועלכע האָבען זיין נאָמען פאַראייביגט אין אונזער געשיכטע אויף דורי־דורות, וואָס פאַר אַ קרן קימת ער האָט איבערגע־לאָזען פאַר אונזערע קינד'ס קינדער, דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. און אגב, ווער דאַרף עס וויסען אָט דיזע פּרקים, וואָס דער געטליכער מאַן האָט אַרויסגעדונערט מיט אַ פינף און צוואַנציג הונדערט יאָהר צוריק, וואָס פער־מאָגען אין זיך אַזוינע אייביגע לעהרעס פון געטליכער און מאָראַלישער אויפ־פיהרונג און סאָציאַלער גערעכטיגקייט, צו וועלכע די מענשען פון צוואַנציגס־טען יאָהרהונדערט קאָנען נאָר שטרעבען און האָפען, און, גאָט ווייסט, צו זיי וועלען אַמאָל פערווירקליכט ווערען אין לעבען?

און אָט קומט דער קליין דאַרער מענשעלע ישעיה אין טעמפּעל אַריין. דער בנין איז געפּאַקט. דער אָרגעל שפּילט אַן ערהויבענע קאָמפּאָזיציע פון אַ גרויד־סען קאָמפּאָזיטאָר, „דער נביא" הייסט דאָס. דער „קאַנטאָר" האָט אויפגע־

הויבען זיין שטימע און ארויסגעברומט, ווי א לייב, א געזאנג פון אן אפערא. ישעיה הויבט זיך אויף פון זיין ארט, און געהט צו צו דער בימה. „הערט אויף צו שפילען"! דערהערט זיך אן אויסגעשריי פון דעם בייזען נביא, „ווען איך וועל ענדיגען, דאן וועט איהר ווידער אנגעהן מיט אייער „זיסער מוזיק". דער עולם איז געווארען אויסער זיך, ס'טייטש, אזא העזה! און וואו איז עפעס שטאט און גוטע מאניערען? ניט ביים נביא קריגט איהר עס. האט מען דען איהם ניט פארשטיינערט מיט טויזענטער יאהרען צוריק פאר זיינע שארפע מליצות און פייערדיגער נבואה אין די גאסען פון דער הייליגער שטאט? און ווער, אויב ניט די רעליגיעזע פיהרער פון המון, די פריסטער און הארען, די כהנים און שררות? דער סעקרעטאר איז געווארען אויפגערעגט. דער פרעזידענט אנגעצונדען, ווי א העלישער פייער, די „טראסטים" האבען געשיפעט אין זיך. אבער שא, שטיל, מען מוז אויסהערען דעם ניט געוואונשענעם רעדנער, כדי ניט צו מאכען קיין לייטישע געלעבטער.

און אט פאנגט אן דער נביא זיין פייערדיגע דרשה. ווי א דונער, האט זיך ארונגעלאזט פון דער פלאטפארמע: „שמעו שמים והאזיני ארץ, כי ה' דבר! בנים גדלתי ורוממתי, והם פשעו בי"! — „הערט זיך איין, איהר הימלען, און פארנעם, דו ערד, דעם ויכוח, וואס גאט האט מיט זיין פאלק ישראל. ער שרייט אויס פון וועהטאג — קינדער האב איך אויפגעהאדעוועט, דערצויגען אויפ'ן פיינסטען אופן, דערהויבען צו די העכסטע פאזיציעס, און זיי האבען ווידער־שפעניגט געגען מיר. וואו איז ביי אייך יושר, איהר, „אנשי יושר"? וואו איז צדק, איהר, „אנשי צדק"? און ארויסזאגענדיג דיזע ווערטער, האט זיך דער נביא גלייך דערמאנט אן יענער צייט, ווען ער האט אויפגערודערט גאנץ ירושלים מיט זיין פלאמענדען מוסר, און די כהנים האבען פארלארען דעם גע־דולד און אויסגעשריען: „וואס וויל ער, אט דער פאנאטיקער"? זיי האבען איהם דאן מיט שטיינער פארווארפען. נאר דער נביא האט זיך ניט אפגעשראקען פאר דעם פינסטערען המון מיט זיינע פיהרער־פארפיהרער, ער האט זיינס ארויסגעזאגט. גאט'ס פייער האט דאן געברענט אין איהם, האט ער אנדערש ניט געקאנט האנדלען.

און דער אלטער נביא האט ווידער אויפגעלעבט אין איהם. ער מוז אויפ־דעקען אלע צביע'טסטוועס און פאלשקייטען, ער מוז דעם אמת ארויסזאגען, מעג עס אפילו ניט געפעלען ווערען דעם פרעזידענט און גבאים פון דעם היינטיגען מאדערנעם הויז פון געבעט. און ער איז אנגעגאנגען מיט זיין מוסר און ויכוח— „למה לי רב זבחיכם, יאמר ה'"? — „ווער דארף דען אייערע קרבנות, אז איהר זייט זינדיגע? אייערע אפערא טענער שטעלען מיר ניט צופרידען. ווען איך רוף אייך צו דער הויז פון גאט, ווער פאדערט עס פון אייך צו פארוואנדלען

דיזע הויז פון געבעט אין אַ טעאַטער? ווען איהר זינגט אייערע לויב געזאַנגען — מעלאָדיען, פאַרמאַך איך מיינע אויערען. ווען איהר שפּרייט אויס אין געבעט אייערע הענט אין די זיידענע הענטשקעס, וויל איך ניט קוקען אויף אייך. אייערע באַלאַדעס, אייערע תפילות אין אַ פרעמדער שפּראַך, האַסט מיין נשמה. די שפּיצען פון אייערע הויכע טעמפּלען, וואָס שפּאַרען אָן די הימלען; אייערע אילומינאַציעס און פּרעכטיגע דעקאָראַציעס, ווער דאַרף זיי, ווער קוקט זיך איין אויף זיי, אַז אייערע נשמות זיינען דאָ ניטאָ אין גאַנצען מיט מיר? „רחצו הזכו"! — „וואַשט אייערע הענט; זעהט, צו עס האָט זיך צו זיי עפּעס ניט יושר'דיגעס צוגעקלעפּט! רייניגט אייערע הערצער, באַרעדט ניט אייערע פריינד, פיהלט מיט מיט דעם אָרימאַן, שטיצט דעם געדריקטען, שפּייזט דער אַלמנה, קליידעט דעם יתום! דאַן, קומט צו מיר, וועל איך אויסהערען אייער געבעט און ערפילען אייער פערלאַנג.

„וואָס איך וויל, זאָגט גאָט, איז פאָלגען מיר און געהן אין מיינע וועגען — „מה אני רחום, אף אתה רחום". — ווער פערלאַנגט פון אייך רייכע קרבנות, באַפּוצונגען, אָריענטאַלישע טעפּיכער? — ניין, ניט דאָס פאַרלאַנגט גאָט. אַ העכערען אַרט לעבען, אַ ריינערע האַרץ, זויבערע הענט. אימער גרייט זיין צו טאָן גוטעס פאַר דעם נויטבאַדערפטיגען, אָט דאָס, יאָ!

„אַך, ישראל מיין פאָלק! איז דאָס די רעליגיע וואָס איך פערלאַנג פון דיר? צו בייטען טעגליך דיינע תפילות, אַזוי ווי דיינע קליידער? איהר, אַזוי גערופענע מאָדערנע אידען, באַשיינט די שולען מיט פּרעכטיגע אילומינאַציעס, און גלייכצייטיג לאָזט איהר אויסלעשען אין אייערע היימען די ליכט פון רע־ליגיע און טראַדיציע. איהר באַזוכט גאָט'ס הויז נאָר שבת, און אַ גאַנצע וואָך פאַרגעסט איהר גאָר אָן גאָט. און די גאָר גרויסע אַריסטאָקראַטען קומען נאָר אין שוהל יום כפור, אָדער „קדיש" זאָגען. ניין, ניט דאָס איז די רעליגיע, וואָס גאָט פערלאַנגט פון אייך! איך וויל, אַז איהר זאָלט זיך רעפאַרמירען גאָר אויף אַן אַנדער וועג, איהר זאָלט גאַנצע אידען זיין: אידען אין אייערע הייזער, אי־דען אין גאַס, און אידען אין שוהל.

„זייט ערליכע אידען אין אייערע געשעפטען, נוצט ניט אויס יענעמ'ס קורצזיכטיגקייט, חנפ'ט ניט דעם רייכען און מעכטיגען, ער ועט זיך אַליין געפינען אַ וועג צופרידענצושטעלען. האָט אַ וואַרים וואָרט פאַר דעם אָרימאַן און דעם אונטערדריקטען! — אָט דאָס זיינען די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פון אַ געזונטער און שעהנער רעליגיע. געפינט ווידער נחמה און אינספּיראַציע אין אייער אור־אַלטער רעליגיע פון אייערע אבות, אין די טראַדיציעס פון איי־ערע נביאים און גרויסע רעליגיעזע פיהרער. זיי זיינען געווען גוט פאַר איי־ערע עלטערען, זיי זיינען גוט גענוג פאַר אייך! אָט אַזוינע רעפאָרמען גיט מיר, און לאָמיר זיך אָנפאַנגען רעפאָרמירען"!

זאָל איך אָנגעהן מיט ישעיה הנביא׳ס רעדע? איך דענק, אז עס איז אי־בעריג צו פאַרלענגערען די דרשה. אָבער איך וואָלט אייך געראַטען: זייט אזוי גוט און עפענט אליין אויף דאָס ביכעלע, וואָס פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער — „חזון ישעיהו בן אמוץ״; פון דעם ערשטען קאַפּיטעל ביז דעם לעצטען לעזט עס, און זעהט, וואָס דער נביא זאָגט אייך דאָרטען אָן.

דיזע אור־אַלטע צייטשריפטען, די הייליגע שריפטען אונזערע זיינען נאָך אַלץ דאָס גרעסטע טעגליכע צייט־שריפט אין דער וועלט, און זיינען נאָך אַלץ פעהיג צו פּובליצירען טייערע בשורות פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען. הלואי וואָלט מען זיי נאָר טיפזיניג געלעזען און זיך גוט צוגעהערט צו זיי.

די וואלען פון דעם נייעם ראביי האָבען געדאַרפט פאָרקומען דעם קומענ־דען זונטאַג, כדי עס זאָל זיין גענוג צייט זיך מיישב צו זיין וועגען אזא וויכ־טיגען ענין. דערווייל האָט די רעדע ארויסגערופען אזוי פיל טומעל צווישען דעם עולם, אז איהר קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען. יעדער איינער, וואָס האָט נאָר גאָט אין האַרצען, האָט קריטיקירט דעם רעדנער. „האָט איהר עפּעס געהערט אַ אידעע, זאָגט איינער, „פאַר ווער עמען האַלט ער אונז, פאַר אינגלאָך, אזוי צו מוסר׳ען?פּע, אַ חרפּה, אַ שאַנדע! איך גלויב, אז ער האָט אפילו ניט קיין דאָקטאָר׳ס טיטול, קיין „דעגרי״. „און איך בין פּאָזיטיוו״, האָט זיך אָנגערופען אַ צווייטער, „אז ער האָט גאָר קיינמאָל אַ רבינ׳ער סעמינאַריום ניט בעזוכט״. אַ דריטער האָט אויסגעשריען: „ער האָט גערעדט גאָר ווי אַ חדר אינגעל, ער האָט אפילו איין מאָל ניט אָנגעוויזען עפּעס פון תלמוד און מאמרי חז״ל״. און אַ פיערטער, אַ הייסער פרויען־פריינד רופט אוים: „עס איז דאָך שרעקליך! ער האָט אפילו איין מאָל ניט דערמאָנט אין זיין רעדע וועגען דער צניעות פון אונזערע דאַמען. היינט, איז ער וואולגאר. האָסטו געהערט אזוינס? ער הייסט אונז גאָר וואַשען די הענט, אזוי ווי זיי וואָלטען באמת אומריין געוועזן״.

„און וואָס איז איהם אַזוי ניט געפעלען אונזער כאָר!״ זינגט אוים דער דיריגענט. „און וואָס פאַר אַ חוצפּה צו הייסען אָפּשטעלען דעם אָרגעל״! האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען די דאַמע וואָס האָט געשפּילט דעם אָרגעל. „ער איז זעהר סאַטיריש, רופט זיך אָן מר. בעראָן, איך האָס סאַטירישע רעדנער. זאָל ער געהן ערגעץ ווייטער״.

און דאָרט איז גראָד געוועזן אָן אַלטיטשקער דזשענטעלמאַן. ער האָט גע־פּרואווט גאַנץ געלאַסען אַרויסזאָגען זיין מיינונג: „מיר דוכט זיך, אז ער האָט אין זיך, ווי מען רופט עס „קאָמאָן סענס״, אָדער אַ „שכל הישר״; ער קאָן אויפהויבען מיט זיין רעדנער קראַפט די פערזאַמלונג, און זיין דער אמת׳ער מנהיג, דער אויפריכטיגער פיהרער, וועלכער קאָן נאָך באַלויכטען אונזער וועלט,

און אַריינברענגען אין אונז אַ נייע קראַפט, אַריינשפּריצען פיל נייעם לעבען אין אונזער אידישקייט". יענער האָט קוים פאַרענדיגט זיינע ווערטער, ווען אַלע האָבען זיך פון איהם אויסגעלאַכט. אָה, וואָס ער רעדט, „די אַלד מען"!

בקצור, וואָס זאָל איך אייך פיל ברייען? ישעיה הנביא איז געווען אַ „פלאָפּ", אַ פולשטענדיגער דורכפאַל. די גאַנצע קאָנגרעגיישאָן איז געוואָרען סקאַנדאַליזירט דורך איהם, און דער „אָרימער" נביא האָט נעביך געמוזט איינ־פּאַקען זיין ביסעל אָרימקייט און ענטלויפען קוים אַ לעבעדיגער צוריק קיין ירושלים. די קאָנגרעגיישאָן „אנשי צדק ויושר" איז נאָך ווייט ניט געווען צייטיג פאר דעם נביא.

ביי די טייכען פון בבל, און אין דעם צויבער לאַנד אַראַביע

אין דעם פרעכטיגען היסטאָרישען טעפּיך פון גלות לעבען וואָס די אידען האָבען געוועבט אין משך פון דורות, פאַרנעמט דער פעריאָד פון זייער לעבען אין בבל אונטער דער הערשאַפט פון פערשיידענע פּרינצען און קעניגען, איי־נעם פון די שעהנסטע אוזאָרען. נאָך דעם ווי ארץ ישראל איז אַריבער אונטער דער רוימישער הערשאַפט, איז די אידישע לאַגע איבעראַל געוואָרען העכסט טרויעריג. די הייליגע שטאָט ירושלים איז חרוב געוואָרען, און דער פונדאַמענט פון דעם אידישען קולטורעלען לעבען איז אומגעפאַלען. אָבער, „לא אלמן ישראל!”

די זון איז טאַקע פערגאַנגען אין ירושלים, אָבער גלייך נאָך דעם איז דער מאָרגען־שטערען אויפגעגאַנגען אין בבל. ביי די טייכען פון פרת און חידקל האָט דאָס אידישע פאָלק אויף דאָס ניי באַוויזען אויפצולעבען די אי־דישע טראַדיציעס און קולטור, אַוועקלייגענדיג אין בבל אַ בעניימען גייסטי־גען פונדאַמענט פון תורה און תפילה. די הערשער פון לאַנד האָבען זיך בע־צויגען זעהר פריינדליך צו די אידען, האָבען די אידען אויסגענוצט די זעל־טענע געלעגענהייט פאַר זייערע גייסטיגע אינטערעסען. זיי האָבען אויסגע־בויט גרויסע ישיבות, און פאַרשפּרייט דורך זיי איבעראַל גאָט'ס וואָרט.

איבער די ישיבות אין בבל האָבען אַכטונג געגעבען די גאונים, און איבער די וועלטליכע אידישע אַנגעלעגענהייטען האָט געהערשט דער ריש גלותא, דער עקזילאַרך, וועלכער האָט לויט די טראַדיציעס פון יענע צייטען, געשטאַמט פון דוד המלך. די אידען האָבען באַזעסען פולשטענדיגע אויטאָנאָמיע אין זייערע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען. זיי האָבען שטאַרק אויסגענוצט זייערע פּריווי־לעגיעס, און זיך אויפגעפיהרט פונקט ווי זיי וואָלטען געווען אין גאַנצען זעלבסטשטענדיג. דער בבל רענעסאַנס פון דעם אידישען פאָלק איז פאַררע־כענט אין דער אידישער היסטאָריע, אַלס איינער פון די קולטור רייכסטע פּע־ריאָדען פון זיין גלות לעבען.

די גרעסטע ישיבה, אָדער אידישע אַקאַדעמיע, וועלכע די אידען האָבען אויפגעבויט אין בבל, איז געווען אין סורא, געגרינדעט אין דעם יאָהר 219, אונטער דער אויפזעהונג פון אבא אריכא. ער איז געווען דער תלמיד פון ר' יהודה הנשיא, וועלכער האָט מסדר געווען די משנה. די צווייטע גרויסע

ישיבה איז געגרינדעט געווארען אין פומבדיתא, אין דעם יאהר 259. דער גרינדער פון דער ישיבה איז געווען רבי יהודה יחזקאל, אויך א תלמיד פון ר' יהודה הנשיא. די ישיבה אין סורא איז אבער געשטאנען אויף א פיל העכע־רער מדרגה, צוליב איהרע גרויסע אמוראים: רב הונא און רב אשי, וועלכע זיינען געווען אייניגע פון די שעפער און מסדרים פון דעם תלמוד בבלי. די גרעסטע צאהל געלערנטע פון יענער צייט זיינען ארויסגעקומען פון דער סורא'ער ישיבה. דער גאון פון דיזער ישיבה פלעגט אפט פארטרעטען דעם ריש גלותא אין וועלט־ליכע ענינים. די גאונים האבען רעגולירט די סאציאלע און רעליגיעזע ענינים און פארשפרייט די אידישע קולטור. צו זיי ווערט געגעבען דער קרעדיט פון סיסטעמאטיזירען די תפילות אין דער פארמע פון דעם סידור. דער ריש גלותא איז געווען דער פאליטישער פארשטעהער פון די אידען אין דעם קעניגליכען הויף.

פון אנפאנג אן איז דער אוטאריטעט פון די גאונים געווען נאר איבער די אידען פון בבל, אבער שפעטער האט זייער גרויסע השפעה דערגרייכט אויך די אידען אין די קריסטליכע לענדער פון דער ווייטער אייראפא. זיי האבען פע־ריאדיש צונויפגערופען א מין אידישען פארלאמענט, עהנליך צו די סנהדרין אין דער צייט פונ'ם בית שני. די גרויסע גזעצגעבערישע פערזאמלונג, וועלכע פלעגט פארקומען צוויי מאל א יאהר אין די מאנאטען אלול און אדר, האט געהייסען „כלה", וואס עס מיינט אין דער אראמעאישער שפראך: אן אקא־דעמיע. אויף דיזע פערזאמלונגען פלעגט מען דיסקוסירען אלערליי רעליגיעזע פראבלעמען אין דעם אידישען לעבען. פון אלע לענדער, וואו נאר עס האט זיך געפונען א אידישע געמיינדע, פלעגען געשיקט ווערען פארשיידענע אנפראגען צו דיזען פארלאמענט. איז דען א וואונדער, ווארום די אידען אין דער ארומי־גער וועלט האבען באטראכט בבל, ווי א גן עדן אויף דער ערד? אונטער די בלויע הימלען פון בבל האבען זיך די אידען זעלבסט רעגירט, ניט וויסענדיג פון די רוימישע פארפאלגונגען, ניט פיהלענדיג דעם שווערען יאך פון דער בי־זאנטישער אימפעריע. די דארטיגע רעגירונג האט זיך בעצויגען מיט דעם גרעס־טען רעספעקט צו דעם אידישען פארלאמענט. א דאנק די גרויסע געלערנטע פון בבל, האט די ליכט פון אידישער לעהרע בעלויכטען אונזער לעבען אין אלע תפוצות הגולה, און געהאלפען צו פערשפרייטען די אמונה און טראדיציעס פון אידישען פאלק.

די נייע רעליגיע פון דעם מדבר

מיר וועלען איצט איבערדייסען די פעדים פון אונזער פריהערדיגען גע־דאנק, און איבערגעהן צו צוויי וויכטיגע באוועגונגען, וועלכע האבען שטארק אנגעריהרט דעם לעבען פון די אידען פון בבל. די ערשטע באוועגונג איז געווען

די גרינדונג פון אַ נייער אמונה ביי מוחמד׳ן אין דעם זיבעטען יאָהרהונדערט. די אידען האָבען זיך באַזעצט אין אַראַביע נאָך פון גאָר אור־אַלטע צייטען, הויפּט־זעכליך נאָך דעם, ווי טיטוס האָט חרוב געמאַכט ירושלים. זיי האָבען זיך באַ־פריינדעט מיט די אַראַבער, און זיינען געווען פאַררעכענט ביי די ווילדע אַראַ־בישע שבטים פאַר דעם „עם הספר", פאַר גרויסע געלערנטע. זעהר אָפט פלע־גען די אידען זיין זייערע פיהרער. און אַזוי ווי די העברעאישע שפּראַך שטאַמט פון דעם זעלבען שורש ווי די אַראַבישע, און איז פיל עהנליך צו איהר, האָט דאָס נאָך מעהר געהאָלפען צו ברענגען די אידען נעהענטער צו זייערע שכנים. די אַראַבער האָבען אפילו איבערגענומען פון די אידען אייניגע טראַדיציעס און מנהגים. פילע אַראַבער האָבען געלערנט די אידישע תורה, און זאָגאַר אָנגע־נומען אונזער אמונה. די אידען האָבען דאָרטען פאַרשפּרייט בילדונג, און פאַר־גרעסערט דעם מסחר פאַרקעהר מיט אינדיע און פּערסיע. דער איד איז געווען יע־נער לעבעדיגער „קייבעל", וואָס האָט גורם געווען אוועקצושטעלען דעם נאָמאַ־דישען אַראַבער אויף אַ העכסט ציוויליזירטער און קולטורעלער מדרגה.

אין דעם יאָהר 570 בערך, איז אין דער שטאָדט מעקאַ געבאָרען געוואָרען צו אַן אַראַבישער פאַמיליע אַ זוהן מיט דעם נאָמען מוחמד. זיין יוגענד האָט ער פאַרבראַכט מיט די וואַנדערענדע בעדואינער איבער די מדבריות, שפּעטער האָט ער זיך גענומען חבר׳ן מיט אידען, אום זיך בעסער צו באַקאַנען מיט דער אידישער רעליגיע, וועלכע האָט געהאַט פיל שפּעטער זעהר אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זיין נייער אמונה. זיין לעהרע איז בעשטאַנען פון די זעלבע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען, ווי די אידישע לעהרע, צום ביישפּיל: דאָס גלויבען אין איין גאָט, און די אויסוואָרצלונג פון געצענדינסט. ער האָט אויך פונקט געהאַלטען ווי מיר, אַז תפילה און צדקה זיינען וויכטיגע פאַקטאָרען אין דער אויסלייזונג פון דער נשמה און איהר אויסלייטערונג פון זינד. עס איז זעלבסט פאַרשטענד־ליך, אַז די אידען פון דעם מדבר האָבען געהאָפט, אַז אין צייט וועט מוחמד בע־קעהרען דעם גאַנצען אַראַבישען פאָלק צום יודענטום.

אָבער ווי יעדע נייע אידעע ווערט קיינמאָל ניט אַנערקענט אין איהר גע־בורטס פּלאַץ, אַזוי איז אויך געווען אין דעם פאַל. אין מעקאַ האָט מוחמד ניט גע־האַט קיין גרויסען ערפאָלג. פאַרקעהרט, זיינע אייגענע ברידער האָבען איהם פאַר־פאָלגט; זיי האָבען איהם אָנגערופען: דער טרוימער און קונצען מאַכער. ער האָט געהערט, אַז אין מדינא געפינט זיך אַ גרויסע גרופּע אידען. אָט דאָס איז דער פּלאַץ, וואו ער קאָן פאַרשפּרייטען זיין לעהרע, האָט ער ביי זיך געטראַכט. ער האָט פאַרלאָזען מעקאַ, אַנטלויפענדיג פון זיינע שונאים קיין מדינא, אין דעם יאָהר 622. פון אָנפאַנג איז מוחמד געווען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט די אידען. ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט זיי צו געווינען אַלס נאָכפאָלגער, און

האָט דעריבער אָפּגעהיט געוויסע אידישע דינים און מנהגים, למשל, דאָס דאווי־נען און פאַסטען אום יום־כפור, די דינים וועגען כשרות און חתונות. אַלעס האָט אויסגעזעהן פיין. אָבער ווען מוחמד האָט אויסגערופען, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט נאָר איין „אַללאַ", און ער, מוחמד, איז זיין נביא, און דערצו נאָך פאַרבויגען פילע אידישע פרינציפּען, דאַן האָבען זיך די אידישע קהילות פון אַראַביע אָפּגעטרייסעלט פון דעם פראָסטען קעמעל טרייבער פון דעם מדבר.

מוחמד האָט איינגעזעהן, אַז ער קאָן ניט ערוואַרטען, אַז די העכסט קולטורעלע אידען זאָלען איהם אָננעמען אַלס נביא, האָט ער דאַן געביטען נאָך מעהר זיין לעהרע. ער האָט זיך אָפּגעקעהרט פון פילע אידישע עיקרים, וועלכע ער האָט אָנגענומען לכתחילה. עס איז כדאי צו דערמאָנען, מיט וואָס פאַר אַ פאַלשקייט ער איז געגאַנגען צו די אומציוויליזירטע מאַסען. אום צו געווינען זיי אַלס נאָכפאָלגער, האָט ער זיי פאַרשפּראָכען אַ פּרעכטיגען גן־עדן, אפילו פאַר דעם קלענסטען גלויבענדען. זיין גן־עדן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ וואונדערבאַר שעהנעם גאָרטען מיט קרישטאָלענע וואַסער פאָנטאַנען. די גלויביגע וועלען זיין געקליידעט אין זייד, באַפּוצט מיט גאָלד און דימענטען, זייערע הייזער וועלען זיין געבויט פון מאַרמאָר־שטיין, גאַנצע פּאַלאַצען. היינט וועלען זיי עסען פון דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע, אין גאָלדענע כלים, וויין וועט זיך גיסען ווי וואַסער, און יעדער איינער וועט זיך קאָנען אויסקלייבען וויפיל ווייבער ער וויל. געוויס האָט אַזאַ עולם־הבא שטאַרק גערייצט די אַפּעטיטען פון די ווילדע אַראַבער. עס איז גאָר ניט עהנליך צו דעם אידישען עולם־הבא, פאַר וועלכען מען דאַרף זיך פריהער צוגרייטען מיט אַ היבשע ביסעל מצוות און מעשים טובים, כדי דערנאָך צו האָפען זוכה צו זיין צו לערנען תורה אויף אַ פּוס בענקעלע, און בלויז הנאה האָבען פון דער שיין פון דער שכינה.

די אידען האָבען מיט שפּאָט זיך אָפּגעקעהרט פון מוחמד'ס באַוועגונג. זייער נעגאַטיווע שטעלונג האָט איהם שטאַרק אויפגערייצט, און באַלד האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גאַנצע רייהע אַטאַקעס אויף די אידען, ווי אויך אויף די אַראַבער, וועלכע האָבען ניט געוואָלט אָננעמען זיין גלויבען. איבערהויפּט האָבען געליטען די אידען. די מאַכמעדאַנער פלעגען זייער אָפט קאָנפיסקירען זייערע פאַרמעגענס, און זיך זעהר ברוטאַל בעגאַנגען מיט די געפאַנגענע. אין דעם יאָהר 630 האָבען די מאַכמעדאַנער פערנומען מעקאַ, און דער איסלאַם איז פאַרשפּרייט געוואָרען איבער גאַנץ אַראַביע. אין דעם יאָהר 632 איז געשטאָרבען דער פאַנאַטישער נביא, אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעשטעלט זיין באַוועגונג.

אַלע לעגענדעס און געשיכטעס וועגען מוחמד'ן, ווי אויך וועגען זיין לעהרע, זיינען שפּעטער צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אין אַ בוך, וואָס רופט זיך אין אַראַ־

ביש דער „קאָראַן". זיין גאַנצע ביטערניש געגען אידען האָבען מוחמד'ס נאָכפאָל־גער אויף זיי אויסגעגאָסען אין דיזען בוך. קיין שום אַנדער רעליגיע אין דער וועלטליכער געשיכטע האָט ניט דערגרייכט אַזא בליץ שנעלען זיג ווי איסלאַם, וועלכע איז פאַרשפּרייט געוואָרען אין דעם נאָהענטען מזרח מיט פייער און שווערד. מיר מוזען צוגעבען, אַז עס איז געווען ניט קיין לייכטע אַרבייט צו באַקעהרען מיליאָנען געצענדינער צום גלויבען אין איין גאָט. גלייכצייטיג זיינען אויך אַנדערע וויכטיגע לעהרעס פון אונזער תורה אומדירעקט פאַרשפּרייט גע־וואָרען דורך דער נייער אמונה איבער אַ גרויסען טייל פון דער וועלט.

אין דעם יאָהר 638 זיינען די מאַכמעדאַנער אריין אין ירושלים, און זיך דאָרט באַפעסטיגט. די אידען האָבען דאָרט געקראָגען פילע פּריווילעגיעס פון דעם קאַליף אָמאַר, ווייל זיי האָבען איהם פיל מיטגעהאָלפען אין זיין קאַמף. אונטער דעם פיערטען קאַליף אַלי, איז די לאַגע פון די אידען נאָך פיל פאַרבע־סערט געוואָרען. דיזער הערשער האָט זיי געשעצט און פאַרטיידיגט פון זייערע שונאים, און די אידען האָבען אויף אַ ווייל פריי אָפּגעאָטעמט. גאָר גרויסע פּריווילעגיעס זיינען געגעבען געוואָרען צום ריש גלותא בוסתנאי. אַט די צייט־ווייליגע זיכערקייט האָט מיטגעהאָלפען, אַז באַגדאַד זאָל ווערען אַ וויכטיגער קולטורעלער צענטער פאַר אידישער לעהרע.

אין דעם צעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די מאַכמעדאַנער באַהערשט שפּאַ־ניע, און קאָרדאָווא איז געוואָרען איינער פון זייערע גרעסטע צענטערס. די בע־ציהונגען פון די קאַליפען צו די אידען זיינען ניט געווען די זעלבע אין פער־שיידענע מאַכמעדאַנישע לענדער. אָבער די ערגסטע בעהאַנדלונג פון די קאַ־ליפען איז ניט געווען אַזוי גרויזאַם, ווי די פאַרפאָלגונגען פון דער קריסטליכער קירכע און איהרע רעליגיעזע פיהרער. דער ביטערער בעכער פון פאַרפאָלגונגען און דיסקרימינאַציעס, וואָס די קריסטליכע וועלט האָט אויסגעגאָסען אויף די אידען נאָך פון דעם ערשטען טאָג פון איהר מאַכט, איז ניט פאַרקלענערט גע־וואָרען אין דעם פאַרלויף פון צוויי טויזענד יאָהר, נאָך ביז היינט צו טאָג.

די קראים'ער באַוועגונג

אין דער זעלבער צייט, וואָס די מאַכמעדאַנער האָבען ברייט פאַרשפּרייט די נייע אמונה, זיינען אויפגעקומען אין פערשיידענע געגענדען פון אַזיע פער־שיידענע רעליגיעזע סעקטען, אמת קליין אין צאָל און שוואַך אין מאַכט. די אידען זיינען אויך באַשאָנקען געוואָרען מיט אַ נייער רעליגיעזער סעקטע.

נאָך אין דער צייט פון דעם בית שני, זיינען געווען פאַרשיידענע כתות צווישען אידען, וועלכע האָבען אַרויסגעוויזען אַן אָפּאָזיציע צו דער לעהרע פון די „סופרים" און די „אנשי כנסת הגדולה". די אידען פון אראַביע, די קינדער

פון דעם מדבר, האבען זעהר ווייניג געוואוסט פון דעם תלמוד. אמת, זיי זיינען געווען שטאל און אייזען פאר זייער גלויבען, אבער קיין טיפע לעהרזאמקייט האבען זיי ניט באזעסען, און ווי מיר אלע ווייסען, איז אומוויסענהייט דער וואר־צעל פון אלע צרות. אט די אראבישע אידען, וועלכע זיינען זעהר ווייניג בעקאנט געווען מיט די אידישע טראדיציעס, האבען באגעגנט פילע שוועריגקייטען אין אויספיהרען און אפהיטען די אידישע אמונה. זעהר אפט האבען זיי ארויסגע־ציינט א געוויסע אומצופרידענהייט מיט די געזעצען און תקנות פון דעם תלמוד. אבער כדי צו זיין אימשטאנד צו פיהרען א ויכוח מיט די אידישע רעליגיעזע פיהרער פון די תלמודישע אקאדעמיעס, האבען דיזע ניט צופרידענע עלעמענ־טען געמוזט זיך מעהר בעקאנען מיט דעם תלמוד גופא, און דאן האבען אייני־גע פון זיי אנגעפאנגען אויסצופארשען מעהרער און מעהרער די רבני'שע לי־טעראטור, און אויך די לעהרע פון קאראן. די געגנער פון דעם תלמוד און טרא־דיציאנעלען יודענטום וואלטען פיללייכט קיינמאל ניט געהאט קיין שום וויר־קונג, ווען ניט דער פאלגענדער צופאל. אין דעם יאהר 760, ווען דער ריש גלותא איז געשטארבען, ניט איבערלאזענדיג נאך זיך קיין יורש, האט געזאלט בע־שטימט ווערען פאר דיזען אמט זיינער א פלימעניק מיט דעם נאמען ענן בן דוד, זעהר א פעהיגער פערזאן. די גאונים פון סורא און פומבדיתא האבען איינגעזעהן אז ענן איז א פריי־דענקער, און ער פאסט זיך ניט צו פארטרע־טען אזא פעראנטווארטליכען פאסטען, האבען זיי איהם פערשטויסען און אויס־דערוועהלט אויף זיין פלאץ זיינעם א ברודער. צווישען די צוויי ברידער האט זיך צעפלאקערט א מחלוקת, וועלכע איז דערגאנגען צום קאליף. דער קאליף האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דעם נייעם ריש גלותא, און ענן'ען האט ער געהייסען אריינזעצען אין תפיסה. דארט האט זיך ענן בעקאנט מיט א גע־וויסען מאכמעדאנער, א גרינדער פון א נייער רעליגיעזער סעקטע. יענער האט זיך זעהר בעפריינדעט מיט איהם און איהם אן עצה געגעבען, אז ער זאל זיך ערקלעהרען אלס גרינדער פון א נייער אמונה, וועלכע אונטערשיידעט זיך פיל פון דער אידישער רעליגיע, און הארמאניזירט אין געוויסע הינזיכטען מיט דער לעהרע פון קאראן. און אזוי ארום האט ענן געוואונען חן אין די אויגען פון דעם קאליף, וועלכער האט איהם דאן באפרייט פון געפענגעניש. ענן האט דאן פארלאזען בבל, און איז אוועק מיט זיינע אנהייננגער קיין ארץ ישראל.

זייענדיג שטארק פארביטערט געגען די גאונים, האט ענן אויסגעלאזען זיין גאנצען כעס אויף דעם רבני'שען יודענטום, און געגרינדעט א באזונדערע רעליגיעזע סעקטע. פונקט ווי די אמאליגע צדוקים פאר איהם, האט ער אויך געהאלטען, אז נאר די געזעצען פון דער „תורה שבכתב" שטאמען פון גאט און זיינען הייליג, אבער אלע שפעטערדיגע דינים פון דער „תורה שבעל פה" פון עזרא'ס צייטען אן, האט ער בעטראכט אלס די שאפונג פון מענשען, וועלכע

זיינען ניט אָבליגאַטאָריש. פון אָנפאַנג האָבען זיינע נאָכפאָלגער זיך גערופען ענניטען, דערנאָך האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבען די קראים׳ער אָדער די „בני מקרא״. זיי האָבען זיך ביסלעכווייז אָפגעזונדערט אין גאַנצען פון רבני׳שען יודענטום, זיי האָבען ניט געטאָרט הייראַטען מיט ניט־קראים׳ער, זיי איז פער־באָטען צו בעזוכען אַ רבני׳שען אידען אין דעם טאָג פון שבת. די רבנים האָבען זיי בעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע. זיי האָבען אימער ארויסגעצייגט די גרעסטע אנטיפּאַטיע געגען זיי, און אָפטמאָל זיי אריינגעלייגט אין חרם.

אויף אַזאַ אופן איז ווידער פארגעקומען אַ ברוך אין יודענטום, ווען אַ נייע סעקטע האָט זיך אָפגעשפּאָלטען פון דער מוטער־רעליגיע און איז געוואָרען זעהר פיינדליך צו איהר. די קראים׳ער האָבען אויסגעטייטשט די געזעצען פון דער תורה אויף זייער שטייגער. תורת משה זאָגט למשל, אז מען טאָר ניט צינ־דען קיין פייער אום שבת. זיינען אונזערע תנאים, מענשען מיט אַ שכל הישר, געקומען און אויסגעטייטשט דיזען געזעץ, אז אַ איד טאָר ניט אָנצינדען קיין פייער אום שבת, אָבער ער מאָג עס יאָ טאָן ערב שבת פאר דעם זון־אונטער־גאנג. אום ניט צו זיצען אין דער פינסטערניש און פארשטערען דעם עונג שבת, האָבען זיי גראָד געשאַפען די מצוה פון ליכט אָנצינדען פרייטאָג פאַרנאַכט פאַר דער שקיעה. אָבער די ענג־קעפּיגע קראים׳ער האָבען עס פאַרשטאַנען אַזוי, אז מען דאַרף זיצען פרייטאָג־צו־נאַכט אין דער פינסטערניש, פּונקט ווי זייערע פאָרגענגער די צדוקים האָבען עס געטאָן. זיי עסען שבת קאַלטע מאכלים. זיי טאָרען ניט נוצען קיין מעדיצין פאר אַ קראַנקען אפילו אין פאַל פון גרויס געפאַר, ווייל עס שטעהט געשריבען אין דער תורה: „כי אני ה׳ רופאך״ — „איך, גאָט, בין דיין דאָקטאָר״. עס איז זיי פארבאָטען צו עסען אַלע פליישען, אַ חוץ דאָס פלייש פון אַ הירש און אַ טויב. געוויסע סימבאָלישע ימים־טובים, ווי צום ביישפּיל חנוכה, היטען זיי ניט אָפּ, ווייל זיי זיינען געשאַפען געוואָרען נאָך דער בבלישער תקופה. פון פורים אָבער האַלטען זיי יאָ. תשעה באָב איז ביי זיי אַ טרויער טאָג גראָדע דעם צעהנטען טאָג אין אָב. זיי טראָגען ניט ביים דאַוונען קיין טלית און תפילין. אין שוהל טוען זיי ניט אָן קיין שיך, און טאָ־רען אהין ניט אריינגעהן נאָך דעם, ווי זיי האָבען געטרונקען וויין. די קראים האָבען זיך שטאַרק צעשפּרייט איבער בבל, פּערסיע, מצרים, און אפילו שפּאַניע, נאָר די וואַרימסטע אויפנאַמע האָבען זיי געקראָגען אין טערקיי.

צוויי וויכטיגע רעזולטאַטען זיינען דערגרייכט געוואָרען פון דער קראים׳ער באַוועגונג. ערשטענס, האָט זי געהאָלפען ברייט אויסצופאָרשען די תורה און אריינדרינגען טיפער אין דער תנ״ך ליטעראַטור. צווייטענס, איז אַ דאַנק דיזער באַוועגונג ווידער אויפגעלעבט געוואָרען די העברעאישע שפּראַך, און מען האָט זיך אָנגעפאַנגען צו בענוצען מיט איהר אַלס אַ ליטעראַרישע שפּראַך. אין יענער

צייט פלעגען די תלמודיסטען אָפט פיהרען ויכוחים מיט די קראים'ער וועגען דעם ריכטיגען טייטש פון דעם אָדער יענעם וואָרט אין תנ"ך. די דאָזיגע ויכוחים האָבען געפיהרט דערצו, אַז די אידישע געלערנטע האָבען אָנגעפאַנגען צו פאָרשען די לאַנג פאַרנאַכלעסיגטע שפּראַך פון דער ביבעל און איהר גראַמאַטיק. (די אידען אין די מזרח לענדער האָבען דאַן גערעדט און געשריבען אויף אַראַמעאיש אָדער אַראַביש).

פריהער פאַר אַלץ איז נויטיג געווען פעסטצושטעלען דעם ריכטיגען לייענען פון דעם טעקסט פון די הייליגע ספרים, ווייל זיי זיינען געווען געשריבען אָהן נקודות, און נאָר די גרויסע געלערנטע האָבען געקאָנט לעזען דעם טעקסט ריכטיג. אַ דאַנק די שפּראַכען־פאָרשער אין ארץ ישראל און אין בבל זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען ביי די בעלי־מסורת די נקודות, און אויף אַזאַ אופן איז פיל פערלייכטערט געוואָרען דאָס לעזען פון תנ"ך. אַז מען האָט אָנגעהויבען לערנען העברעאיש, האָט זיך ביי איינעגע אויפגעוועקט אַ חשק צו שרייבען אין העברעאיש. מען האָט דאַן פאַרפאַסט פילע תפילות און רעליגיעזע שירים אין אייגענאַרטיגע פערזען. די דאָזיגע שירים האָבען זיך גערופען „פיוטים", און די פאַרפאַסער האָבען געקראָגען דעם נאָמען „פייטנים", וואָס עס מיינט פּאָעטען. פילע פון דיזע שירים פלעגט מען לייענען אין די שוהלען צוזאַמען מיט די יום־טוב'דיגע תפילות. זיי זיינען שפּעטער אריינגענומען געוואָרען אין מחזור.

סעדיה גאון

אין דער צייט פון דער אַראַבישער הערשאַפט אין מזרח, האָבען די גייסטיגע פיהרער פון יודענטום אַרויסגעגעבען פילע גלענצענדע פערזענליכקייטען, נאָר קיינער פון זיי האָט זיך ניט אַזוי באַרימט געמאַכט, ווי דער גאון סעדיה בן יוסף. ער איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער פיהרער און לעהרער, נאָר אויך אַ טיפער דענקער, און איז געווען בעקאַנט מיט אַלע וויסענשאַפטען פון יענער צייט. ער איז געבאָרען געוואָרען אין מצרים, אין יאָהר 892. ווען ער איז בלויז געווען 23 יאָהר אַלט, האָט ער שוין אָנגעשריבען אַ בוך געגען די קראים'ער. אין דיזען בוך האָט ער באַוויזען מיט שטאַרקע ראיות, אַז די תורה קאָן ניט עקזיסטירען אָהן די מינדליכע טראַדיציעס און פירושים פון דעם תלמוד, ווייל אַ סך דינים אין דער תורה זיינען ניט קלאָר אויסגעדריקט, און זיי נויטיגען זיך אין רבני'שער אויסטייטשונג. סעדיה האָט אויך אָנגעשריבען אַ העברעאישע גראַמאַטיק, און איבערזעצט דעם תנ"ך אויף אַראַביש, צו מאַכען איהם צוטרעטליך פאַר די מאַסען. סעדיה'ס לעהרזאַמע טעטיגקייט און זיין קאַמף מיט די קראים'ער האָבען געמאַכט זיין נאָמען פּאָפּולאַר ווייט איבער די גרעניצען פון מצרים, אין אַלע תפוצות הגולה.

אין דעם יאָהר 928 איז סעדיה, וועלכער איז דאַן אַלט געווען 36 יאָהר, איינגעלאַדען געוואָרען אין סורא, צו פאַרנעמען דעם פּאָסטען פון דער דאָרטי־גער ישיבה. און דאַן איז פאָרגעקומען אַ אינצידענט, וועלכער אילוסטרירט די אויסגעהאַלטענקייט און שטאַרקען כאַראַקטער פון דיזען גרויסען מענשען. דער ריש־גלותא האָט גע'פּסק'נט אַ פּסק דין וועגען אַ ירושה ניט גערעכט, און ער האָט אויפגעפאָדערט די גאונים פון סורא און פּומבדיתא צו באַשטעטיגען זיין פּסק־דין. דער גאון פון פּומבדיתא האָט דאָס געטאָן, אָבער סעדיה גאון האָט זיך ענטזאָגט, ערקלערענדיג, אַז דער אורטייל איז ניט גערעכט. דער ריש־גלותא האָט געסטראַשעט סעדיה'ן, אַז ער וועט איהם אַרונטערזעצען פון זיין פּאָסטען, אויב ער וועט ניט ערפילען זיין פערלאַנג. אָבער סעדיה האָט זיך ניט דערשראָקען און בעשטאַנען אויף זיין מיינונג. ער האָט דערפאַר גוט בעצאָהלט, ער האָט פאַרלאָרען זיין שטעלע און געמוזט פאַרלאָזען סורא. דאַן האָט ער זיך באַזעצט אין באַגדאַד, און אָפּגעזונדערט פון געזעלשאַפטליכען לעבען, האָט ער געווידמעט זיינע אַלע קרעפטען צו שטודירען און צו שרייבען זיינע גרויסע ווערק וועגען רעליגיאָן, פילאָזאָפיע, און שפּראַכען קענטעניש. נאָך דעם ווי דער קאַליף איז געשטאָרבען, האָט די פּאַרטיי פון דעם געפאַלענעם גאון ווידער אויפגעלעבט. אין גיכען איז געשלאָסען געוואָרען אַ שלום צווישען דעם ריש־גלותא און סעדיה'ן, און ער איז ווידער אויסדערוועהלט געוואָרען אויף זיין פריהערדיגען פּאָסטען. די צרות וועלכע ער האָט געליטען, און די אָנגעשטרענג־טע גייסטיגע אַרבייט האָבען אונטערגעגראָבען זיין געזונט, און ער איז פריה־צייטיג געשטאָרבען אין דעם יאָהר 942, אין גאַנצען פופציג יאָהר אַלט.

סעדיה'ס וויכטיגסטע ווערק, וועלכע האָט פאַראייביגט זיין נאָמען אין דער אידישער געשיכטע איז זיין רעליגיעז־פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג: „אמונות ודעות”. אין דיזער ווערק ערקלערט ער די יסודות פון דער אידישער אמונה, ער פּרובירט צו פאַרענטפערען די אייביגע מחלוקת צווישען גלויבען און וויסען, רעליגיאָן און וויסענשאַפט. פון איין זייט קעמפּט ער געגען דעם אַבערגלויבען פון דעם המון, און פון דער אַנדער זייט געגען דעם אַטהעאיזם פון פילע גע־לערענטע פון זיין צייט. „מיין הארץ טוט וויי”, שרייבט ער, „ווען איך טראַכט וועגען אייניגע סאָרטען דענקענדע וועזענס, און מיין נשמה ציטערט פאַר'ן גורל פון אונזער פאָלק, די קינדער פון ישראל. איך זעה אין אונזער צייט אַ סך גלויביגע מענשען, וואָס זייער גלויבען איז ניט ריין, און זייערע מיינונגען זיינען ניט קלאָר, און פון דער אַנדער זייט זיינען דאַ אַ סך אומגלויביגע, וועלכע שטאָל־צירען דערמיט, וואָס זיי לייקענען אַלץ אָפּ, זיי האַלטען זיך העכער פון די מענשען מיט איבערצייגונגען, און אין דער זעלבער צייט בלאָנדזשען זיי אַליין”.

סעדיה גאון דריקט אויס דעם תמצית פון יודענטום אויף אזא אופן: גאָט

האָט באַשאַפען די וועלט ניט פון אַ פאַרטיגען מאַטעריאַל, נאָר אויך די אור־שפּרינגליכע מאַטעריע איז אויך זיין שאַפונג. דער באַשעפער איז איינער, און ווען ער האָט בעשאַפען די וועלט, האָט ער געהאַט אַ בעשטימטען קלאָרען ציל. די קרוין פון אַלע באַשעפענישען איז דער מענש. אין איהם איז אַריינגעגעבען געוואָרען אַ פאַרשטאַנדיגע נשמה, וועלכע קאָן אונטערשיידען צווישען גוטס און שלעכטס, און דערקענען דעם אמת. דער מענש וואָלט אַליין ניט געקאָנט גע־פינען דעם אמת'ן וועג פון לעבען, ווען גאָט וואָלט איהם ניט געקומען צו הילף.

גאָט האָט זיך ענטפּלעקט צו די אידען אויפ'ן בארג סיני, און האָט זיי געגעבען זיינע געבאָטען און געזעצען, וועלכע דאַרפען פיהרען דעם מענשען צו נאָבעלע צוועקען. דעם מענשען איז געגעבען געוואָרען אַ בחירה חפשית, אַ פרייער ווילען: ער איז פריי ענטוועדער אָפּצוהיטען, אָדער ברעכען די געבאָ־טען פון בארג סיני, און פון דאַנען נעהמט זיך דער בעגריף פון „שכר ועונש", שכר פאַר גוטע מעשים, און שטראָף פאַר זינד. גוטע און פרומע מעשים ריי־ניגען און דערהויבען די נשמה, שלעכטע מעשים באַפלעקען און פאַרשוואַרצען איהר. גערעכטיגקייט פאָדערט, אַז צדיקים זאָלען באַלוינט ווערען מיט אַלדאָס גוטעס, און רשעים און זינדיגע זאָלען ליידען דערפאַר וואָס זיי האָבען אָפּ־געטראָטען פון דעם אמת'ן וועג. נאָר אַזוי ווי אויף דער וועלט איז ניט מעג־ליך קיין פולער שכר, ווערען די גערעכטיגע בעלוינט ערשט אויף יענער וועלט. דער טויט הייסט ניט דער סוף פון עקזיסטענץ פון וועזען, נאָר דער איבער־גאַנג צו אַן אַנדער עקזיסטענץ. די עהרליכע נשמות הויבען זיך אויף צום אָרט פון גליק און רוה, די זינדיגע זיינען נע ונד אין דער וועלט. „תחית המתים" פאַרשטעהט סעדיה, אַזוי ווי דער תלמוד לערנט אונז. ווען משיח וועט קומען, וועט אַלעם קומען צוריק צום לעבען. אפילו די קערפּערס וועלען בוכשטעבליך ווערען לעבעדיג, און דאַן וועט אויף דער וועלט אויפשטעהן אַ נייע ערא, אין וועלכער עס וועט הערשען פולשטענדיגע גערעכטיגקייט.

אין דער עפּאָכע פון סעדיה גאון האָבען די אידישע חכמה און וויסענשאַפט דערגרייכט זעהר אַ הויכע שטופע. נאָך איהם זיינען אויך געווען פילע געלערנטע מענשען, אָבער קיינער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכען צו איהם. סעדיה גאון, קאָן מען זאָגען, איז געווען דער ליכטיגסטער שטערען פון אידישער קענטעניש אין זיין עפּאָכע, פונקט אַזוי ווי דער רמב"ם ווערט פאַררעכענט פאַר דעם גרעסטען געלערנטען אין דעם גאָלדענעם פעריאָד פון דאָס יודענטום אין שפּאַניע.

דער בליהענדער קולטורעלער צענטער אין בבל האָט אָנגעפאַנגען, נאָך דעם טויט פון סעדיה גאון, צו וואַקלען זיך. גלייכצייטיג האָט אָנגעהויבען צו

זינקען אויך דער געזעלשאפטליכער לעבען פון די אידען אין בבל. די הער־שאפט פונ'ם ריש גלותא האָט אָנגעוואוירען איהר פריהערדיגע בעדייטונג, און די ישיבה פון סורא האָט אָנגעפאנגען אונטערצוגעהן. די אידען פון די שכנות'־דיגע לענדער, וועלכע האָבען פריהער ליבעראל געשטיצט די ישיבות, האָבען אויפגעהערט צו שיקען די נויטיגע געלדער, אזוי אז די ישיבה פון סורא האָט זיך ענדליך געמוזט שליסען.

דאָס אַלטע בבל, וועלכע האָט פארנומען דעם ערשטען פּלאַץ אין דעם גייסטיגען לעבען פון די אידען פאר פילע יאָהרהונדערטער האָט געמוזט אָפּ־טרעטען דעם אָרט צו אַנדערע לענדער, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבען א נייער ברוּיזענדער אידישער לעבען. אָט די דאָזיגע לענדער האָבען זיך געפונען ניט אין מזרח, נאָר אין וויטען מערב. שפּאַניע איז געוואָרען דער נייער קולטורעלער צענטער פון אידען. און ווידער מוזען מיר אונטערשטרייכען די „גלותא דשכינתא”, אז די שכינה מיט דעם אידישען פאָלק האָבען צום דריטען מאָל געמוזט אַפּריכטען גלות.

מיט דיזען גלאָררייכען פעריאָד פארענדיגט זיך דער פיל־פארביגער פרעכ־טיגער געשטריק פון דעם טעפּיך, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געוועבט אין משך פון זיין גייסטיגער טעטיגקייט ביי די טייכען פון בבל.

דער גאָלדענער פעריאָד אין שפּאַניע

נאָך דעם ווי דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, נאָך דעם ווי די מוטער ציון איז געבליבען עלענד און פאַראָרימט, פאַרלאָרען איהר קרוין און שטאָלץ, און איבער די בערג פון יהודה זיינען אַרומגעלאָפען שאַקאַלען, האָט דאָס אידישע פאָלק גענומען דעם וואַנדער שטעקען אין האַנט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ביי די טייכען פון בבל האָט דאָס וואַנדערענדע פאָלק באַוויזען אויף דאָס ניי אויפגעלעבט צו ווערען. בבל איז געוואָרען דער מקום מקלט פאַר די אַנטרונענע אידען פון זייער היימלאַנד.

פונקט ווי לופט און וואַסער זיינען אַ נויטווענדיגקייט פאַר יעדען לעבע־דיגען וועזען, אַזוי איז די תורה אַ וויכטיגע גייסטיגע נויטווענדיגקייט פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק. ניט אומזיסט ווערען מיר אָנגערו־פען דער „עם הספר", מיר זאָרגען זיך פאַר דער גייסטיגער עקזיסטענץ פיל מעהר ווי פאַר דער פיזישער. האָבען דעריבער די אידען אין בבל געגרינדעט גרויסע ישיבות, תלמוד'ישע אַקאַדעמיעס, אַזוי שנעל ווי זיי האָבען זיך אין לאַנד אַביסעלע איינגעפונדעוועט.

די גייסטיגע עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק איז אויף אַזאַ אופן פאַר־זיכערט געוואָרען פאַר אַ לאַנגען פעריאָד. דער בליהענדער אידישער צענטער אין בבל האָט אָנגעהאַלטען איבער אַכט הונדערט יאָהר. די ישיבות אין סורא און אין פומבדיתא זיינען געווען די לאַבאָראַטאָריעס פון אידישער לעהרע און רעליגיעזער פאָרשונג. דאָרטען איז געשאַפען געוואָרען דער תלמוד בבלי. אַלס אַן אָנדענקונג פון יענע גוטע צייטען זיינען אונז פאַרבליבען די שאלות ותשובות פון די גאונים, ווי אויך די תפלה „יקום פרקן", וואָס מיר זאָגען יעדען שבת גלייך נאָך קריאת התורה.

צום סוף פון דעם צעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די ישיבות פון בבל אָנ־געהויבען אונטערצוגעהן צוליב די פאָלגענדע אורזאַכען: ערשטענס, האָבען אָנ־געפאַנגען אויסצושעפּען זיך די פינאַנציעלע קוועלען, וועלכע האָבען די ישיבות אויסגעהאַלטען. צווייטענס, דער ברייטער פאַרנעם פון אידישער לעהרע אין בבל דורך די אַלע יאָהרהונדערטער האָט פלוצלונג אָנגעפאַנגען צו ווערען שמאָלער, אַ דאַנק די פאַרשידענע צאַנקערייען און מחלוקת צווישען די רעליגיעזע פיהרער פון בבל'ישען אידענטום. דאָס אַלץ האָט געווירקט, אַז דער צענטער פון אידי־

שער רעליגיעז־קולטורעלער אַקטיוויטעט זאָל אַריבערוואַנדערען פון מזרח צו מערב. און ווידער אַמאָל זעהען מיר „גלותא דשכינתא", די שכינה האָט צום דריטען מאָל געמוזט אַפריכטען גלות מיט'ן אידישען פאָלק.

אָבער „לא ינום ולא יישן שומר ישראל" — אונזער פאָלק ווערט קיינמאָל ניט פארלאָזען. ווען די אידישע זון איז פארגאַנגען אין בבל, איז זי באַלד אויפ־געגאַנגען אויף דעם האַלבען־אינזעל פון שפּאַניע. אין דעם צעהנטען יאָהרהונ־דערט, איז דער גרעסטער טייל פון דעם פירענעאישען האַלבען־אינזעל רעגירט געוואָרען פון דעם מאַכמעדאַנישען קאַליפאַט אין קאָרדאָווא. אַזוי ווי די מאַכ־מעדאַנישע פיהרער זיינען דאַן געווען העכסט געבילדעטע מענשען, האָבען זיי נאַטירליך אָפּגעשאַצט ווי געהעריג דעם גייסטיגען באַגאַזש פון דעם אידישען פאָלק. זיי האָבען זיך באַצויגען מיט דעם גרעסטען רעספּעקט צו די אידען. אַזוי אַרום האָבען די אומשטענדען געבראַכט דערצו, אַז דער אידישער קולטור־רעלער צענטער זאָל אַריבערגעפיהרט ווערען פון בבל קיין ספרד, ד. ה. קיין שפּאַניע.

אין דעם קעניגליכען הויף פון שפּאַניע האָבען זיך דאַן געפונען די קליגס־טע און געבילדעטסטע מענשען פון יענער צייט. פּאָעטען זיינען הויפּטזעכליך געאַכטעט געוואָרען אינ'ם הויף. די קלוגע מיניסטאָרען האָבען איינגעזעהן, אַז דער גייסטיגער אידישער עלעמענט איז זעהר פעהיג צו פאַרשפּרייטען ציוויליזאַציע און קולטור אין זייער לאַנד, האָבען זיי דעריבער מקרב געווען די אידישע גע־לערנטע און זיי אָנפאַרטרויט מיט דיזער וויכטיגער אויפגאַבע. און אַ דאַנק דער מיטווירקונג פון דיזע געלערנטע, האָט שפּאַניע דאַן טאַקע דערגרייכט די העכסטע קולטורעלע שטופּע אין דער גאַנצער וועלט. די אידען פון שפּאַניע האָבען געהאָלפען פאַרשפּרייטען די אַראַבישע ציוויליזאַציע אין אייראָפּאַ. די־זער גליקליכער פעריאָד האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט די צוויי גרויסע קאַליפען פון שפּאַניע: אבד־אל־רחמן דער דריטער, און זיין זוהן אל־חכם דער צווייטער.

פיער גרויסע אידישע געלערנטע האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער נייער העבראַאישער קולטור אין שפּאַניע. איינער פון זיי, חסדאי אבן שפּרוט, האָט געשטאַמט פון דער נאָבעלער פאַמיליע אבן עזרא. ער איז געווען דער הויז דאָקטאָר פון דעם קעניג אבד־אל־רחמן. אַ דאַנק זיינע גרויסע פעהיגקייטען אַלס דיפּלאָמאַט, האָט ער אָנגעהאַלטען זעהר אַ הויכען און פאַראַנטוואָרטליכען אַמט ביי דער רעגירונג. ער איז געווען דער הויפּט ראַטגעבער אין דעם מוסול־מאַנישען געריכט. ווען אַמבאַסאַדאָרען פון אַנדערע לענדער פלעגען קומען באַ־זוכען דעם קעניגליכען הויף, פלעגט חסדאי זיי אויפנעמען און געבען עצות אין די אָנגעלעגענהייטען פון זייער שליחות. ער איז געוואָרען ביי זיי באַליבט און באַריהמט פאַר זיין טיפען פּראַקטישען שכל און גרויסער שפּראַכען־קענטע־

גיש. זיין גרויסען נאָמען און ווירקונג האָט ער אויסגענוצט ביי דער רעגירונג צו פאַרבעסערען די אַלגעמיינע לאַגע פון זיינע אידישע ברידער און זייערע קולטורעלע באַדערפֿנישען. ער האָט געשיקט גרויסע סומען געלט צו די ישיבות פון בבל, וועלכע זיינען דאַן געווען אין אַ שלעכטען מצב. אויך איז ער געווען דער ערשטער צו גרינדען אין קאָרדאָווא אַ צענטער פון אידישער לעהרע.

די ישיבות פון בבל פלעגען דאַן ארויסשיקען משולחים צו אַלע טיילען פון דער וועלט צו זאַמלען געלט. איינמאָל זיינען פיער רבנים אַרויסגעשיקט געוואָרען פאַר דיזען צוועק. אַ מאַכמעדאַנישער אדמיראַל האָט זיי געפאַנגען און פאַרקויפט פאַר שקלאַפען אין קאָרדאָווא. די דאָרטיגע אידישע געמיינדע האָט זיי גלייך אויסגעלייזט. איינער פון זיי איז געווען רבי משה בן חנוך, אַ גרויסער תלמיד חכם. זייענדיג פון דער נאַטור אַ גרויסער עניו, האָט ער זיך געהאַלטען זעהר איינפאַך, ער האָט ניט געוואָלט דורך זיין קענטעניש זיך אָנטאָן אַ קרוין פון גדולה.

איינמאָל איז ר' משה בן חנוך אריינגעקומען צוזאַמען מיט זיין זוהן אין דער ישיבה. גראָד איז דאַן פאָרגעקומען אַ הייסע דעבאַטע וועגען אַ געוויסען ענין פון תלמוד. קיינער האָט די סוגיא ניט געקאָנט ערקלעהרען, ווי געהעריג. דאַן האָט זיך רבי משה בן חנוך אויפגעשטעלט און אויפגעקלערט דעם ענין אויפ'ן בעסטען אופן. רבי נתן, דער ראש הישיבה, האָט זיך דאַן געווענדעט צו זיינע תלמידים מיט די ווערטער: „איך קאָן מעהר ניט זיין אייער רבי, ווייל דער פרעמדער מאַן איז מיין לעהרער, און איך בין גרייט צו זיין זיין תלמיד". אויף אַזאַ אופן איז רבי משה בן חנוך אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין דער גרויסער ישיבה פון קאָרדאָווא. זיין נאָמען איז באַלד געוואָרען זעהר פאָפּולאַר אין שפּאַניע און אין צפון אַפריקאַ. תלמידים, אין די טויזענטער, זיינען געקומען הערען תורה פון איהם. דורך איהם און דורך חסדאי'ן איז קאָרדאָווא געוואָרען דער גרעסטער קולטורעלער צענטער פאַר אידען אין דער וועלט.

די אַנדערע צוויי גרויסע אידישע פּערזענליכקייטען, וואָס האָבען פיל ביי־געשטייערט צו דעם אויפבליה פון דיזען צענטער, זיינען געווען מנחם בן שרוק און דונאש אבן לאַבראַט. מנחם בן שרוק איז געווען אַ גרויסער בעל דקדוק. ער האָט געשאַפען אַ העברעאישען ווערטער־בוך. דונאש איז אויך געווען אַ בעל דקדוק און דערצו דער ערשטער העברעאישער פּאָעט. די צוויי געלערנטע האָבען זיך מעהרסטענס אָפּגעגעבען מיט פאָרשונג. זיי האָבען ביידע געשאַפען אַ ברייט פאַרצווייגטע העברעאישע קולטור, ווערענד חסדאי האָט זיך מעהרסטענס אינטערעסירט מיט דער אַלגעמיינער לאַגע פון די אידען אין שפּאַניע, ווי אויך אין אַנדערע לענדער. דורך דער ברייטער באַקאַנטשאַפט, וואָס חסדאי האָט געהאַט מיט די אַמבאַסאַדאָרען אין פאַרשיידענע לענדער, איז איהם מעגליך געווען צו העלפען די אידען דאָרטען אין אַ גרויסער מאָס.

ער האָט זיך דורך דעם ביזאַנטישען אַמבאַסאדאר דערוואוסט, אז ערגעץ אין דרום רוסלאַנד צווישען דעם שווארצען און דעם קאַספּישען ים, געפינט זיך אַ אידישע קעניגרייך, וועלכע ווערט אָנגערופען „די לאַנד פון די כאַזאַרען", און דער קעניג הייסט יוסף. חסדאי האָט גלייך געשריבען אַ בריוו צום אידישען מאָנארך. אין דעם בריוו באַשרייבט ער זיין אייגענע פּאָזיציע, ווי אויך די אידישע לאַגע אין שפּאַניע, און פאַרלאַנגט צוריק פולע אינפאָרמאַציע וועגען דער כאַזארישער היסטאָרישער אָפּשטאַמונג און וועגען זייערע געזעצען און טראַדיציעס. דיזער בריוו האָט דערגרייכט דעם אידישען קעניג, און ער האָט גלייך מיטגעטיילט חסדאי׳ן וועגן אַלע זיינע אָנפראַגען.

פון די אַראַבישע און רוסישע קוועלען איז אונז באַקאַנט, אַז די כאַזאַרען זיינען בעשטאַנען פון פערשיידענע שבטים פון דער קאַווקאַזישער ראַסע: טאַטאַרען, סלאַווען, בולגאַרען, און אז. וו. צווישען זיי זיינען אויך געווען אידען, וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון דער ביזאַנטישער מלוכה, וואו מען האָט זיי פאַרפאָלגט און אונטערדריקט. די מעהרהייט פון דיזער באַפעלקערונג זיינען געווען געצענדינער. אין אָנפאַנג פון דעם אַכטען יאָהרהונדערט האָבען די כאַזארען געהאַט אַ קעניג מיט דעם נאָמען בולאַן, אַ מערקווירדיגע פּערזענליכקייט. איינמאָל האָט ער געזעהן אין חלום אַ מלאך, וועלכער האָט איהם צוגעזאָגט מאַכט און רייכטום, אויב ער וועט זיך באַקעהרען צו איין גאָט. ווען די מאַכמעדאַנער און קריסטען האָבען פון דעם זיך דערוואוסט, האָבען זיי געשיקט פאַרשטעהער צום קעניג בולאַן. אויך אַ איד איז געקומען צו איהם. אַלע האָבען זיי אַנטייל גענומען אין אַ רעליגיעזער דיסקוסיע מיט דעם קעניג. שפּעטער האָט דער קעניג געפרעגט יעדען פאַרשטעהער באַזונדער, וועלכע רעליגיע, לויט זיין פאַרשטאַנד, איז די בעסטע, אַ חוץ זיין אייגענע וואַרשיינליך. האָט יעדער איינער געענטפערט, אַז די אידישע אמונה איז די עלטסטע און די בעסטע. דאַן האָט דער קעניג אָנגענומען די אידישע רעליגיע, און איהם האָבען נאָכגעפאָלגט אַלע זיינע הארען און פּרינצען, ווי אויך אַ גרויסע צאָל פון דער באַפעלקערונג. באַלד האָט מען דאָרט אויסגעבויט שוהלען און ישיבות, און די אידישע תורה האָט זיך דאָרט פאַרשפּרייט. דיזע מלוכה האָט עקזיסטירט פילע יאָהרען. דער לעצטער אידישער קעניג איז געווען יוסף. אין דעם יאָהר 1016 האָט דער רוסישער פּרינץ סוויאַטאָסלאַוו מלחמה געהאַלטען מיט די כאַזארען און זיי באַזיגט. אַ טייל פון זיי האָבען זיך באַזעצט אין קרים, און אַן אַנדער טייל איז שפּעטער געקומען קיין שפּאַניע, וואו זיי האָבען זיך פאַראייניגט מיט די דאָרטיגע אידען.

חסדאי׳ס וואַרימע אידישע הארץ האָט אימער געזוכט מיטלען, ווי אַזוי צו העלפען זיינע צעזייטע און געליטענע ברידער איבער דער גאַנצער וועלט.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט געהאט אזא הויכען אמט ביי דעם קאַליף, און איז געווען רייך און זיכער מיט זיין פּאָזיציע, האָט זיין האַרץ אויך געבענקט נאָך ציון. חסדאי איז געווען ניט נאָר דער פּרינץ פון דיפּלאָמאַטען, נאָר אויך דער פּרינץ פונ׳ם גאַנצען פאָלק ישראל.

די שפּאַנישע אידען, אונטער דער מאַכמעדאַנישער מאַכט, האָבען איצט געקראָגען די פולע אויבערהאַנט איבער די אידען אין ארץ ישראל, צפון אפּריקא, און אויך אין בבל. נאָך דעם טויט פון חסדאי׳ן איז די אידישע פיהרערשאַפט אין שפּאַניע איבערגענומען געוואָרען פון שמואל הנגיד. שמואל דער זוהן פון יוסף אבן נגדילא איז געבאָרען געוואָרען אין דעם יאָהר 993 אין קאָרדאָווא, און געקראָגען זיין אידישע בילדונג אין דער ישיבה פון דעם גרויסען תלמיד חכם משה בן חנוך. שמואל הנגיד האָט באַזעסען אַלע גרויסע מעלות פון די אויבענדערמאָנטע ספרד׳ישע פיהרער און געלערנטע. ווי חסדאי איז ער געווען אַ גרויסער שטאַטסמאַן, און אויך אַ מעצענאַט פון אידישער לעהרע;ווי משה בן חנוך — אַ גרויסער תלמיד חכם; ווי דונאַש — אַ דיכטער און אַ בעל דקדוק. זיין נאָמען איז געווען ווייט און ברייט פאַרשפּרייט צווישען די אידען פון אַלע לענדער.

ווען ער איז בלויז צוואַנציג יאָהר אַלט געווען, האָט אויסגעבראָכען אַ בירגערליכער קריג אויף דעם פּירענעאישען האַלב־אינזעל, און די מאַכמעדאַנישע קעניגרייך האָט זיך צעבראָקעלט אין פּראָווינצען. די שטימונג ביי די אידען איז געוואָרען אַ אָנגעצויגענע. פילע פון זיי האָבען פאַרלאָזען קאָרדאָווא, און צווישען זיי איז אויך געווען שמואל הנגיד. ער האָט זיך באַזעצט אין מאַלאַגאַ, וואו ער האָט געהאַט אַ קליין געשעפט פון געווירצען (בשמים). אין דער פרייער צייט האָט ער אימער געלערנט תלמוד און פערשיידענע שפּראַכען, ווי לאַטיין, אַראַביש, און שפּאַניש. זיין וואונדערשעהנע האַנדשריפט האָט איהם דורך אַ צופאַל געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל מיטאַמאָל דערהויבען ווערען.

אין יענע צייטען האָבען נאָך מענשען ניט געוואוסט פון דרוקעריי. אַלע ליטעראַרישע ווערק פלעגען ווערען איבערגעשריבען מיט דער האַנט, און אַ מענש וואָס האָט באַזעסען אַ שעהנע האַנטשריפט, פלעגט קריגען אַ גוטען אַמט ביי דער רעגירונג. דורך אַ צופאַל, איז אַ שריפט פון שמואל הנגיד אריינגעפאַלען אין די הענט פון דעם מיניסטער פון גראַנאַדאַ, אין מאַלאַגאַ. דער מיניסטער האָט דאַן גלייך געשיקט נאָך איהם. ווען ער האָט זיך מיט איהם צערעדט, האָט ער גלייך איינגעזעהן, אַז ניט נאָר איז שמואל אבן נגדילא אַ וואונדערבאַרער שרייבער, נאָר אויך אַ גרויסער קענער אין מלוכה ענינים. ער האָט איהם באַלד געמאַכט פאַר זיין פּערזענליכען סעקרעטאַר, און אַ דאַנק זיין שאַרפזיניגקייט און גרויסע פעהיגקייטען, איז שמואל הנגיד געשטיגען אויף זיין אמט. ער איז מיט דער צייט געוואָרען דער וויזיר פון גראַנאַדאַ.

זיין הויכער אמט האט איהם אָבער ניט געמאכט צו פיהלען שטאָלץ און צו האַלטען זיך העכער פון זיינע פריינט. פאַרקערט, ער האט עס גראָד גע־נוצט צו טאָן פיל גוטעס פאַר זיינע ברידער. ער איז אימער צו געשטאַנען ווי אַ מליץ יושר צווישען זיין פאָלק און דער רעגירונג. געפינענדיג זיך אלס איד אויף אַ פאַראַנטוואָרטליכען אמט, איז קיין וואונדער ניט אז ער האט אַרויסגערו־פען אייפערזוכט ביי פילע מאַכמעדאַנער. אָבער שמואל הנגיד איז געווען דער גרויסער פערזאָן, וואָס האט געקאָנט מאַכען פון שונאים גוטע פריינד.

זיין אינטעליגענץ און נאָבעלער כאַראַקטער ווערען אילוסטרירט אין דער פאָלגענדער געשיכטעלע וועגען איהם: ניט ווייט פון דעם קעניג׳ס פאַלאַץ האט געוואוינט אַ מאַכמעדאַנער, אַ קרעמער פון געווירצען. יעדעס מאָל, וואָס שמואל הנגיד פלעגט פאַרבייגעהן זיין קראָם, פלעגט דער מאַכמעדאַנער איהם זידלען, מאַכען חוזק פון איהם און אויך שילטען. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען, ווען דער קעניג איז איינמאָל פאַרבייגעגאַנגען מיט זיין וויזיר. דער קעניג איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען און געהייסען באַשטראָפען דעם חוצפה׳דיגען מאַכ־מעדאַנער, דורך אויסשניידען זיין אומריינע צונג. אָבער דער נאָבעלער אידי־שער שטאַטסמאַן האט דאָס פאַרדאָרבענע צונג געמאַכט שווייגענדיג אויף גאָר אַן אַנדער אופן. ער האט איהם בעסער געשיקט מתנות. דער מאַכמעדאַנער האט דאַן געביטען זיין האַלטונג, און אַנשטאָט צו זידלען שמואל׳ן פלעגט ער איהם גאָר העפליך בעגריסען. ווען דער קעניג האט דאָס באַמערקט, האט ער פאַר־וואונדערטערהייט געפרעגט שמואל׳ן, ווי אַזוי עס האט געקאָנט פאַסירען. שמואל הנגיד האט ערקלעהרט דעם קעניג, אז ער האט געטאָן לויט זיין באַפעהל. ער האט דאָס שלעכטע צונג אַרויסגענומען און אַ גוטע אַריינגעזעצט. זיין אויסדרוק פלעגט שטענדיג זיין: „מיט גוטעס היילט מען שלעכטס״.

עס זיינען געווען נאָך גרויסע אידען אין שפּאַניע, וועלכע האָבען געהאַל־טען הויכע רעגירונגס אַמטען און אויסגענוצט זייער איינפלוס פאַר די אינטע־רעסען פון זייערע ברידער. דער אונטערשייד צווישען די גרויסע אידען אין שפּאַניע און די אידישע פיהרער אין אַנדערע לענדער איז געווען, וואָס די שפּאַ־ניש־אידישע פאַרשטעהער האָבען אַלץ געטאָן ערנסט, פאַר דער גוטער זאַך זעלבסט, ניט ערוואַרטענדיג דערפאַר קיינע כבודים. דאַרום זיינען זיי טאַקע געווען אַזוי ערפאָלגרייך. עס איז אויך וויכטיג צו דערמאָנען, אז די שפּאַנישע אידען אין אַלגעמיין זיינען אימערצו פאַרבליבען געטריי און איבערגעגעבען צו זייער אמונה, אפילו ווען זיי האָבען זיך געפונען אויף דעם שפּיץ פון ער־פאָלג און רייכטום. די שפּאַנישע אידען אין יענער צייט, די אַזוי גערופענע „ספרדים״, זיינען געווען שטאַרק געאַכטעט ביי די אידען פון אַנדערע לענדער, ווייל זיי האָבען אַוועקגעלייגט אַ ברייטען פונדאַמענט פאַר העברעאישער קענטע־

ניש און אַלגעמיינער וויסענשאַפט. ניט די קרוין פון רייכקייט, פון גאָלד און זילבער, ניט די קרוין פון כבוד און מאַכט איז געווען זייער אידעאַל. גראָד פאַרקערט, הויכע מאָראַלישע אידעען און אינטעלעקטועלע ערהאַבענע אידעאַלען — איז געווען דער שטאָלץ פון זייער גייסטיגער קרוין. ניט אומזיסט רופט זיך דעריבער דיזער גלענצענדער פעריאָד אין דער אידישער היסטאָריע „דער גאָלדענער פעריאָד אין שפּאַניע".

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די ספרדים זיינען געקומען אין בארירונג מיט דער העכסטער אריסטאָקראַטיע פון לאַנד, זיינען זיי דאָך פאַרבליבען געטרייע פּאַטריאָטען פון זייער אייגענעם פאָלק. זיי זיינען געווען שטאָלץ אויף זייער אידישער אָפּשטאַמונג און האָבען אויספיהרליך אָפּגעהיט אַלע געזעצען און טראַדיציעס פון דער תורה. אָבוואָהל עס זיינען צווישען זיי געווען אַ סך דענקער, דיכטער און פילאָזאָפען, פונדעסטוועגען האָט קיינער פון זיי ניט אַריבערגעטראָטען דעם תחום פון דער אידישער אמונה. רעליגיאָן איז ביי זיי געווען אַ הייליגע זאַך, פאַר וועלכער זיי זיינען שטענדיג געווען גרייט צו געהן אויף קדוש השם. דיזע אויסגעהאַלטענקייט אין גייסט האָט פיל מיטגעהאָלפען צו דער פאָרמירונג פון זייער נאָבלען כאַראַקטער בכלל, און צו זייער אָפּפערוויליגקייט פאַר די אידישע אידעאַלען בפרט. רייכקייט און כבוד האָבען זיי ניט פאַרבלענדעט די אויגען, האָבען זיי ניט אַראָפּגעפיהרט פון דעם אידישען גאָלדענעם וועג, דעם דרך הישר.

איך וועל איצט שליסען דיזע אָפּהאַנדלונג וועגען דעם גאָלדענעם פעריאָד פון די שפּאַנישע אידען מיט נאָך איין העכסט קאָלירפולער פערזענליכקייט, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט. דאָס איז דער בעריהמטער משורר יהודה הלוי. מיר זיינען געוויינט צו דענקען, אַז דער אידעאַל פון ציוניזם האָט גלענצענד אַרויסגעבראַכט דר. הערצל. דאָס איז טאַקע אמת, ווייל פונקט אַזוי ווי די עלעקטרישע ליכט, וואָס דער געניאַלער ערפינדער טאָמאַס עדיסאָן האָט ערפונדען, האָט פריהער פאַרמאָגט פילע גרויסע וויסענשאַפטסלייט, וועלכע האָבען צו ערשט אויפגעקלערט די עלעקטרישע געזעצען, אויף וועלכע עדיסאָן האָט שפּעטער באַזירט זיין פּראַקטישע ערפינדונג, אַזוי איז אויך דער ציוניזם געווען פריהער אין די הערצער און מוחות פון די גרעסטע אידישע פערזענליכקייטען נאָך מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, און שטיצענדיג זיך אויף דעם, האָט דר. הערצל שפּעטער געגרינדעט זיין פּאָליטישען ציוניזם.

איינעם פון אָט די אַלטע האַרציגסטע ציוניסטען געפינען מיר אין דער ליבליכער פערזענליכקייט פון דעם גרעסטען אידישען דיכטער און דענקער פון דעם מיטעל־אַלטער, יהודה הלוי. ער איז אין דער אידישער געשיכטע טיטולירט מיט'ן נאָמען „דער זיסער זינגער פון ציון". איידער יהודה הלוי איז צו־

געטראָטען צו זיין גרויסער שעפערישער אַרבייט אויף דעם געביט פון העב־רעאישער ליטעראַטור, איז שוין די נייע העברעאישע פּאָעזיע געשטאַנען אויף אַ גאַנץ הויכער שטופע פון אַנטוויקלונג אין שפּאַניע. עס איז דאָרטען צום ביישפּיל געווען אַזאַ ליכטיגע פּערזענליכקייט ווי שלמה אבן גבירול, אַ גרוי־סער לירישער דיכטער און דענקער, וועלכער ווערט אָנגערופען: „דער אידישער פּלאַטאָן". זיין רעליגיעזע פּאָעמע „כתר מלכות" ווערט נאָך ביז היינט צו טאָג בענוצט אין אונזער ליטורגיע. זיין טיפע פילאָזאָפישע ווערק „דער קוואַל פון לעבען", האָט אין זיין צייט געמאַכט אַן אומגעהויער גרויסען רושם אין דער אידישער, ווי אויך אין דער קריסטליכער וועלט.

נאָך דעם ווי די פעלד פון דער נייער העברעאישער פּאָעזיע איז שוין גע־ווען באַפרוכטבאַרט, און דער לירישער גאָרטען פאַרפלאַנצט, איז דאַן געקומען דער אמת'ער מלך, יהודה הלוי, און אויפגעבויט אַ גרויסען פּאַלאַץ פאַר אונ־זער נאַציאָנאַלער שפּראַך. זינט דער תקופה פון די משוררים פון תהלים, האָט די העברעאישע ליטעראַטור ניט פאַרמאָגט אַזאַ טאַלאַנטפולען דיכטער און רע־ליגיעזען דענקער, ווי יהודה הלוי.

ער איז געבאָרען געוואָרען אין טאָלעדאָ, אין דער פּראָווינץ פון קאַסטי־ליע, אין דעם יאָהר 1085. זיין ערשטע אידישע ערציהונג האָט ער געקראָגען אין לוצענא לעבען גראַנאַדאַ אין דער תלמודישער אַקאַדעמיע פון דעם גרויסען רבני'שען אויטאָריטעט פון יענער צייט, יצחק אלפסי. אחוץ דעם וואָס יהודה הלוי האָט פאָלקאָם באַזעסען העברעאיש, די ביבלישע און תלמודישע ליטעראַ־טור, איז ער אויך געווען גוט בעקאַנט מיט דער אַראַבישער און שפּאַנישער ליטעראַטורען פון יענער צייט. ער האָט געלערנט פילאָזאָפיע, נאַטור וויסענ־שאַפט, און אַלע קענטענישען פון יענער צייט. זיין פּראָפעסיע איז געגען מע־דיצין, אָבער זיין ליבליכסטער צייט־פאַרטרייב איז געווען פּאָעזיע, וועמעס גייסט האָט איהם באַפליגעלט און פולשטענדיג באַהערשט זיין גאַנצען לעבען.

אין זיין יוגענט האָט יהודה הלוי געזונגען, ווי אַ נאַכטיגאַל, פרעהליכע מעלאָדישע געזאַנגען פון ליבע, שעהנקייט פון דער נאַטור, און פון אַלע אידעאַ־לע פאַרגעניגענס פון לעבען. ווען ער איז עלטער געוואָרען, איז ער געוואָרען מעהר צוריקגעהאַלטען, זיין סטיל פון שרייבען האָט אָנגענומען אַ מעהר ערנסטען כאַראַקטער, ביז ער האָט דערגרייכט דעם קלימאַקס פון זיין ערפאָלג אין פּאָעזיע, אין זיין בענקעניש נאָך דער מוטער ציון. אָט דאָ האָט ער אויסגעגאָסען זיין גאַנצע נשמה אין די שעהנסטע קלאַנגען, וועלכע זיינען ווען עס איז געהערט געוואָרען אין דער העברעאישער שפּראַך, זינט דעם צווייטען חורבן. די באַקאַנטסטע פון זיינע שעהנע עלעגיעס, זיינען: „אלי ציון ועריה" און „ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך", וועלכע מיר דערמאָנען יעהר־ליך תשעה באב.

די טיפע בענקשאפט נאָך ציון האָט איהם ניט אָפּגעלאזט אויף איין מי־נוט. אויף די עלטערע יאָהרען, ווען ער איז שוין געוואָרען שוואך אין געזונט, האָט ער מיט אמאָל פארלאָזען זיין באקוועמע היים אין שפּאניע, זיינע גוטע פריינד, זיין איין איינציגע טאָכטער און אייניקעל, וועלכע ער האָט אזוי ליב געהאט, און האָט זיך געלאָזען אין דער ווייטער וועג אריין איבער ימים און מדבריות, א וועג פול מיט סכנות אויף יעדען טריט און שריט אין יענער צייט, אום אָנצוקוקען די באליבטע לאַנד פון זיינע חלומות און פאַנטאַזיעם — ארץ ישראל. ווען ער האָט ענדליך דערגרייכט דאָס לאַנד פון זיינע האָפענונגען און שטרעבונגען, האָט ער געקושט די שטיינער פון דער הייליגער און חרוב'ער שטאָט ירושלים, און, זינגענדיג זיין לעצטען געזאנג צו ציון, האָט ער דערביי אויסגעהויכט זיין געפיהלפולע פּאָעטישע נשמה.

ארץ ישראל.

צוויי טויזענט יאָהר האָט דאָס אידישע פאָלק געהאָפט צו גאָט און גע־גלויבט, אַז שיבת ציון וועט ענדליך קומען. דער שטענדיגער חלום פון דעם איי־ביגען וואַנדער־פאָלק צוריקקעהרען זיך אַמאָל, אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציאָן, אין זיין אייגענעם לאַנד, ווערט סוף כל סוף מקוים. די נבואה, וועל־כע אונזערע נביאים האָבען פאָראויסגעזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, און דאָס אידישע פאָלק וועט צוריק אויפגעלעבט ווערען אין לאַנד, פון וועלכען עס איז פארטריבען געוואָרען, ווערט ממש מקוים פאַר אונזערע אויגען.

אין קיין איין מאָמענט פון זיין לאַנגער גלות געשיכטע האָט דאָס אי־דישע פאָלק ניט פארלאָרען דעם טיפען אינטערעס אין לאַנד פון זיינע אבות, דאָס לאַנד פון זיין טרייסט און האָפענונג. דער זכר פון ציון, די פאַרגעשטעל־טע בילדער פון כרמל און שרון, עמק יזרעאל און הרי יהודה, די בלויע וואַ־סערען פון ירדן און די ווייסע שנייען פון לבנון, זיינען אימער געשטאַנען פאַר די אויגען פון די פאַרטריבענע און פארוואַגעלטע אידען. איצט אָבער קאָנצענ־טרירט דאָס אידישע פאָלק זיינע געדאַנקען און געפיהלען ניט מעהר אויף חלומות, נאָר אויף אַ פראַקטישען בנין הארץ.

עס איז מערקווירדיג, אַז די אידען האָבען מעהר באַזונגען און באַקלאָגט ארץ ישראל, ווי זיי האָבען זייער לאַנד אייגענטליך געקאָנט. קיין איין העב־רעאישער אָדער אידישער פּאָעט האָט קיינמאָל ניט פארפעלט צו באַוויינען די טרויעריגע בילד פון דער פארלאָזענער מוטער ציון, און צו באַזינגען דעם טרוים וועגען שיבת ציון.

דער היסטאָרישער שיקזאל פון ארץ ישראל איז פיליכט דער אָריגינעלס־טער פון אַלע אַנדערע לענדער אין דער וועלט. שוין פיער טויזענד יאָהר, ווי דאָס הייליגע לאַנד שטעהט אין דעם מיטעל־פונקט פון דער וועלט געשיכטע. קיין איין וויכטיגע מענשליכע ענטוויקלונג איז ניט פאָרגעקומען אָהן דער דירעקטער אָדער אומדירעקטער באַטייליגונג פון דעם קליינעם לאַנד ארץ ישראל: די אוראַלטע מלחמות צווישען בבל און פרס, מצרים און סוריא; דער קאַמף פון דער רוימישער אימפּעריע פאַר וועלט מאַכט געגען די פרייע פעלקער פון אזיע; דער מאַרש פון די אַראַבישע מדבר שבטים צו מזרח און צו מערב; דער מערב אייראָפּעאישער אויסברוך אין מיטעלאַלטער, וועלכער האָט זיך

אויסגעדריקט אין די „מסעי הצלב״, די קרייץ־צוגע. אין דיזע אַלע געשעהענישען האָט זיך אין אַ געוויסען גראַד באַטייליגט דאָס היילינגע לאַנד.

די גרעניצען פון לאַנד

ארץ ישראל געפינט זיך אין דעם מיטעל פונקט פון דריי וועלט טיילען: אַזיע, אפריקאַ, און איירָאפּא. זי טיילט זיך אָפּ פון די אַרומיגע שכנות׳דיגע לענדער דורך נאַטירליכע גרעניצען: בערג, מדבר, און ים. פון מערב ליגט אויסגעשפּרייט דער אַזוי גערופענער ים התיכון, דער מיטעללענדישער ים; אין צפון ציהען זיך די בערג פון לבנון, וועמעס שפּיצען זיינען געקרוינט מיט דעם אייביגען שניי; אין מזרח — די ברייטע פרוכטבאַרע סטעפּעס פון עבר הירדן; אין דרום שפּרייט זיך אויס דער זאַמדיגער מדבר. דאָס זיינען גרעניצען, וועלכע די נאַטור אַליין האָט באַשאַפען פאַר׳ן היילינגען לאַנד.

ירושלים און איהר באַדייטונג

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער געשיכטע פון ארץ ישראל באַשטעהט גראַד אין דעם, וואָס אָבוואָהל געאָגראַפיש האָט זי תמיד פאַרנומען אַ צווייטען פּלאַץ אינ׳ם פּאָליטישען לעבען פון די פעלקער, האָט זי דערפאַר אָבער אויסגעאיבט אַ הערשענדע וועלט ראָלע אין רעליגיעזען און קולטורעלען זין. צוויי גרויסע רעליגיעס זיינען דאָך ענטשטאַנען און זיך ענטוויקעלט אין ארץ ישראל, וועלכע האָבען געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער גאַנצער מענשהייט. דאָס לאַנד האָט גערייצט די מענשליכע פאַנטאַזיע, און איז אימער געוועזען ליב און טייער ביי אַלע פעלקער, הויפּטזעכליך טאַקע צוליב דער היילינגער שטאָט ירושלים.

די אַלטע און פאַנטאַסטישע שטאָט ירושלים באַשטעהט איצט פון צוויי טיילען: דעם אַלטען קוואַרטאַל און דעם נייעם. זיי אונטערשיידען זיך איינער פון דעם אַנדערען זעהר פיל. אין דעם אַלטען טייל פון ירושלים זיינען די גאַסען זעהר שמאָל, און זיי טראָגען מעהר דעם כאַראַקטער פון געסלאַך, איידער גאַסען. די קרומע וועגען און שטעגען דאָרט זיינען ממש לאַבירינטען, וואָס קאַפּריזען פון טויזענד־יעהריגע דורות האָבען אויסגעפּלאַסטערט.

די אַרכיטעקטור פון די בנינים דאָרטען איז אַ סך הכל פון צעוואָרפענע, צעשאָטענע, צונויפגעקלעפּטע און מיאוס׳ע הייזער אָהן אַ קינסטלערישער פאָרמע און פאַנטאַזיע. עס איז אויבערפלעכליך דער העכסטער אונזין, און דאָך ליגט דאָרט די גרעסטע חכמה.

דאָס אַלטע ירושלים איז אַ סימפאָניע פון שטיינער. אַלע סאָרטען שטיינער געפינט איהר דאָרט. אויך די מענשען איהרע זיינען פון אַלע מינים, און

פון אַלע קולטורען פון גאָר דער וועלט. זייער קליידונג איז קאַלירפול און פער־שיידענאַרטיג. דאָרט זעהט איהר אידען מיט לאַנגע געגרייזעלטע פאות, פאַט־ריאַרכאַלישע בערד און פאַנטאַסטישע קליידער, וועלכע רעדען פאַרשיידענע שפּראַכען. דאָ טרעפט איהר אויך אַראַבער, בעדואינער, הינדוסען, אַרמעניער און אייראָפּייער, יעדערער מיט זיין פאַרבענרייכער קליידונג, יעדערער מיט זיין אייגענאַרטיגער קולטור.

ענג איז דאָס געסעל, הילכיג און כאַאָטיש שלעפּט זיך דער לאַנגווייליגער עולם הין און צוריק. פּלוצלונג באַווייזט זיך אַ קאַלאָסאַלע פיגור מיט אַ לאַנגען האַלז און אַ קערפּער — ממש אַ באַרג אַ גאַנצער! אַן אַנגעלאָדענער קעמעל קומט אָן. מיט זיין קאָפּ שפּאַרט ער אָן אַזש צום דאַך פון דער געסעל. ער שפּאַנט זעהר פאַרזיכטיג מיט זיינע פלאַטשיגע פיס, וואָס זיינען פון ששת ימי בראשית געשאַפען געוואָרען פאַר דעם מדבר זאַמד, אָבער ניט פאַר די געסלאַך פון ירושלים. און טאָמער פאַסירט אַמאָל, אַז אַזאַ קעמעל גליטשט זיך אויס און פאַלט אַנידער צו דער ערד, צושרייט ער זיך דאַן אום'ברחמנות'דיג ווילד, אַז עס וואַרפט אָן אַ פּחד. עס העלפען דאַן ניט קיינע אָנשטרענגונגען מצד דעם אָנטרייבער איהם צוריקשטעלען אויף זיינע פיס. כאַטש נעם און לייג אונטער זיינע פיס דעם זאַמד פון דעם מדבר!....

אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב פיהרט זיך דער האַנדעל אין די געסלאַך פון אַלט ירושלים. אָט זיצט אַ שוסטער אין אַ ווינקעל פון גאַס, לעבען איהם גע־פינט זיך אַ שניידער, דערנאָך אַ שמיד, אַ סטאָלער. אַלע צוזאַמען זיינען זיי צונויפגעדריקט, ניטאָ קיין ביסעל רחבות. דער דלות שפּאַרט פון אַלע זייט־טען. דערפאַר אָבער איז דאָס אַלט ירושלים רייך אין חדרים און ישיבות, אין שוהלען און שוהלכלאַך, אין אַלערליי רעליגיעזע אַנשטאַלטען. עס גריבעלט און שווימעלט מיט אַלערליי אינסטיטוציעס.

פון אַ גאַנץ אַנדערען כאַראַקטער אָבער איז דער נייער טייל ירושלים. דאָ זיינען די גאַסען ברייטע, די הייזער רחבות'דיגע, און די אַרכיטעקטור איז אָפּטמאָל זעהר שעהן. די געשעפטען זיינען ריין און ציכטיג אַלאַ אייראָ־פּעאיש. די איינוואוינער פון די נייע קוואַרטאַלען זיינען מעהרסטענטייל אידען, ווערענד די אַלטע ירושלים איז מעהרסטענס באַוואוינט פון אַראַבער. דער גאַנ־צער כותל מערבי געגענד איז באַזעצט פון אַראַבער. אפילו ביי דער וואַנט פון דעם „כותל" וואוינען זיי, די אַלטע תושבים פון לאַנד.

דאָס לעבען אין ירושלים איז זעהר אייגענאַרטיג. שטיל איז דאָרט דער נעזעלשאַפטליכער לעבען צוליב דעם, וואָס עס פעהלען פאַרוויילונגס פּלעצער. די גאַסען זיינען איינגעהילט אין אַ טונקעלקייט. אַז עס קומט אָן דער אָוונט, האָבען דאָ די מענשען ניט וואוהין צו געהן, זיך פאַרווײלען און די צייט פאַר־

טרייבען, זיצען זיי דעריבער מעהרסטענס צו הויז. דאָס יונגוואַרג אָבער, באַזונדערס די ניי־אָנגעקומענע יונגע אימיגראַנטען, קאָנען אַזאַ אַרט רוהיגען לעבען ניט פיהרען. זיי זיינען דאָך עפּעס צוגעוואוינט געוואָרען צו פאַרברענגען אַנגענעם די צייט, רייסען זיי זיך דעריבער אַרויס פון די היימען, און שפּאַצירען גרופּענווייז איבער די געסלאַך. אייניגע באַזוכען דעם „בית העם", אַנדערע — אַ געוויסען טהעע־זאַל. אויב די עלטערע מענשען פאַרברענגען געוועהנליך זייער פרייע צייט אין דער היים, וואָלט מען דאָך געקאָנט ערוואַרטען, אַז די ירושלים'ער היים זאָל זיין אַ באַקוועמע. איז עס ליידער ניט. עס פעהלען נאָך די באַקוועמליכקייטען פון די מערב לענדער. די צימערען זיינען טאַקע גרויסע, דער דיל פון שטיינער אויסגעלייגט, און דער באַלקן ווייס געקאַלכט. דערפאַר זיינען אָבער די ווענט נאַקעטע, אָהן קיין באַפּוצונג, און עס איז דאָ זעהר ווייניג מעבעל.

אויך איז דאָס קליידונג אין ירושלים זעהר אַ געוועהנליכע — אַ פּאָר לייכטע העלע אָנצוגען פון אַ לייכטען שטאָף, אַ פּאָר סאַנדאַלען אויף די פיס, און איהר קאָנט אין דעם אַפּגעהן אַ לאַנגע צייט. אויך די פרויען טוען זיך דאָ אָן זעהר איינפאַך: העל, לייכט, זומערדיג. די ירושלים'ער פרויען זיינען ניט דוקא פון דעם שעהנסטען מין. פאַרקערט, גראַדע, די מענער צייכענען זיך אויס מיט זייער עלעגאַנץ. דערפאַר אָבער זיינען די יונגע אריבערגעקומענע חלוצות, אונזערע מיידלאַך פון רוסלאַנד און פּוילען, זעהר אַנציהענד.

ווען שבת קומט, איז ספּעציעל אין דעם נייעם טייל פון ירושלים זעהר צויבערדיג און ציכטיג. די שבת'דיגע קליידער, די שטריימלאַך אריינגערעכענט, פאַרכאַפּען אַן אויג. אַלע סאָרטען קליידער געפינט איהר דאָ: פּעסקעס פון די תימנ'ער, לאַנגע קאַפּאָטעס פון די פּוילישע, און פאַרביגע כאַלאַטען פון די אָריענטאַלישע אידען. דעם שבת אין ירושלים פיהלען אַלע, פרומע און פרייע צוגלייך.

די לענגסטע גאַס אין ירושלים איז די יפו'ער גאַס. זי איז די מאָדערנסטע און די אידישסטע, די באַלויכטענסטע און שטויביגסטע. די בעסטע קראָמען און רעסטאָראַנען, האָטעלען, און גאַזאַ פּלעצער, באַנקען און אָפיסעס, געפינט איהר אויף יפו'ער גאַס. דער פאַרקער פון אויטאָמאָבילען איז גרויס. די יפו'ער גאַס איז די בראָדוויי פון ירושלים. אַ גאַנצע וואָך איז זי פאַרשמייעט און פאַרטומעלט. קומט אָבער פרייטאָג אָוונט, עפענט זי אויף איהרע לייכטענדע שבת־אויגען, טוט זיך אָן אין שעהנע שבת'דיגע קליידער, ציהט אַרויף אויבער זיך מיריאַדען פון פינקלענדע שטערען און אַ העל שיינענדע לבנה, און דער עולם לאָזט זיך אַרויס אויף אַ לוסטיגען שפּאַציר.

אויף דעם לייכטען שפּאַציר באַגעגענט איהר די אידיש בורזשואַזנע איינ־

טעליגענציע אויסגעמישט מיט דער אַראַבישער שטודירענדער יוגענט; אַ גע־מיטליכער געשפּרעך פאַרנעמט דאָ דעם פּלאַץ פון דעם רווישענדען טומעל אין די מערב לענדער. קיין „דזשעז" מוזיק אָדער אַנדערע פּערשרייענדע מוזיק קלאַנגען וועט איהר דאָ ניט הערען. זעלטען שעהן איז דעריבער די יפו'ער גאַס פּרייטאָג־צו־נאַכט מיט דער שפּאַצירענדער לעבעדיגער יוגענט, אונטער דעם טיף בלויען הימעל.

דער כותל המערבי

עס זיינען דאָ זאַכען אויף דער וועלט, וועלכע עס איז שווער צו באַשרייבען, און נאָך שווערער צו מאָלען, צום ביישפּיל: דעם ניאַגראַ וואַסערפאַל איז ניט צו באַשרייבען, די מיטעלטאָג זון מיט איהר העלער ליכט איז געוויס ניט מעגליך צו מאָלען. אַזוי איז אויך דער כותל המערבי צו שווער פאַר דער פען, עס ריכטיג איבערצוגעבען. די טיפע עמאָציעס און געפיהלען, וואָס די הייליגע וואַנט רופט אַרויס ביי אידען, זיינען נאַטירליך אומבעשרייבענד. וועל איך דעריבער זיך אָפּשטעלען אויף דער היסטאָרישער באַדייטונג פון דעם כותל המערבי.

ווען תשעה באָב קומט אָן, און די גרויסע אידישע מאַסען פון ירושלים שטראָמען צום כותל מערבי אין מיטען נאַכט, נעמט דאַן אַרום אַ שוידערליכער געפיהל דאָס אידיש האַרץ. עס דערמאָנט אונז אָן אונזער גלאָררייכער פערגאַנגענהייט. מיר טראַכטען: פאַרניכטעט איז טאַקע דער בית המקדש, אָבער ניט דאָס אידישע פאָלק. אָט די איבערגעבליבענע ריזיגע שטיינער פון כותל המערבי זאָגען עדות וועגען אונזער שטאָלצען עבר, און פאַרזיכערען אַלעמען, אַז באַלד וועט דער פונדאַמענט פון אַ נייעם בית המקדש געלייגט ווערען. תשעה באָב איז דער טאָג אין יאָהר, ווען גרויסע מחנות אידען פאַרזאַמלען זיך אַרום דיזען וואַנט צו זאָגען קינות אויף דעם חורבן בית המקדש און צו קלאָגען אויף דעם ביטערען גורל פון דעם פערוואָגעלטען אידישען פאָלק אין זיין גלות לעבען.

תל אביב

פון דער עלטסטער שטאָט ווילען מיר איצט אריבערגעהן צו דער אינגסטער שטאָט אין ארץ ישראל, דאָס איז תל אביב. די נאַטור אַליין האָט מיטגעהאָלפען, אַז תל אָביב זאָל דורכאויס זיין אַ ריין אידישע שטאָט. זי ליגט אָפּגעזונדערט פון יפו, איז זי דעריבער זעלבסטשטענדיג, האָבענדיג אַן אייגענעם רעגירונגס אַפּאַראַט מיט אַן אייגענעם יעהרליכען בודזשעט, און ווערט געפיהרט פון אַן אייגענעם „ראש העיריה" — „מעיאָר". דאָס איז דער מערקווירדיגסטער עקספּערימענט, וואָס דער נייער אידישער ישוב האָט דורכגעמאַכט. עס טראָגט אין זיך אַלע עלעמענטען פון אַ שפּאַנענדער דראַמע. יפו איז

אין די הענט פון די אַראַבער. זיי האָבען זיך דאָרט באַפעסטיגט אין די שמאָ־לע געסלאַך, און האָבען אויך דעם האַפען אין זייערע הענט. גוט, לאָזען די אי־דען איבער יפו צו די אַראַבער און בויען אויף אַן אייגענע שטאָט מיט אַן אייגענעם האַפען — תל אביב. ווערט תל אביב אין אַ קורצער צייט אין גאַנצען אומאָפּהענגיג פון יפו, און פאַרטונקעלט באַלד די אַראַבישע שטאָט אין אַלע הינזיכטען. אָבער ניט דאָס בלויז אַליין איז דער עקספּערימענט פון תל אביב אויסען. מיר, אידען, האָבען אויפגעבויט אַ נייע שטאָט, לויט אונזערע מאָדערנע באַגריפען און באַדערפנישען. אונזער כונה איז געווען, אין בויענדיג תל אביב, אַז עס זאָל מיט זיך ענטשפּרעכען אַלע אונזערע מעלות, און אויב איהר ווילט — אפילו די חסרונות. זאָל די וועלט זעהן, ווי אַזוי מיר קאָנען רעגירען אַ שטאָט, וועלכע מיר אַליין בעלויכטען, באַפּוצען, רייניגען, און גיבען אַליין אכטונג אויף די אייגענע פאַבריקען, געשעפטען און אַלערליי אַנשטאַלטען. אין קורצען, זאָל די וועלט קריגען אַן אהנונג, ווי אַזוי אַ אידישע שטאָט קאָן אויס־זעהן אין אידישע הענט. מיר בויען תל אביב מיט אַ פיבערהאַפטער שנעלקייט, די הייזער ווערען אויסגעבויט איבער נאַכט; זיי וואַקסען ממש אויף, ווי שוואו־מען נאָך אַ רעגען. און אַלץ ווערט געטאָן נאָר דורך אידישע הענט. די בויענ־דע שטאָט תל אביב רופט זיך גוט אָפּ אויף דער בוי אינדוסטריע פון גאַנצען לאַנד. זי ווערט אין גיכען די גרעסטע שטאָט אין ארץ ישראל, אויסשפּרייטענ־דיג זיך פון דעם ברעג פון מיטעללענדישען ים ביז'ן ירקון.

תל אביב ווערט אַן אינדוסטריעלער צענטער אין לאַנד, מיט אַ גרויסער אייזענבאַן ליניע און אַן אייגענעם האַפען. עלעקטרישע טרייב־קראַפט קריגט זי צוגעשטעלט דירעקט פון דעם ירדן.

אין דער זעלבער צייט, ווערט זעהר פיל געזאָרגט אין תל אביב פאַר די קולטורעלע צוועקען פון דער וואַקסענדער שטאָטישער באַפעלקערונג. טעאַט־רען, סינעמאַטאָגראַפען, ביבליאָטעקען און לעזע־זאַלען ווערען דערעפענט אין אַ גרויסער צאָל, די ערציהונג־סיסטעם ווערט ערשט דאָ פאַרשטאַרקט, וואו אַלע לימודים ווערען נאַטירליך געלערנט אויף העברעאיש, די אַנערקענטע שפּראַך פון די אידען אין ארץ ישראל. די שוהלעס זיינען אָוועקגעשטעלט אויף אַ העכסט מאָדערנעם אופן. מיט אַ גרויסער נייגעריגקייט און התמדה לערנען זיך די קינדער אַלע לימודים אויף דער שפּראַך פון די נביאים, און ברענגען אריין אין זייערע היימען אַן עכט נאַציאָנאַלען גייסט. אָט די יונגע קינדערלאַך לער־נען אויס ממילא טאַטע־מאַמע העברעאיש רעדען און צו פאַרשטעהן צו לעזען די העברעאישע צייטונגען פון ישוב. אין די העברעאישע שוהלעס געפינט מען אויך קריסטליכע און מוסולמאַנישע קינדער, וועלכע קאָנען אַזוי גוט תנ"ך און ביאַליק'ס שירים ווי די אידישע קינדער.

דער ברעג ים איז דער אינטערעסאַנטסטער און פּיקאַנטסטער פּלאַץ אין תל אביב. מען בויט דאָרט באָד־פּלעצער מיט קאַפעען, וועלכע קאָנען גאַנץ פיין קאָנקורירען מיט „קאָני־איילאַנד". עס רוקט זיך די שטאָט וואָס נעהנטער צו די בלויע וואַסערען פון דעם ים התיכון. ניט ווייט פון דעם ים האָט מען אויס־געבויט אַ גרויסע פאַבריק פון ציגעל, וואו מען פּרעסט אויס ציגעל פון זאַמד פון דעם ברעג ים. אויך געפינען זיך דאָ צעמענט פאַבריקען, האָלץ־זעגערייען, און עלעקטרישע וואַרשטאַטען אין זעהר אַ גרויסער צאָל. הויך הויבען זיך אויף די קוימענס פון די וועבעריי־פאַבריקען. ביסקוויט און שאָקאָלאַד פאַבריקען פּי־לען אָן די שטאָט מיט אַן אַנגענעמען ריח.

אַלע טעטיגקייטען אין תל אביב זיינען אומגעהויער גרויס. די שטאָט וואַקסט פון טאָג צו טאָג אויף אַלע געביטען. רייך און באַקוועם איז דאָס לעבען אין תל אביב: נייע הייזער, מיט אַלע מאָדערנע באַקוועמליכקייטען, גאַסען ברייטע און שעהנע, טראָטואַרען צעמענטירטע צו שפּאַצירען, און גראָז מיט בלומען, וועלכע רינגלען אַרום יעדעס הויז. אַלע גערטנער און בולוואַרען, ווי אויך אַלע אַנדערע געזעלשאַפטליכע אַמוזירונגס־פּלעצער ווערען באַזאָרגט פון דער שטאָדט אַדמיניסטראַציע. אין אַלגעמיין, מאַכט תל אביב אַן איינדרוק פון אַ פּרעכטיגער מאָדערנער שטאָט, אַרומגערינגעלט פון אַ גרינעם גאָרטען.

די געגענזאַץ פון תל אביב איז נאַטירליך יפו — די אַראַבישע שטאָט, מיט גאַסען שטויביגע, אומריינע און קרומע, און הייזער אַלטמאָדישע, פינסטערע און פאַרשטיקטע. פון טעאַטערען, קאָנצערטען און בעלער, ווי אין תל אביב, איז אין יפו קיין זאַך ניטאָ. די אַראַבישע פרויען ווערען נאָך פון זייערע מענער זעהר שטאַרק אונטערדריקט, פון קיין פּערזענליכע רעכט אָדער פרייהייט, ווייסען זיי ניט. מעגליך, אַז דאָס אַלץ ערוועקט אין זיי אַ געפיהל פון קנאה און נקמה. אמת, זיי זעהען טאַקע איין, אַז די אידען זיינען די פאַרשפּרייטער פון קולטור און ציוויליזאַציע אין דעם אָריענט, אַז מיר ברענגען אין לאַנד אריין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און מאָדערנע באַקוועמליכקייטען. דאָך פאַר־גינען זיי ניט אונזער אונטערנעמונגס גייסט, אונזער הויכען קולטורעלען ניוואָ, ווי אויך אונזער הויכען סטאַנדאַרט פון ציוויליזירטען לעבען; ווערען זיי דער־ריבער לייכט אויפגעהעצט פון די אַנטיסעמיטישע בייזע העצער, הגם די אַראַ־בישע מאַסען פיהלען ביי זיך טיף אין האַרצען, אַז דורך שלום און ברידערליכען צוזאַמענלעבען, וואָלט מיט דער צייט אויך זייער אייגענער סטאַנדאַרט פון לע־בען פיל געהעכערט געוואָרען.

די באַפעלקערונג פון לאַנד

וואָס אַנבעלאַנגט באַפעלקערונג, ציילט איצט די אידישע איינוואוינער־שאַפט אין לאַנד קרוב צו אַ האַלבען מיליאָן פערזאָן. פון זיי וואוינען איבער

דריי הונדערט טויזענד אין די שטעט, און ארום הונדערט טויזענד אויף לאַנד. אַ דאַנק דעם אידישען נאַציאָנאַל פאנד, ווערען געקויפט גרויסע שטרעקעס לאַנד, און דאָס איז גורם, אַז דער ישוב זאָל וואקסען. די ערשטע פּראָבע פון קאָלאָניזאציע איז געמאכט געוואָרען דורך די בילו׳צעס. (דאָס ווארט „בילו״ איז די ראשי תיבות פון דעם פסוק: „בית יעקב לכו ונלכה!״) דאָס איז געווען די ערשטע עליה. די שפּעטערדיגע עליות זיינען פארגעקומען דורך דער „החלוץ״ באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אַנגעפאנגען גלייך נאָך דער וועלט מלחמה. די חלוצים האָבען זיך אין ארץ ישראל מעהרסטענטייל אָרגאַניזירט אין גרופּעס, אָדער ווי מען רופט זיי דאָרט אָן „קבוצות״. דאָס לעבען אין אַ קבוצה איז אַ געמיינשאַפטליכע.

די ערשטע צוויי קאָלאָניעס, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען אויף דעם נאַציאָנאַל פאָנד באָדען זיינען: „דגניה״ און „מרחביה״. דער גאַנצער לאַנד־בעזיץ פון דעם נאַציאָנאַל פאנד באַטרעפט איצט אומגעפעהר אַ האַלבען מיליאָן דונאַם.

קלימאַט

דער ארץ ישראל קלימאַט איז אַ סוב־טראָפּישער. זומער איז דאָרט זעהר הייס. דער רעגען־סעזאָן אין ארץ ישראל פאַנגט זיך אָן אין מאָנאַט חשון מיט דעם „יורה״, וועלכער געהט כסדר ביז אדר. דער שפּעטערדיגער רעגען, דער „מלקוש״, פאַלט אין אדר און אָנפאַנג ניסן.

די איינוואוינערשאַפט פון ארץ ישראל צייכענט זיך אויס מיט איהר אוי־סערגעוועהנליכער פערשיידענאַרטיגקייט, אַ דאַנק דעם ספּעציפישׁ ווארימען קלימאַט, וואָס מאַכט מעגליך דאָרט צו וואַקסען פערשיידענע פלאַנצונגען, און דורך דעם ווערען געשאַפען פערשיידענע באַשעפטיגונגען. דאָס לאַנד, וואו ס׳איז געשאַפען געוואָרען דער אוניווערסאַלסטער בוך פון דער וועלט־ליטעראַ־טור — דער תנ״ך, איז אין עצם אַליין אַן אוניווערז אין מיניאַטור. קיין אַנ־דער לאַנד אין דער וועלט קאָמבינירט ניט אויף אַזאַ קליינעם שטח, וואָס ארץ ישראל פאַרנעמט, אַזוי פיל נאַטור קאָנטראַסטען. דער ארץ ישראל׳דיגער קלי־מאַט איז פאַרשידענאַרטיג, און די נאַטור ערשיינונגען זיינען די רייכסטע און קאָלירפולסטע אין דער וועלט. ביי איין ענד פון דעם ירדן טאָהל, ארום דעם ים המלח, וואוהין דער ירדן פאַלט אריין, איז דער קלימאַט אַן עכט טראָפּישער, ווערענד ביי׳ם צווייטען ענד פון דעם ירדן, אין בקעת חרמון, וואו דער ירדן פאַנגט זיך אָן, איז גראָד אַ טיפּישער שווייצארישער קלימאַט. אין יריחו, צום ביישפּיל, וואַקסען פּאַלמען, און אין לבנון — סאָסנע בוימער. ווען איהר שטעלט זיך אויף דעם שפּיץ פון הר הכרמל, ענטפּלעקט זיך פאַר אייך אַ פיל־פאַרביגע רייכע פּאַנאָראַמע. געפינט איהר זיך ביים דרום ברעג פון ירדן, וועט איהר

זעהן די מאַיעסטעטישע בערג פון יהודה, וועלכע זיינען עהנליך צו די צענט־ראַלע בערג פון דייטשלאַנד. ווייטער צו צפון פון ארץ ישראל, שפרייטען זיך אויס ברייטע ווייץ פעלדער פון עמק יזרעאל, שטעהען מאַיעסטעטיש הויכע דעמבעס פון גליל און צעדער בוימער פון לבנון, וועמעס שפּיצען זיינען באַדעקט מיט אייביגען שניי.

די פאַסטוכער אין די בערג פונ׳ם לבנון טראָגען וואָלענע פעלצלאַך און וואוינען אונטער שטיינערנע דעכער. אָפטמאָל לייגט זיך דאָרט אוועק גאָר אַ דיקער שניי. געהט איהר ווייטער צו מזרח צו, און איהר קומט גלייך אָן אין אַ מדבר, וואו די בעדואינער זיצען אין געצעלטען, געמאַכט פון ראַגאָזשעס; געהט איהר נאָך ווייטער צו דרום צו, און איהר פאַלט אַריין אין אַ גליהענדער היץ פון דעם עמק הירדן.

די דאָזיגע פערשיידענאַרטיגקייט פון דער פאַלעסטינער נאַטור און קלי־מאַט, האָט מעגליך געמאַכט פאַר די צאָלרייכע שטאַמען, ראַסען און פעלקער, וועלכע האָבען זיך דאָרט באַזעצט טויזענטער יאָהרען צוריק, צו קאָנען אָפּהי־טען זייערע אייגענאַרטיגע כאַראַקטערען, קולטורען, און סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאָרמען פון לעבען. יעדעס פאָלק האָט דאָ געקאָנט שאַפען אַן אייגענע סביבה, און אָפּהיטען זיין אייגענע רעליגיע און קולט. דער פערשיידענאַרטיגער קלימאַט פון ארץ ישראל האָט אָהן צווייפעל געמוזט גורם זיין צו פאָרמירען אין אידי־שען פאָלק די אויסערגעוועהנליכע ספּעציפישע פעהיגקייטען פון כאַראַקטער, צו קאָנען זיך שפּעטער צופאַסען מיט אַ באַזונדערער לייכטקייט צו די פערשיי־דענע געאָגראַפישע סביבות פון דעם ערד קוגל, וואוהין די פאַרוואָגעלטע זיינען געצוואונגען געוואָרען זיך צו באַזעצען.

נאַטירליכע רייכטימער

די נאַטירליכע רייכטימער פון לאַנד זיינען נאָך אין פּראָצעס פון אויס־פאָרשונג. דאָך זיינען שוין איבעראַל בעוואוסט די „חמי טבריה״. דיזע הייסע בעדער זיינען זעהר גוט פאַר פערשיידענע קראַנקהייטען, הויפּטזאַכליך פאַר רעמאַטיזם. די חמי טבריה האָבען אַ טעמפּעראַטור פון 142° — 132° גראַד היץ (פאַרענהייט). ביי דעם ים כנרת. וועלען מיט דער צייט זיך ענטוויקלען גרויסע קוראַציע פּלעצער. אין דער אומגעגענט פון יריחו, אין דעם ים המלח געפינען זיך גאַנצע זאַפּאַסען פון פּאָטאַש און מאַגנעזיום. אַרום די ברעגען פון סיריע און לבנון געפינען זיך אין די בערג: קופּער, ניקעל, און אויך אפילו גאָלד, געוועהנליך אין אַ קליינער מאָס.

פלאַנצונגען

אין פאַרגלייך מיט יעדען אַנדער לאַנד פון דעם זעלבען לאַנד שטח און

פון עהנליכע נאַטור באַדינגונגען, אין ארץ ישראל פּילייכט דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט אין דער פאַרשיידענאַרטיגקייט פון איהרע פּלאַנ־צונגען. ניט אין דער גרויסער צאָל פון פּלאַנצונגען צייכענט זיך אויס איהר וואונדער, נאָר גראָד אין דעם, וואָס מען געפינט דאָרט אַלערליי מינים פּלאַנ־צונגען, וועלכע וואַקסען אין אַלע לענדער פון דעם ערד־קוגעל, קאָנצענטרירט אויף אַזאַ קליינעם שטח. אַזוי, צום ביישפּיל, וואַקסען פּלאַנצונגען אַרום דעם ים המלח, וועלכע געהערען צו דער מיטעללענדישער פלאָרא, זיינען אימער גרין. אין צפון פון סיריע און אפילו אין דרום פון ארץ ישראל געפינט איהר אינדי־שע און עטיאָפּישע פּלאַנצונגען. פּאַרקערט, אין עבר הירדן טראָגען די גע־וואוקסען שוין אַ כאַראַקטער פון אַ סטעפּע. אין די לבנון בערג זעהט מען זעהר פיל די רוסישע סאָסנע בוימער, אויך דער ציפּרוס בוים וואַקסט דאָרט לרוב, פון די פּירות פון דיזען בוים מאַכט מען אַ געוויסען מין קאַווע, ווי אויך אַ פאַרב. אין פילע פּלעצער אין ארץ ישראל געפינט זיך דער באַקסער בוים. דער אַקלימאַטיזירטער אוקאַליפּטוס בוים צייכענט זיך אויס מיט זיין שנעלען הויכען וואַקסען און מיט זיינע לאַנגע פעסטע וואָרצלען, וועלכע ציהען אַרויס די פייכטקייט פון די זומפּען, פאַרטרייבענדיג דערמיט דעם מאַלאַריע פיבער. די אַראַבער רופען איהם „עץ יהודי", דער אידישער בוים, ווייל די אידען האָבען איהם די ערשטע אַריינגעבראַכט אין לאַנד און פאַרשפּרייט איהם אומעטום.

די פאָלגענדע מינים תבואות ווערען געזייט אין ארץ ישראל: די ווינטער תבואות ווערען געזייט אין דעם יורה סעזאָן און ווערען מעהרסטענס פאַרברויכט ביי דער אָרימער באַפעלקערונג. די זומער תבואות זיינען: ווייסע אַרבעס, זוי־מען, פון וועלכע מען מאַכט דעם סעזאַם בוימעל (שמן שמשמין), און דורא. דיזע פּראָדוקטען ווערען פאַרזייט צום סוף ווינטער. גרויסע פּלאַנטאַציעס פון טאַ־באַק זיינען דאָרט איצט פאַרפלאַנצט דורך די אידישע קאָלאָניסטען. די ירקות וועלכע וואַקסען אין ארץ ישראל זיינען די פאָלגענדע: פאַרשיידענע מעלאָנען, סקוואָש, אוגערקעס, סאַלאַט, טאָמאַטען, רעטעכלאַך, קרויט, קאַלי־פּלאָוער א. א. וו.

די וויכטיגסטע פּרוכט בוימער, וועלכע ברענגען אַריין גרויסע איינקונפטען, זיינען די מאַראַנצען בוימער, וועלכע וואַקסען אין גרויסע צאָלען אין די ארץ ישראל פּרדסים. דאָס איז איינע פון די גרעסטע אינדוסטריעס אין לאַנד. אַרום די מאַראַנצען זיינען באַשעפטיגט פילע חלוצים. מען עקספּאָרטירט זיי אין גרויסע קוואַנטיטעטען נאָך ענגלאַנד, דייטשלאַנד און פּוילען. דער ארץ ישראל מאַראַנץ איז פיל גרעסער און געשמאַקער פון די, וועלכע וואַקסען אין אַנדערע לענדער. די מוסטערהאַפטע קולטיווירונג פון דיזע בוימער דורך די אידישע קאָלאָניסטען, קאָן דינען אַלס ביישפּיל ניט נאָר פאַר די אָפּגעשטאַנענע אַראַ־

בער, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט. די אידישע פּרדסים זיינען די שעהנ־סטע און פרוכטבאַרסטע אין ארץ ישראל. אַנדערע ציטרוס בוימער, ווי לימאָ־נען און גרייפּפרוכט ווערען פּראָדוצירט אין אַ פּיל קלענערער מאָס, ווייל זיי קאָנען ניט קאָנקורירען מיט די איטאַליענישע און שפּאַנישע מאַרקען. די אי־דען קולטיווירען אויך דעם אתרוג, וועלכער דינט פאַר אַ רעליגיעזען צוועק, און איז אויך גוט פאַר איינגעמאַכטס. דער אוילבערט בוים וואַקסט דאָרט אין אַ גרויסער צאָל. די אוילבערטען ווערען פּרעזערווירט אין בלעכען, אָדער זיי ווע־רען געפּרעסט צוליב זייער בוימעל.

דער וויינשטאָק וואַקסט אין פערשיידענע פּלעצער. ער ציהט זיך פון טאָל ביז צום שפּיץ בארג. די טעכניש אַנטוויקעלטסטע אינדוסטריע אין ארץ ישראל איז די וויין אינדוסטריע. ניין און ניינציג פּראָצענט פון דיזער אינדוסטריע איז אין אידישע הענט. די וויין־קעלערען אין ראשון לציון, זכרון יעקב, און רחובות זיינען איינע פון די גרעסטע אין דער וועלט. דיזע אינדוסטריע ווערט געטריבען דורך עלעקטרישער קראַפט. די בעסטע אַלקאָהאָלישע געטראַנקען, ווי וויין, קאָניאַק און בראַנפען, ווערען דאָ פּראָדוצירט. דער וויין עקספּאָרט פאַר־נעמט איצט דעם דריטען פּלאַץ אויף דער עקספּאָרט ליסט פון ארץ ישראל.

דער מאַנדעל בוים פאַרנעמט אַ וויכטיגען פּלאַץ אין ישוב. מען פּראָדו־צירט אויך פאַרשיידענע נים. די מעלה פון דיזע פּלאַנצונגען איז, וואָס צו זיי פּאָדערט זיך אַ קלענערער קאַפּיטאַל, און זייערע פרוכטען קאָן מען אויף לאַנג פּרעזערווירען. דער נאָכפרעג אויף די מאַנדלען אין דעם וועלט־מאַרק איז זעהר גרויס.

די פייגען, טייטלען, און אַפּריקאָסען בוימער גיבען אויך אַרויס זעהר פיל פרוכט, וואָס קלעקט גענוג סיי פאַר דעם אינערליכען געברויך פון לאַנד, און סיי פאַר דעם עקספּאָרט. פון די טייטלען מאַכט מען האָניג, ווייל אין ארץ ישראל זיינען דאָ זעהר וויניג בינשטאָקען. דער קאַקטוס בוים פון ארץ ישראל דינט אַלס אַ צאַם פאַר די גערטנער און פעלדער. אויף איהם וואַקסט אַ געשמאַ־קער פרוכט, וועלכער רופט זיך דאָרט „צבר" אָדער „סאַברעס", מיט וועלכען די אָרימע פעלאַכען ערנעהרען זיך.

די באַנאַנע בוים וואַקסט אויך אין ארץ ישראל אין אַ קליינעם צאָל, מעהרסטענס אין און אַרום יפו און חיפה. די באַנאַנעס ווערען פאַרברויכט מעהרסטענטייל אין לאַנד גופא.

דער חלוץ און דאָס לאַנד

צום פּראָגרעס פון דעם ארץ ישראל אויפבוי האָט בייגעטראָגען אַ גרויסען

חלק די „החלוץ" באוועגונג. געקומען איז דער חלוץ אין לאנד מיט א פיבער־האפטער ענערגיע און מוטהיגער ענטשלאָסענהייט צו בויען דאָס הייליגע לאנד פאר דעם צווייטען און צושפרייטען אידישען פאָלק. די גרויסע החלוץ באווע־גונג האָט זיך אָנגעפאַנגען גלייך נאָך דער באלפור דעקלאראציע, מעהרסטענס אין די לענדער פון רוסלאנד, פוילען, און רומעניע. אונטער דעם וואָרט „החלוץ" מיינט מען דעם ארץ ישראל פּיאָנער אָהן אונטערשייד, צו עס איז א מאַן אָדער א פרוי. די חלוצים שטאַמען אין גרעסטען טייל פון דער געוועזענער אידישער אינטעליגענציע אין די אויבענדערמאָנטע לענדער.

זינט ארץ ישראל עקזיסטירט, האָט זי נאָך ניט צוגעזעהן אזא איבערגע־בענהייט צום לאנד, ווי די חלוצים און חלוצות צייגען ארויס. געוועזענע „מאַמעס" טעכטערלאך, געוועזענע סטודענטען און סטודענטקעס, וואויל־ערצוי־גענע אידישע בחורים און מיידלאך, וועלכע האָבען אין זייער לעבען ניט גע־וואוסט פון קיין נויט און שווערער ארבייט — זעהט מען יעצט מיט פארברענ־טע פנים'ער פון דער ברענענדער זון, און מיט הארטע מאזאָליעס אויף זייערע פארהארטעוועטע הענט, האקענדיג שטיינער און בויענדיג שאָסייען, פלאַנצענ־דיג בוימער און פארזייענדיג תבואה, אין די גערטנער און אין די פעלדער, אין די שטעדט און אין די דערפער. איבעראל בויען זיי די אידישע היים מיט פרייד און געזאנג.

ניטאָ אויף דער גאנצער וועלט נאָך אזא איידעלע, מוטהיגע און ציל־באַ־וואוסטזיניגע יוגענט, ווי די חלוצים און חלוצות שטעלען מיט זיך פאָר. אזא יוגענט ווערט ביי א פאָלק געבוירען, ווען עס לעבט איבער אנטשיידענדע קריי־טישע מאָמענטען אין זיין געשיכטליכען גורל. די אידישע יוגענט אין ארץ ישראל באטייליגט זיך אין אלע פאָליטישע, סאָציאלע, און אפילו רעליגיעזע גע־שעהענישען. זי מאכט פון יעדער קלענסטער זאך א גרויסען אימפּאָזאנטען יום־טוב. עס איז קלאָר, אז אין דעם טעכנישען און אין דעם אגריקולטורעלען פראָגרעס, וואָס ארץ ישראל האָט דורכגעמאכט, קומט גאָר א גרויסען דאנק דעם חלוץ.

די יוגענט עליה

די אידישע יוגענט פון דייטשלאנד האָט אונטער דעם בארבארישען היט־לער רעזשים קיינע מעגליכקייטען ניט פאָרצוזעצען איהר בילדונג, אָדער ווערען פּראָדוקטיוו אויף וועלכען עס איז געביט. „הדסה" איז געוואָרען זעהר שטארק באשעפטיגט מיט דיזער פּראָבלעם. ספּעציעלע פאָנדען זיינען פון הדסה גע־שאַפען געוואָרען פאר דעם צוועק פון ארויסנעמען די פארלאָרענע יוגענט פון דעם היטלער גיהינום. צו ערשט גרייט מען צו די קינדער און די יונגע לייט

פאַר דער אַרבייט, וואָס ערוואַרטעט זיי אין ארץ ישראל, און דערנאָך ווערען זיי אַהין אַריבערגעבראַכט. אויף אַזאַ אופן האָט הדסה שוין אַריינגעבראַכט טויזענטער אידישע קינדער פון דייטשלאַנד. אַנקומענדיג קיין ארץ ישראל, נעמט מען זיי אויף גאַסטפריינדליך, און מען באַזאָרגט זיי מיט וואוינונגען, שפייז, לעהרע, און אַרבייט, מעהרסטענטייל אין די קבוצות.

עס איז זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז דיזע יוגענט איז זעהר ווייט פון דעם אידישען גייסט און אידישער לעהרע. דאָך איז מערקווירדיג צו זעהן, מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם זיי ערלערנען די העבראַאישע שפּראַך, ווי שנעל זיי אַקלימאַטיזירען זיך, און ווי גרינדליך זיי פּאַסען זיך שפּעטער צו, צו דעם נייעם לעבען אין לאַנד. די פראַגע וואָס האָט געעגבערט זייערע מוחות אין דייטשלאַנד: „וואָס טוט מען ווייטער“? — איז שנעל פאַרענטפערט געוואָרען אין ארץ ישראל. און נאָך אַ זאַך, אויך די ארץ ישראל פּראָבלעם גופא ווערט דורך דער אידישער יוגענט געלייזט. אונזער אַלטע הייליגע לאַנד ווערט דורך די הענט פון דער אידעאַלער יוגענט — די נשמה פון אידישען פאָלק'ס וועזען, און עס ווערט איצט ערפילט די שבועה, וועלכע אונזערע עלטערען האָבען גע־שוואָרען ביי די טייכען פון בבל: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני“! — „אויב איך וועל דיך פאַרגעסען ירושלים, זאָל איך מיין רעכטע האַנט פאַרגעסען“! וועגען דעם זעלבען לאַנד שווערען איצט די יונגע אייניקלאַך אומגעפעהר אַזוי: „מיר מוזען העלפען ארץ ישראל בויען צוזאַמען מיט דעם גאַנצען ליידענדען אידישען פאָלק. אונזערע רעכט צו לעבען אַלס פרייע נאַציע, האָבען מיר פאַר־דינט דורך אונזער טויזענד־יעהריגע ליידען. מיר האָבען געליטען און געהאָפט, דאָס משיח וועט קומען און אונז אויסלייזען. אבער ניט איין מענש אַליין קאָן באַפרייען אַ גאַנץ פאָלק. דאָס איז מעגליך נאָר, ווען דאָס גאַנצע פאָלק אַרבייט ווי איין מענש“.

„מיר מוזען דעריבער אַלע זיך פאַראייניגען, ווי אמת'ע ברידער און שוועסטער. ערשט דאַן וועט די אמת'ע גאולה קומען. פילע פרעמדע פעלקער האָבען געגלויבט איינצונעמען ארץ ישראל פאַר זיך. דער רעזולטאַט איז גע־ווען, אַז זי איז וואָס מעהר חרוב געוואָרען, זי איז ממש פאַרברענט געוואָרען פון זייער פייערדיגען יצר הרע. אָבער ווען מיר, איהרע אמת'ע קינדער, וועלען צוריקקומען צו איהר, וועט זי ערשט ווידער אויפלעבען. נאָר מיר זיינען אימ־שטאַנד מיט אונזערע הענט איהרע זומפּען אויסצוטריקענען, און מיט אונזער שוויים איהרע שטיינערנע בערג ווידער פרוכטבאַר מאַכען, כדי ארץ ישראל זאָל ווידער בליהען ווי אַ מאָל“.

די אידישע יוגענט שווערט הייליג ווייטער, אַז ארץ ישראל מוז צוריק אַריינגעמען אַלע איהרע פאַרוואָגעלטע קינדער פון גלות, ווי אַן אמת'ע ליבע

מוטער. שיבת ציון האָט זיך ערשט אָנגעפאנגען, ארץ ישראל וועט אין גיכען אויפגעבויט ווערען, און די אידישע נאַציאָנאַלע היים וועט פאַר דער גאַנצער וועלט ווערען דער „עמוד האש", דער ליכט זייל, אָט דער ליכטיגער מאָרגענ־שטערען, וואָס געהט ווידער אויף אין מזרח.

משה מאָנטעפיאָרע.

צו דער צאָל גרויסע אידישע פערזענליכקייטען פון דעם ניינצעגטען יאָהר־הונדערט געהערט אויך דער וועלט בערימטער פילאַנטראָפּיסט, מענשען־פריינד, משה מאָנטעפיאָרע. די ביאָגראַפיע פון דיזען מענשען, וועלכער האָט באַזעסען אַ גאָלדענע הארץ, איז אַזוי רייך אין בילדער און וואָגיג אין נאָבעלע טהאַטען, אַז, לעזענדיג, קוקט עס אויס, ווי אַ קראַנץ פערל, וואו יעדער פערל איז ברילי־אַנטענער פון דעם צווייטען.

זייענדיג געבענשט פון דער נאַטור מיט אַ הארץ, וואָס לעבט און פיהלט מיטלייד פאַר יעדען איינעם, אָנהאַלטענדיג די געהעריגע ווירדע צו זיך און צו זיין פאָלק, אויסגעהאַלטען און שטאַרק אין גייסט און כאַראַקטער, איז סער מאָזעס מאָנטעפיאָרע געוועזן באַליבט ביי זיין פאָלק און פיל געאַכטעט ביי די אומות העולם. ער ווערט פאַררעכענט ביי אונז אַלס אַ היסטאָרישע פיגור. ער לעבט אין יעדער אידישער הארץ. זיין קאַמף פאַר אידישער גלייכבארעכטיגונג אין ענגלאַנד, און זיין פאַרטיידיגונג פון דעם כבוד פון דער אידישער אמונה, סיי אין דמשק און סיי שפּעטער אין מאַראָקאָ און אין רוסלאַנד, האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ גרויסען אידישען העלד און אַנערקענטער היסטאָרישער פיגור אין אַלגעמיין.

די פאַמיליע מאָנטעפיאָרע האָט זיך באַזעצט אין ענגלאַנד נאָך אין מי־טען פון דעם זעכצעגטען יאָהרהונדערט. געקומען איז זי פון איטאַליע, באַשטע־הענדיג פון סוחרים, וועלכע האָבען פאַרטגעזעצט זייער באַשעפטיגונג אויך אין ענגלאַנד. משה מאָנטעפיאָרע איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1784 ביי עלטע־רען פון מיטעל קלאַס. זיינע פעטערס און קוזינס זיינען געוועזן פאַררעכענט פאַר רייכע לייט אין ענגלאַנד. ער איז געוועזן דער עלטסטער אין דער פאַמיליע פון דריי זיהן און פיער טעכטער. זיין בילדונג און ערציהונג האָט ער באַקומען פּריוואַט. די לאַגע אין דערהיים האָט איהם ניט דערמוטהיגט צו שטרעבען נאָך העכער בילדונג. באַזיצענדיג זעהר גרויסע פעהיגקייטען צום האַנדעל, איז ער שנעל אריינגעצויגען געוואָרען אין דעם אימפּעט פון מסחר. אָנפאַנגענדיג אַלס אַן אַגענט אויף דער בערזע, האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין עהרליכקייט און געשיקטקייט. יעדער איינער, וואָס איז מיט איהם געקומען אין פאַרבינדונג,

האָט איהם שוין געזוכט א צווייטען מאָל. זיין נאָמען איז באַלד געוואָרען שטאַרק פּאָפּולאַר.

זיין אָנקעל, וועלכער האָט גלייך איינגעזעהן זיינע גרויסע פעהיגקייטען, האָט איהם אריינגענומען אַלס שותּף צו די צוועלף גרעסטע אידישע באַנקירען פון לאַנד. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון זיין קאַריערע. דורך דעם קאָלאָסאַ־לען געלט־פאַרקער פון דיזע בענק, איז ער געקומען אין באַריהרונג מיט נתן מאיר ראָטשילד, וועמענ'ס נאָמען מען קאָן נאָך אפילו איצטער געפינען אויף טשעקס אין דער גרעסטער קאָמערציעלער הויז פון ענגלאַנד.

אין דעם יאָהר 1812, האָט משה מאָנטעפיאָרע געהייראַט ראָטשילד'ס א טאָכטער, יהודית. זי איז געווען די אמת'ע „עזר כנגדו". ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זי האָט געשטאַמט פון דייטשע „יאהודים" וועמעס ערציהונג איז גע־ווען ווייט ניט קיין רעליגיעזע, איז זי דאָך געווען זעהר בעליבט און געאַכטעט אפילו ביי די טראַדיציאָנעלע אידען, ווייל זי האָט זעהר גוט פאַרשטאַנען איהר מאַן, און אָפּגעהיט די דינים און מנהגים פון אַן עכטער רעליגיעזער אידישער פרוי. דאָס פאַמיליען לעבען פון משה מאָנטעפיאָרע און זיין פרוי יהודית, איז געווען אַן אויסגעצייכענטע אידיליע פון ליבשאַפט און גליק.

אין דער צייט פון דער מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנ'ען, האָט מאָנטעפיאָרע זיך אָנגעגעבען פרייוויליג אין דער ענגלישער אַרמיי, און אָפּדינענדיג פיער יאָהר אַלס לאַיאַלער סאָלדאַט, האָט די ענגלישע רעגירונג איהם געעהרט מיט דעם טיטול „קאַפּיטאַן". ער איז געווען דער ערשטער איד צו באַזיצען אַזא טי־טול. איידער ער איז אָפּגעפאָהרען אויף מיליטער דינסט, האָבען זיינער א ברודער, צוזאַמען מיט די ראָטשילד פאַמיליע, אַנטליהען דער ענגלישער רע־גירונג א סומע פון צוועלף מיליאָן פונט פאַר מלחמה צוועקען. שפּעטער, ווען פראַנקרייך האָט די מלחמה פאַרלאָרען צו ענגלאַנד, האָבען זיי געקראָגען פון דער ענגלישער רעגירונג זעהר א גרויסען פּראָצענט פאַר דעם אַנטליהענעם קאַפּיטאַל, וואָס האָט גורם געווען אַז זייער פאַרמעגען זאָל פאַרדאָפּעלט ווערען.

נאָך דעם ווי מאָנטעפיאָרע האָט זיך צוריקגעקערט פון דינסט, האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק צו גרינדען א פירמע פון לעבענס־פאַרזי־כערונג. אין יענער צייט זיינען לעבענס־פאַרזיכערונגען געווען נאָך פרעמד אין ענגלאַנד, דעריבער האָט מען זיך בעצווייגען צו דעם געדאַנק מיט פאַרדאַכט. אָבער די ראָטשילדס האָבען תיכּף איינגעזעהן אַז די אידעע איז זעהר א פּראַק־טישע, און זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו באַנעהמען זיך צו דעם געדאַנק זעהר ערנסט. אין יאָהר 1824 האָבען די ראָטשילד'ס און משה מאָנטעפיאָרע ענדליך געגרינדעט אין ענגלאַנד די ערשטע ענגלישע לעבענס־פאַרזיכערונגס געזעל־שאַפט.

די צווייטע גרויסע אונטערנעמונג פון מאָנטעפיאָרען, איז געווען די גאַז באַלויכטונג סיסטעם. אין דער איצטיגער צייט, ווען עלעקטריק איז אַ טעגלי־כע באַדערפעניש, און אַלע מענשען נוצען עס פאַר אַלע צוועקען, איז שווער זיך פאָרצושטעלען אַז מיט הונדערט יאָהר צוריק, איז דער קעראָסין לאָמפּ געווען אַ גרויסע ערפינדונג. די גרעסטע שטאָט פון דער וועלט דאַן, לאָנדאָן, האָט איהרע גאַסען בעלויכטען מיט קעראָסין לאָמטערנעס. ניט איינמאָל פלעגט אָבער טרעפען, אַז דער בייזער צפון ווינט פון לאָנדאָן פלעגט די לאָמטערנעס אויף די גאַסען אויסלעשען, און מענשען האָבען זיך שפּעטער געדאַרפט אָנ־האַלטען אָן זייערע שטעקענס און זיך שאַרען לעבען די הייזער, כדי אָנצוקו־מען זיכער אַהיים. נעגען אָט דער פּרימיטיווער בעלויכטונג האָט מאָנטעפיאָרע געקעמפט. ער האָט געשאַפען די ערשטע גאַז־בעלויכטונג געזעלשאַפט, און אויף די גאַסען פון ענגלאַנד איז פּלוצלונג געוואָרען גאָר ליכטיג.

אָט די צוויי גרויסע ערפאָלגרייכע אונטערנעמונגען האָבען מאָנטעפיאָרע'ס נאָמען באַריהמט געמאַכט. דאָס האָט גורם געווען, ער זאָל קומען אין באַרי־רונג מיט די העכסטע אַריסטאָקראַטישע קרייזען פון לאָנדאָן, און ער האָט די זעלטענע געלעגענהייט באַלד אויסגענוצט לטובת זיינע ברידער, די פאַר־פאָלגטע אידען אין ענגלאַנד. די אידען האָבען אין יענער צייט ניט געהאַט קיין ציווילע רעכט און אויך ניט קיין שטים רעכט. זיי איז ניט ערלויבט געוואָרען צו לערנען אין די אוניווערזיטעטען און צו ווערען פּראָפעסאָרען. זיי האָבען אויך ניט געטאָרט האַלטען קיין רעגירונגס אמט. בכלל האָט מען דאַן אין ענגלאַנד געקוקט אויף אידען ווי אויף אַ נידעריגערען קלאַס מענשען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די פּריווילעגירטע אידישע פּערזענליכקייטען אין לאָנדאָן האָבען ניט איין מאָל אויפגעהויבען די פראַגע וועגען אידען־רעכט עפענטליך. זיי איז אָבער ליידער ניט געלונגען צו באַווירקען די עפענטליכע ענגלישע מיינונג, אַז אַ געזעץ זאָל אין פּאַרלאַמענט אויפנעמען די אידען־פראַגע. אַזוי האָט זיך די לאַגע געצויגען אַ לאַנגע צייט.

דאַן איז געקומען דער יאָהר 1828, ווען מאָנטעפיאָרע'ס נאָמען אין ענגלאַנד איז געוואָרען ווייט און ברייט פאַרשפּרייט. די רעגירונג האָט דאַן געפיהלט אַ מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטליכקייט צו די אידען, וועמענ'ס געלט האָט געהאָלפען ענגלאַנד צו געווינען די מלחמה נעגען נאַפּאָלעאָנ'ען. האָט זי דעריבער געוואָלט אויסדריקען איהר אָנערקענונג צו די ענגלישע אידען אויף וועלכען עס איז אָנגעזעהענעם אופן, באַוועגענדיג דעם פּאַרלאַמענט אָנצונע־מען ליבעראַלע געזעצען צו זייער גונסטען. עס איז ערלויבט געוואָרען דער אי־דישער געמיינדע פון לאָנדאָן אויסדערוועהלען אַ אידישען דעפּוטאַט, וועלכער זאָל דאָרט פאַרטרעטען זייערע אינטערעסען. די אידישע געמיינדע האָט דאַן אויסגעקליבען משה מאָנטעפיאָרע אַלס זייער דעפּוטאַט, און ווען ער איז נאָכ־

דעם ערשינען אין פּאַרלאַמענט, איז ער דאָרט זעהר וואַרעם אויפגענומען גע־וואָרען.

דער געזעץ פון אידען־רעכט, וועלכער איז ערגעץ־וואו געלעגען פאַרוואָרפען אין די אַרכיוון פון פּאַרלאַמענט, איז מיטאַמאָל ווידער אַרויפגעשוואומען אויף דער טאָגעס־אָרדנונג. מאָנטעפיאָרע האָט עקשנות'דיג אָנגעפיהרט דעם קאַמף פאַר דיזען געזעץ. ער האָט געהאַט אַסך לאָרדס און בישאָפס צווישען זיינע פריינד, וועלכע האָבען זיין קאַמף פאַר אידישער גלייכבאַרעכטיגונג געשטיצט. געפינענדיג דערצו גרויס חן אין די אויגען פון דער קעניגין וויקטאָריאַ און איהר אָנקעל דעם „דיוק אָוו סאַסעקס", איז זיין קאַמף שנעל געוואונען געוואָ־רען. אין דעם יאָהר 1836 האָט איהם די ענגלישע רעגירונג געגעבען דעם טי־טול „פעלאָו אָוו די ראָיאַל סאָסייעטי".

שפּעטער אַ ווײַלע האָט מאָנטעפיאָרע'ס ברייטהאַרציגער געפיהל פון סימ־פּאַטיע פאַר די אונטערדריקטע זיך אָמשטאַרקסטען אויסגעדריקט אין זיין נאָ־בעלער אונטערנעמונג צו העלפען בעפרייען די שקלאַפען אין די פילע ענגלי־שע קאָלאָניעס. ער האָט אָנגעבאָטען דער ענגלישער רעגירונג אַ קאָלאָסאַלע סומע געלד אַלס אַ הלואה, כדי אויסצוקויפען די שקלאַפען פון זייערע אייגענטימער. אייבראַהאַם לינקאָלן האָט די אַמעריקאַנער שקלאַפען בעפרייט דורך אַ מלחמה, פול מיט בלוט פאַרגיסונג. מאָנטעפיאָרע האָט אָבער דיזע נאָבעלע אויפגאַבע דורכגעפיהרט אויף אַ פרידליכען אופן, אויסלייזענדיג די ענגלישע שקלאַפען דורך געלד. די גלענצענדע מדרגה, וועלכע ער האָט ערדייכט אין די הויכע רע־גירונגס ספערען, האָט ער שטענדיג אויסגענוצט צו טאָן גוטעס פאַר אַנדערע.

אַ וויכטיגער קאַפּיטעל פאַרנעמט אין זיין לעבען דאָס אָפּגעבען זיך מיט אידישער ערציהונג און בילדונג. זייענדיג אַליין אַ טיף רעליגיעזער איד, האָט ער זעהר פיל צייט, און ענערגיע, און פינאַנציעלע הילף געגעבען צו דער נעץ פון שוהלען און חדרים אין ענגלאַנד. ער האָט דאָרטען געשאַפען די ערשטע גרויסע ישיבה, וועלכע ער האָט אַליין אויסגעהאַלטען, אַזוי אַז אָרי־מע ישיבה־בחורים זאָלען קאָנען געניסען פון בילדונג צוגלייך מיט די רייכע. ער האָט אויך אויסגעבויט פילע שוהלען, און געשטיצט אַנדערע אידישע אינסטיטוציעס אין פערשיידענע לענדער.

אינטערעסאַנט איז דער אינצידענט, וועלכער שטעלט מאָנטעפיאָרען אַרויס אַלס אַ פרומען אידען און מענשען פריינד. אין דער צייט, וואָס ער איז געווען דער שעריף פון לאָנדאָן, האָט ער איינגעפיהרט, אַז ער זאָל קאָנען זיין פריי פון דינסט שבתים און ימים־טובים. ער האָט דיזען אידעאַל זיינעם מאָטיווירט מיט'ן סלאָגאַן: „מיין פליכט צו מיין גאָט און מיין רעליגיע שטעהט העכער פון אַלע מיינע פליכטען". דורך דער צייט, וואָס ער איז געווען

שעריף, האָט ער באַזייטיגט טויט־שטראָף. איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז ווען ער איז צוליב יום־טוב אָבוועזענד געוועזן פון זיין אָפיס, האָט אַ צווייטער שעריף בעשטראָפט אַ מענשען מיט טויט־שטראָף. ווען מאָנטעפיאָרע האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט דאָס איהם זעהר וועה געטאָן. האָט ער ניט גערוהט, ביז ער האָט זיך וועגען דעם געווענדעט צו דער קעניגין וויקטאָריא. צוליב איהר גרויסען רעספּעקט פאַר איהם, האָט זי זיין ביטע ערפילט און בעפרייט דעם פאַראורטיילטען פון טויט־שטראָף. מאָנטעפיאָרע'ס רעקאָרד אַלס שעריף, איז אין די ענגלישע רעגירונגס קרייזען פערבליבען אַלס דער שעהנסטער און גע־רעכטיגסטער צו זיינע מיט־מענשען. אין דעם יאָהר 1846 האָט ער בעקומען דעם טיטול „סער מאָזעס" פאַר זיינע גרויסע לייסטונגען אין זיין שעריף אַמט.

זייענדיג אַ שטאַרק רעליגיעזער איד, האָט ער אויך ליב געהאַט ארץ ישראל. ער האָט בעזוכט דאָס הייליגע לאַנד זיבען מאָל. אין יאָהר 1827 האָט ער אונטערגענומען זיין ערשטע רייזע אין ארץ ישראל צו שטודירען די לאַגע פון די אידען אין דעם נאָהענטען מזרח. די וועג קיין ארץ ישראל אין יענער צייט איז געווען פערבונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען, און אפילו מיט גע־פאַר. אָבער אַ דאַנק זיין נאָבעלער פרוי, וועלכע האָט איהם ערמוטהיגט אין דיזער אונטערנעמונג און האָט איהם בעגלייט אויף דיזער רייזע, איז עס איהם פיל לייכטער אָנגעקומען. קומענדיג אין קאַירא, עגיפּטען, האָבען די מאָנטע־פיאָרעס געזוכט אַ וועג־ווייזער, וועלכער זאָל זיי ברענגען קיין ירושלים. ווי דערשראָקען זיינען זיי אָבער געוואָרען, ווען מען האָט זיי ענטמוטהיגט פון דיזער רייזע, ווייל די וועג צו דער הייליגער שטאָדט דורך דעם מדבר איז זעהר אַ געפעהרליכע, צוליב די פילע רויבער וועלכע פלעגען בעפאַלען די ריי־זענדע און פאַרקויפען זיי נאָכדעם פאַר שקלאַפען.

דאָך האָבען אונזערע רייזענדע זיך געשאַפען מוטה, און מיט גרויס בטחון אין גאָט, האָבען זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין נאָך ירושלים. געפאָרען זיינען זיי אויף קעמלען פיל טעג, ליידענדיג פון היץ און דורשט. ווילדע שאַקאַלען און אַנדערע מדבר חיות האָבען מיט זייערע ווילדע געשרייען זיי דערמאָנט, אַז די געפאַר איז גרויס. ניט איינמאָל האָט די האַרץ ביי זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַר שרעק, ווען אַ קאַראוואַן פון ווילדע בעדואינער איז זיי פאַרבייגעפאַרען. הייגט־צו־טאָג נעמט אַזא רייזע ניט מעהר ווי צעהן שטונדען, דאַן אָבער זיי־נען זיי געפאָרען גאַנצע צעהן טעג.

אָנקומענדיג קיין ירושלים, האָבען זיי דאָרט געטראָפען אָרימע הייזער, מיט איינגעפאַלענע דעכער און אויסגעקרימטע ווענט, און אידען פעראָרימטע, נידערגעשלאָגענע, און בערויבט פון מענשליכע רעכט. ווען די אידען אין ירושלים האָבען געוואָלט בעזוכען דעם כותל מערבי, האָט די טערקישע רעגי־

רונג געפאָדערט פון זיי אַן אָפּצאָל פון צוויי הונדערט פונט פאַר דער פּריוווי־לעגיע פון אויסוויינען זיך אויף דעם חורבן בית המקדש. צוקוקענדיג דעם גרוי־סען טרויער פון זיינע ברידער, איז מאָנטעפיאָרע אָפּגעפאָרען צוריק א היים מיט אַן אָנגעווייטאָגטער האַרץ. צוריק אין לאָנדאָן, האָט ער גלייך פאַררופען אַ קאָמיטעט פון די רייכסטע און פּראָמינענטסטע אידען פון ענגלאַנד, און זיי אויפגעפאָדערט אַנצונעמען פראַקטישע שריט פון הילף פאַר די אָרימע אידען פון ארץ ישראל.

אין יאָהר 1840 האָט אַ שרעקליכער בלוט־בלבול אויסגעבראָכען אין דמשק. מען האָט דאָרטען בעהאַלטען אַ קריסטליכען אינגעל און בעשולדיגט די אידען, אַז זיי האָבען איהם דער׳הרג׳עט מיט דעם אבזיכט צו בענוצען זיין בלוט פאַר מצות אויף פסח. אַ כוואַליע פון האַס האָט זיך אַ גאָס געטאָן אויף די קעפּ פון די אידען אין גאַנץ סיריע. מאָנטעפיאָרע׳ס וואַרים האַרץ האָט ניט געקאָנט איינרוהען צוליב דעם נידערטרעכטיגען עלילת דם. אין נאָמען פון דער אידישער געמיינדע אין ענגלאַנד, האָט ער זיך געווענדעט צו דעם מיניסטער פון אויסלענ־דישע אַנגעלעגענהייטען, לאָרד פּאַלמערסטאָן, מיט אַ ביטע, ער זאָל קומען צו הילף די אומשולדיגע און שוצלאָזע אידען פון דמשק. קריגענדיג פון לאָרד פּאַלמערסטאָן אַ פּאַרזיכערונג, אַז ער וועט אינטערווענירען לטובת די אידען פון דמשק, זיינען מאָנטעפיאָרע צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי און זיין סעקרעטאַר אָפּגעפאָרען ווידער צום אָריענט. קומענדיג אין דמשק, האָט מאָנטעפיאָרע פער־לאַנגט פון דעם סולטאַן איבערצוקוקען דעם גאַנצען פּראָטאָקאָל, אָנווייזענדיג ווי גרונדלאָז און פאַלש איז די גאַנצע בעשולדיגונג וועגען בלוט אויף מצות. ער האָט דעם סולטאַן איבערצייגט, אַז די אידישע רעליגיע איז שטרענג מיט׳ן פאַר־באָט ניט צו געברויכען קיין בלוט, וואָס קומט אפילו פון בהמות, שוין אָפּגערעדט פון מענשליכע בלוט. מאָנטעפיאָרע האָט דאַן בעקומען אַ צוזאָג פון דעם סול־טאַן און פון די געהעריגע רעגירונגס אינסטאַנצען, אַז זיי וועלען אויף ווייטער פאַרהיטען די אידען אונטער זייער שוץ פון אַזעלכע ווילדע באַשולדיגונגען. אין אַ קורצער ווײַלע שפּעטער, האָט דער פאַרלאָרענער קריסטליכער אינגעל זיך אומגעקעהרט אהיים אַ געזונטער און ניט קיין באַשעדיגטער.

וואָס מעהר מאָנטעפיאָרע האָט זיך אינטערעסירט מיט זיינע פאַרפאָלגטע ברידער, אַלץ גרעסער איז געוואָרען זיין נאָמען, און אַלץ מעהר האָט איהם די קעניגין וויקטאָריא געאַכטעט. צוריקקעהרענדיג זיך פון אָריענט, האָט די קעני־גין איהם פריינדליך אויפגענומען און איהם אָפּגעגעבען גרויס כבוד, פּרעזענטי־רענדיג איהם אַלס מתנה אַן אויסצייכענונג׳ס הערב.

אויך רוסלאַנד האָט פאַרנומען אַ וויכטיגען טייל אין דעם לעבען פון די־זער גרויסער אידישער פּערזענליכקייט. ווילד, אָפּגעשטאַנען, און אומציוויליז־

זירט איז די צאַרישע רוסלאַנד דאַן געווען. פריהער האָט זי פאַר דער גאַנצער וועלט באַוויזען איהר באַרבאַריזם דורך כאַפּען קליינע אידישע אינגעלעך אין מיטען דער נאַכט פון זייער וואַרימען געלעגער, צונעמענדיג זיי פון זייער מוטער׳ס שויס. די טיראַנישע רעגירונג איז ניט אַזוי געווען פאַראינטערעסירט אויפצובויען איהר אַרמיי דורך דיזע יונגע קינדערלאַך, ווי אין צווינגען זיי אָנצונעמען די קריסטליכע רעליגיע. שפּעטער האָט זי גענומען אַרויסטרייבען די אידען פון די גרויסע שטעדט. צוויי און אַ האַלב מיליאָן אידען האָבען געמוזט פאַרלאָזען זייערע היימען און זייערע פאַרמעגענס אין די שטעדט. די לאַגע דאָרטען איז געוואָרען זעהר אַ טרויעריגע, און זייער שרעקליכער אויסגעשריי צו דער ציוויליזירטער וועלט האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין מאָנטעפיאָרע׳ס פיהלענדער הארץ.

דעם 26־טען פעברואר, 1848, איז מאָנטעפיאָרע, צוזאַמען מיט זיין פרוי, אָפּגעפאָרען קיין פּעטערבורג. אמת, מען האָט זיי דאָרטען זעהר פיין אויפגענומען, וועלענדיג צופרידענשטעלען דער ענגלישער רעגירונג. ביי דער אודיענץ מיט׳ן צאַר ניקאָלאַי, האָט מאָנטעפיאָרע איהם אויפגעקלעהרט די אומפּראַקטישקייט פון זיינע אידען־פאַרפאָלגונגען, און ווי שלעכט עס וועט זיך אָפּרופען אויף דער אַלגעמיינער קאָמערציעלער לאַגע אין זיין לאַנד, אויב צוויי און אַ האַלב מיליאָן מענשען, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט האַנדעל, וועלען פלוצלונג מוזען אויפגעבען זייערע געשעפטען. ער האָט גלייכצייטיג דערמאָנט דעם צאַר אַז רוסלאַנד פאַרמאָגט פילע טויזענטער אידישע סאָלדאַטען אין איהר אַרמיי, און אַז ער דאַרף דעריבער האָבען איינזעהעניש מיט זיינע אידישע בירגער, צוליב זייער רוסישען פּאַטריאָטיזם, און צוריקרופען זיין בייזע גזרה. סער מאָזעס האָט געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק אויף דעם צאַר. דער רשע האָט וואַרעם געדריקט מאָנטעפיאָרע׳ס האַנט ביים זעגענען זיך, און דערביי איהם פאַרזיכערט, אַז אויב די אידען קאָנען פאַרמאָגען אַזא מאַן ווי ער, וועט ער די גזרה בטל מאַכען צוליב איהם אַליין. משה מאָנטעפיאָרע האָט זיך צוריקגעקעהרט פון רוסלאַנד זעהר אַ צופרידענער.

דערווייל האָט דער פאַרזייטער קערענדל פון אידען האַס דורך דעם פראַנצויזישען קאָנסול אין אָריענט, ווידער אָנגעהויבען אַרויסשפּראָצען. אַ צווייטער בלוט בלבול אויף אידען איז אויסגעבראָכען אין דמשק און מאָנטעפיאָרע איז ווידער געפאָרען אַהין צו העלפען זיינע שוצלאָזע ברידער. אויף זיין וועג צו דמשק האָט ער פריהער באַזוכט דעם פראַנצויזישען פּרעזידענט ל. פיליפ, און איהם ערקלערט ווי זינלאָז זיינען אָט די באַשולדיגונגען געגען אידען. ער האָט פאַרלאַנגט פון דעם פּרעזידענט אַ שריפטליכען דאָקומענט צו דעם פראַנצויזישען קאָנסול אין דמשק, אַז ער זאָל זיך בעמיהען צו מאַכען אַ סוף צו די פאַל־

שע בלוט בלבולים אויף אידען. סער מאָזעס האָט גלייך אַזאַ דאָקומענט בעקו־מען. ער האָט אויך געקראָגען די פולע צושטימונג פון דעם פּרעזידענט פון פראַנקרייך, אַז די אידען זאָלען מאָגען קויפען לאַנד אין ארץ ישראל, זיך צו באַזעצען דאָרטען און זיך נעמען צו אַגריקולטור און פאַרשיידענע מלאכות. ווען ער איז צוריקגעקומען פון דיזער נסיעה קיין לאָנדאָן, האָט ער אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן צו באַזעצען אַ גרויסע גרופּע אידען אין ארץ ישראל.

אַ קאָמיטעט, באַשטעהענדיג פון אויסדערוועהלטע אידען אין ענגלאַנד מיט מאָנטעפיאָרען אין דער שפּיץ, איז אָפּגעפאָרען קיין ארץ ישראל, צו שטודירען דאָרטען די מעגליכקייטען פאַר דער פאַרווירקליכונג פון אַזאַ פּראָיעקט. דיזער קאָמיטעט האָט דאָרטען אָפּגעקויפט גרויסע שטרעקעס לאַנד, אויפגעבויט אויף דיזען לאַנד פילע הייזער, אויסגעגראָבען ברינימער, און גורם געווען אַז אַ הונ־דערט פאַמיליעס זאָלען זיך אויף דיזען שטח באַזעצען. שפּעטער זיינען אין די־זען נייעם פאָרשטאָדט פון ירושלים אויסגעבויט געוואָרען שוהלען און אַ „תלמוד תורה", דערנאָך האָט מאָנטעפיאָרע דאָרט אויפגעשטעלט אַ פאַבריק פאַר גע־שטריקטע לייווענט. אויף אַזאַ אופן האָט זיך דורך דיזען גרויסען פילאַנטראָ־פּיסט און ליבהאָבער פון ארץ ישראל, די הייליגע שטאָדט ירושלים פיל אויס־געשפּרייט, און פילע אידען האָבען זיך ווידער געשאַפען אַ היים אין ציון.

דר. לעאָן פינסקער

דר. לעאָן פינסקער איז געבאָרען געוואָרען אין דעם יאָהר 1821, אין טאָמאשאָוו, פעטריקאָווער גובערניע, אין פוילען. געשטאָרבען איז ער אין 1891 אין אָדעס. לעאָן פינסקער איז געווען דער זוהן פון דעם העברעאישען געלערנטען שמחה פינסקער, וועלכער איז געווען לערער, היסטאָריקער, ארכעאָלאָג, און פארפאסער פון אייניגע ווערק. ער האָט געשטאַמט פון טארנאָפאָל, גאליציע. דאָס מיינט, אַז דר. פינסקער איז געווען מעהר דער פּראָדוקט פון פוילען, ווי פון רוסלאַנד. אין רוסלאנד האָט ער אָבער דורכגעמאַכט די שוהלע, סיי פון לערנען, און סיי פון דעם לעבען גופא.

ווערענד א קליינער מענש שטעלט זיך שטענדיג צופרידען מיט דאָס ביסעלע ערפאָלג וואָס ער דערגרייכט, וואָס עס מיינט נאַטירליך פאַר איהם געהן צוריקוועגס, באַזיצט יעדע גרויסע פערזענליכקייט אַזאַ מין אייגענשאַפט, וואָס סטימולירט איהם צו שטרעבען אימער־צו וואָס העכער, ניט וועלענדיג זיך אָפּשטעלען אויף דעם ערשטען שטאַפּעל פון ערפאָלג. דאָס פיהרט איהם פון איין גרויסער דערגרייכונג צו אַ צווייטער. דר. לעאָן פינסקער בעלאַנגט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע מענשען. דאַרום איז זיין וועג אין לעבען געווען פול מיט נידערלאַגעס און שטייגונגען.

ער האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען דעם „אלף בית" אין זיין פאָטער'ס חדר. ווען ער איז עלטער געוואָרען, איז ער אַריבער אין דער גימנאַזיע אין אָדעס. פאַרענדיגענדיג דעם קורס פון די לימודים דאָרטען, איז ער שפּעטער פאַר אַ שטיקעל צייט געווען לערער פון דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור אין קעשענאָווער גימנאַזיע. מיט פילע רעקאָמענדאַציעס פון אָנגעזעהענע מענשען, האָט לעאָן פינסקער נאָכדעם פאַרלאָזען די ברייטע סטעפּעס אין אוקראַינע, און איז אָפּגעפאָהרען קיין מאָסקווע צו שטודירען מעדיצין אין דעם דאָרטיגען אוניווערזיטעט. אין אַ צייט אַרום האָט ער באַקומען דעם טיטול דאָקטאָר, און אַ נייע קאַריערע האָט זיך פאַר איהם אָנגעפאַנגען, אַ ברוויזענדער לעבען פון אידעאַליזם.

לעאָן פינסקער האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר זעהר אַ מוטיגען און איבערגעבענעם מענשען נאָך אין זיינע יונגע יאָהרען, ווען ער האָט שטודירט אין אוניווערזיטעט. אין דעם יאָהר 1848 האָט אַן עפּידעמיע פון כאָלעריע אַרומגע־

כאפט גאנץ רוסלאנד. דער יונגער סטודענט האט, ניט קוקענדיג אויף דער גרויסער געפאר וואס ערווארטעט יעדען איינעם, וועלכער קומט אין באריהרונג מיט די קרבנות פון דער שרעקליכער קרענק, זיך אריינגעווארפען מיט זיין גאנצען לייב און לעבען אין דער ארבייט פון היילען די אומגליקליכע קראנקע, באמיהענדיג זיך צו ראטעווען זיי פון א זיכערען טויט.

ווען ער האט געענדיגט זיין מעדיצינישען שטודיום, איז ער אלס דאקטאר צוריקגעקומען קיין אדעס, וואו ער איז באלד אויפגענומען געווארען אין דעם הויפט שפיטאל פון שטאט. נאך צעהן יאהר אנגעזועהענער ארבייט, איז ער אנערקענט געווארען אלס דער פראמינענטסטער דאקטאר אין אדעס. עס איז אין יענער צייט געוועזען די קרימער מלחמה. די רוסישע סאלדאטען האבען דאן געליטען ניט נאר פון גרויסע נידערלאגעס ביי סעוואסטאפאל, נאר אויך פון א געפערליכער קראנקהייט, פון א מין פיבער, וואס האט געמאכט א שוידערליכען חורבן אינ'ם רוסישען מיליטערישען לאגער. אדעס איז געוועזען פול מיט קראנקע רוסישע סאלדאטען, קרבנות פון דעם פיבער. דר. לעאן פינסקער האט דאן אויפגעגעבען זיין גרויסע פריוואטע קליענטעלע, און האט זיך בלב ונפש אריינגעווארפען אין קאמף צו בעזיגען אט דעם פיבער. ער האט זיך אזוי אויסגעצייכענט אין דיזער ארבייט, אז זיין נאמען איז געווארען בעקאנט אפילו אין דעם קעניגליכען הויף, און דער צאר, אלעקסאנדער דער צווייטער, האט איהם דערפאר צוגעשיקט א שעהנע באלוינונג פאר זיינע אידעאלע לייסטונגען.

דא איז דער פלאץ דורכצופיהרען א פאראלעל צווישען דער צארישער רוסלאנד און דער איצטיגער נאצי דייטשלאנד. אפילו אין דער אלטער רוסלאנד האט ניט געהערשט אזא גרויזאמע אונטערדריקונג פון אידען, ווי עס קומט פאר יעצט אין דייטשלאנד. דער צאר אלעקסאנדער דער צווייטער איז בשום אופן ניט געוועזען אזוי נידעריג און אכזריות'דיג, ווי היטלער צייגט זיך ארויס צו זיין. דער צאר האט דאך אנערקענט די גרויסקייט פון געוויסע אידען און עס ארויסגעצייגט אין דער עפענטליכקייט.

פינסקער'ס גרויסער ערפאלג אלס דאקטאר און זיין נאמען, וועלכען ער האט ערווארבען, האבען אויף א האר ניט אפגעשוואכט זיינע הייסע אידישע געפיהלען פאר זיינע ליידענדע ברידער אין רוסלאנד. די דאזיגע געפיהלען האבען פאלקאם באהערשט זיין גאנצען וועזען, און ער האט זיך פיל איבערגעגעבען צו אידישע כלל טוערייי. ער האט די גאנצע צייט גענומען אן אנטייל אין אידישע קהל'שע ענינים, און פון צייט צו צייט האט ער אויך געשריבען ארטיקלען איבער די אידישע אינטערעסען אין אידיש־רוסישע זשורנאלען. באזונדערס האט ער אין זיינע ארטיקלען אפעלירט צו דער רוסישער רעגירונג, אז מען זאל די אידען געבען מעהר ציווילע רעכט און ארויסווייזען צו זיי א

בעסערע מענשליכע באַציהונג. ער האָט פון אָנפאַנג שטאַרק געגלויבט, אַז דורך דער עמאַנסיפּאַציע פון די אידען, וועלען קומען נעהענטערע פאַרבינדונגען צווישען זיי און דעם רוסישען פאָלק.

ער האָט זיך אָבער נאָכהער שנעל איבערצייגט, אַז ניט נאָר ווערט זיין אַגיטאַציע פאַר גרעסערע רעכט פון די רוסישע אידען ניט אָנגענומען פון דער רעגירונג, נאָר פאַרקעהרט, זי פיהרט נאָך דורך פיל מעהר אונטערדריקונגען, און אינספּירירט דערצו כוליגאַנעס צו באַפאַלען די אידישע איינוואוינער אין די שטעט און צו מאַכען אויף זיי פּאָגראָמען, וואו די גרויזאַמסטע שחיטות און די אכזריות'דיגסטע מעשים האָבען זיך אין די אידישע היימען אָפּגעשפּילט. פּינסקער האָט דורכגעלעבט די פּאָגראָמען פון די יאָהרען 1859 און 1871, און זיי האָבען געביטען זיין מיינונג וועגען דער בעפרייאונג פון די אידען אין רוסלאַנד. ער איז פולשטענדיג ענטוישט געוואָרען אין דעם אַסימילאַציע געדאַנק, באַזונדערס ווען עס האָבען אויסגעבראָכען די שרעקליכע פּאָגראָמען פון יאָהר 1882, דורך וועלכע די רעגירונג האָט געזוכט זיך נוקם צו זיין אָן די אידען פאַר דער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען דערשאָסען דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

אָט די שרעקליכע פּאָגראָמען האָבען אין גאַנצען צעטרייסעלט דעם גלויבען אין פּינסקער'ס נשמה, אַז די אידען אין רוסלאַנד קאָנען ערוואַרטען מענשליכקייט און גערעכטיגקייט פון דער צאַרישער רעגירונג. האָט ער דעריבער דעמאָלט אַרויסגעגעבען אַ קליינע בראָשורע פון עטליכע בלעטלאַך אונטער'ן נאָמען: „אויטאָ־עמאַנציפּאַציאָן" (זעלבסט־בעפרייאונג), וואָס האָט איהם געמאַכט אומשטערבליך פאַר אונזער פאָלק לדורי דורות.

אין דער קליינער בראָשורע בעהאַנדעלט דר. פּינסקער די אידישע פּראָבלעם און ער ציהט דעם שלום פון זעלבסט־בעפרייאונג פונ'ם אידישען פאָלק. פון אָנפאַנג אַנאַליזירט ער די אידישע ליידען און אומערטרעגליכע רדיפות אייבעראַל, און נאָכהער קומט ער צו דעם הויפּט געדאַנק ,אַז אונזערע גרויסע אומגליקען נעמען זיך דערפון, וואָס מיר אידען זיינען ניט קיין נאָרמאַלע פּאַראַייניגטע נאַציאָן, ווייל מיר בלאָנדזשען אימער אַרום ווי שאָטענס, צעזייטע און צעשפּרייטע יחידים פון אידישען גלויבען. דעריבער רעכענט מען זיך ניט מיט די אידען ווי מיט אַ זעלבסטווירדיגער נאַציאָן. מען בעהאַנדעלט זיי איבעראַל טאַקע בלויז ווי יחידים, וועלכע האָבען ניט קיין רעכט, און פילע מאָל בעטראַכט מען זיי זאָגאַר, אַז זיי זיינען נישטיג, אומווירדיג און ווערטלאָז. אין בעסטען פאַל האָט מען אויף זיי נאָר מיטלייד ווי אויף אָן אָרימען בעטלער, און מען שענקט זיי אַ נדבה. דער גרעסטער אומגליק פון די אידען, לויט דר. פּינסקער, איז דאָס וואָס אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער האָט מען זיי ניט

אנערקענט אלס א זעלבסטשטענדיגע פאלק, וועלכע האט די זעלבע געזעצליכע רעכט ווי אנדערע פעלקער, נאר אלס אינדיווידועלע מענשען.

ער האלט ווידער, אז די צרה איז נאך ערגער דורך דעם, וואס די אידען אליין האבען זיך פאר א געוויסער צייט זינט דער פראנצויזישער רעוואלוציע בעטראכט טויט אלס א פאלק, אהן קיין שום האפענונג ווען עס איז נאציאנאל ווידער אויפגעלעבט צו ווערען. דער לאנגער גלות האט אונז צוגעשמידט צו דעם באדען פון צעהנדליגער לענדער און פעלקער, און אפגעטויט אין אונז יעדען גע־זונטען חוש, יעדע מענשליכע זעלבסט־ווירדע אלס אן אומאפהענגיגע נאציאן. דעריבער קאן יעדעם לאנד, יעדעס פאלק און א ליאדע רעגירונג בעהאנדלען אונז, ווי עס טוט זיי געפעלען. דר. פינסקער דענקט, אז די אידען האבען ניט גענוג מוטה צו פאדערען אפילו א קליין ווינקעלע פאר זיך אליין אין אזא גרויסער וועלט... דעריבער קומט ער צום שלוס אין זיין בראשורע, אז א רוף דארף ארויסגעהן צו אלע אידן פון דער וועלט, אז זיי מוזען צוריק ווערען א נאר־מאלע פאלק, דורך בעקומען אן אייגען לאנד.

עס דארף דא צוגעגעבען ווערען, אז פינסקער האט דאן נאך ניט אנגע־צייגט אויף ארץ ישראל אלס דאס איינציגע לאנד פון אידישע האפענונגען. זיין אידעע איז מעהר געווען א טעריטאריאליסטישע, ווי א ריין ציוניסטישע. נאר ווען עס איז געקומען זיין אידעע צו פארווירקליכען, איז ביי איהם געווארען אלץ קלארער און דייטליכער, אז מען מוז זיך קאנצענטרירען דוקא אויף ארץ ישראל, אלס די אידישע נאציאנאלע היים. אבוואהל דר. פינסקער האט ניט געפאדערט ארץ ישראל, אלס דער איינציגער מקום מקלט פאר אידען, דאך איז ער באלד אריינגעצויגען געווארען אינ׳ם לאגער פון די „חובבי ציון", און גע־קראגען דארטען א גרויסען איינפלוס אויף דער דאמאלסטיגער ציון באווע־גונג.

ער איז געווארען דער פרעזידענט פון די „חובבי ציון" אין רוסלאנד, צווישען וועלכע עס האבען זיך דאן געפונען אזעלכע פראמינענטע אידישע פער־זענליכקייטען, ווי פראפעסאר מאקס מאנדעלשטאם, משה לייב ליליענבלום, פראפעסאר הערמאן שאפירא, דער רעדאקטאר פון „המליץ" אלעקסאנדער צע־דערבוים, דער שריפטשטעלער ל. לעוואנדע, און פילע אנדערע. אויף דעם פערלאנג פון דר. פינסקער איז אין רוסלאנד פארגעקומען א צוזאמענפאר פון „חובבי ציון" דעלעגאטען פון פערשיידענע געגענטען. זיי האבען דארט בע־טראכט די פראגע, ווי אזוי צו פארווירקליכען זיין אידעע פון אידישער אויס־לייזונג.

דער איינציגער וועג צו פארווירקליכען דעם געדאנק פון אונזער אוטא־עמאנסיפאציע, איז געווען צו גרינדען א געזעלשאפט פאר אידישער אימיגרא־

ציע קיין ארץ ישראל. דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען די פּראַקטישע ארבייט פון די „חובבי ציון".

אין יאָהר 1884 איז פאַרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די „חובבי ציון", פון וועלכער אין דרייצען יאָהר שפּעטער איז אויסגעוואַקסען דער וועלט באַריהמטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל, מיט דר. טהעאָדאָר הערצל אַלס פיהרער.

עס איז קיין ספק ניט, אז אָט יענע אַרבייט, ווי באַשרענקט זי איז געווען און ווי שווער זי איז צוגעגאַנגען, איז דאָך געווען דער גרונדשטיין פון דער שפּע־טערדיגער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, וועלכע האָט זיך זינט דע־מאָלט ווייט און ברייט אַנטוויקעלט. אָהן פינסקער'ס „אוטאָ־עמאַנסיפּאַציאָן" און אָהן די „חובבי ציון" מיט זייער אומערשעפּליכער פּראַקטישער ארבייט, וואָלט ניט מעגליך געווען די רעאַליזירונג פון דר. הערצל'ס „יודענשטאַט" אי־דעען, און פאָלגליך אויך ניט די באַלפור דעקלאַראַציע און דער ענגלישער מאַנדאַט צו גרינדען אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל. איינס האָט זיך ענטוויקעלט פון דאָס אַנדערע. דר. לעאָן פינסקער איז געווען דער, וועלכער האָט פאַרזייט דעם ציוניסטישען קערענדל, וועלכער האָט געבראַכט טייערע פרוכט.

אָבער פינסקער'ס גרויסקייט באַשטעהט ניט אַזוי אין דעם, וואָס דורך זיין טעטיגקייט האָבען מיר דערלעבט צו זעהן דעם גרויסען אויפבוי אין ארץ ישראל, נאָר איבערהויפּט אין דעם, וואָס ער האָט מוטהיג און פעסט אַרויסגע־זאָגט דעם געדאַנק, אז די אידען דאַרפען זיך זעלבסט בעפרייען, און די זעלבסט בעפרייאונג קאָן קומען נאָר דורך דער זעלבסט אויסבילדונג אַלס נאַציאָן. צו ארץ ישראל אַליין קאָן אָט די נאַציאָנאַלע אויסבילדונג שאַפען, איז נאָך פאַר־לויפיג אַ פראַגע, וואָס די נאָהענטע צוקונפט וועט עס מוזען פאַרענטפערען. איין זאַך איז פאַר אונז קלאָר, אז ארץ ישראל איז יענער גייסטיגער צעמענט, וואָס וועט פאַראייניגען אַלע אידען אין די ווייטסטע ווינקעלאַך פון דער וועלט, און וועט שאַפען דעם באַזיס פאַר אַ צענטער, וואָס, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אידישע קבוצים, וועלען זיי דערגרייכען צו אָט דעם ציעל, וועלכען פינסקער האָט פאַר דעם אידישען פאָלק אָנגעצייכענט.

ליידער פאַרשטעהען דאָס נאָך ניט אַלע אידען, און איבערהויפּט איז פאַר־דריסליך, וואָס איניגע פיהרער פון פאַרשיידענע אידישע קהלות אין דער וועלט ווילען ניט בעגרייפען אָט די הויכע אידעע פון דר. פינסקער, וועלכער האָט די אינטערעסען פון דעם גאַנצען אידישען כלל געשטעלט העכער ווי די אינטערע־סען פון דעם איינצעלנעם פיהרער. מען דאַרף דעריבער אונזערע פאַלשע פיהרער

אָפּטער דערמאָנען אָן פּינסקער'ס גרויסער אידעע פון „אויטאָ-עמאַנסיפּאַציאָן". וועט דאָס אפשר ברענגען דערצו, אַז זיי זאָלען וואָס שנעלער עס העלפען צו פאַרווירקליכען, אום צו שאַפען אחדות אין די רייהען פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק. בלויז דאַן וועט די וועלט אָנפאַנגען צו קוקען אויף אונז מיט מעהר וויר־דע און רעספּעקט.

טהעאָדאָר הערצל

דר. טהעאָדאָר הערצל איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1860, אין בודא־פעסט, אונגארן. די איינציגע זאַך, וואָס דר. הערצל האָט קיינמאָל ניט פארגע־סען פון זיינע חדר יאָהרען, איז די שמיץ וואָס ער האָט געקראָגען פון זיין רבי׳ן פאַר ניט וויסען גענוג וועגען יציאת מצרים. שפּעטער, אז ער איז געוואָ־רען דער ציוניסטישער פיהרער ביי אידען, האָט ער ערשט געקראָגען גענוג שמיץ, גענוג באַליידיגונג, פאַר אָפּגעבען זיך מיט יציאת מצרים שוין צו פיל . . .

דר. הערצל איז געגאַנגען אין חדר, ביז ער איז געוואָרען צעהן יאָהר אַלט. נאָכהער איז ער אריינגעטראָטען אין א רעאַל שוהלע, וואו מען פלעגט זיך מעהרסטענס אָפּגעבען מיט מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסענשאַפט. אין דער רעַ־אַל שוהלע איז ער ניט לאַנג פארבליבען, ווייל דער דאָרטיגער סיסטעם פון לער־נען האָט צו איהם שטאַרק ניט אַפּעלירט. איין מאָל, ווען דער לערער האָט אין קלאַס דערקלערט זיין מיינונג וועגען „היידעניזם", אז דאָס איז די רעליגיע פון די געצענדינער, און אז צו דער אמונה באַלאַנגען אויך די אידען, האָט עס הערצל׳ען שטאַרק אויפגעבראַכט, און נאָך דעם זעלבען טאָג האָט ער פארלאָזען די שוהלע. ער איז דאַן אָנגעקומען אין א גימנאַזיע, און שנעל דורכגעמאַכט די זיבען קלאַסען. נאָך באַזוכענדיג די גימנאַזיע, האָט ער שוין ארויסגעוויזען א גרויסע נייגונג צו זשורנאַליזם, און, זייענדיג אין דעם לעצטען קלאַס, האָט ער איין מאָל אָנגעשריבען זעהר א אינטערעסאַנטען ארטיקעל פאַר דער אָרטיגער צייטונג, אָהן זיין אונטערשריפט, מורא האָבענדיג, אז ער זאָל דורך דעם ניט אריינפאַלען אין די הענט פון דער פּאָליציי.

אין יאָהר 1878 האָבען הערצל׳ס עלטערען זיך אריבערגעקליבען קיין וויען, צוליב דעם וואָס זיי האָבען פארלאָרען זייער איינציגע טאָכטער אין אונגאַרן. דאָרט האָט הערצל אָנגעפאַנגען צו שטודירען יוריספּרודענץ, נעמענדיג גלייכצייַ־טיג אַן אַקטיווען אַנטייל אין אַלע סטודענטען־פאַראיינען און קלובען פון דעם וויענער אוניווערזיטעט, וועלכען ער האָט באַזוכט.

אין יאָהר 1884, האָט ער געקראָגען זיין טיטול „דאָקטאָר פון יוריספּרו־דענץ", און ער האָט גלייך אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס א ניט באַצאָלטער בעאַמטער אונטער דער אויפזעהונג פון א ריכטער. שפּעטער האָט ער אָנגעפאַנ־

גען פּראַקטיצירען אַלס אַדוואָקאַט אין אַ געריכט אין וויען, און דערנאָך אין זאַלצבורג. גלייכצייטיג האָט ער געשריבען סקיצען פאַר'ן טעאַטער. ער האָט אָבער גיך איינגעזעהן, אַז אין זאַלצבורג וועט ער קיינמאָל ניט דערהויבען ווע־רען צו דער שטעלע פון אַ ריכטער, צו וועלכער ער האָט שטאַרק געשטרעבט, צו־ליב זיינע ליבעראַלע נייגונגען אינ'ם פּאָליטישען לעבען. האָט ער דעריבער פאַרלאָזען זאַלצבורג, און אויפגעגעבען זיין אַדוואָקאַטור אין גאַנצען, ערנעה־רענדיג זיך פון שרייבען פעליעטאָנען אין דער וויענער „נייע פרייע פּרעסע".

אין יאָהר 1889 האָט ער געהייראַט, זיין פרוי האָט איהם געבוירען אַ זוהן מיט צוויי טעכטער. אין יאָהר 1891 האָט ער אונטערגענומען אַ רייזע קיין שפּאַניען, און שפּעטער אין דעם זעלבען יאָהר האָט איהם די „נייע פרייע פּרעסע" פאַרגעשלאָגען צו פאָרען קיין פּאַריז און ווערען דאָרט איהר קאָרעס־פּאָנדענט. דר. הערצל האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ביז צו יענער צייט האָט ער שטענדיג געהאַסט פּאָליטיק. זייענדיג אין פּאַריז, האָט ער אין זיינע קאָרעספּאָנדענציעס זעהר גלענצענד בעריכטעט וועגען דעם דרייפוס פּראָצעס, וואו ער האָט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו ערקונדיגען וואָס די וועלט פאַרשטעהט אונטער דעם וואָרט „פּאָליטיק", ספּע־ציעל וועגען די נידערטרעכטיגע בלבולים, אָנגעווענדעט פון די אַנטיסעמיטען געגען דעם אידישען פאָלק. דער פּראָצעס האָט שטאַרק צורודערט זיין שטענ־דיג רוהיגען געמיט צושטאַנד, און דער רעזולטאַט איז געווען זיין בעריהמטער בוך „דאָס יודענשטאַט", וועלכען ער האָט אָנגעשריבען אין די לעצטע פאָר חדשים פון זיין וואוינען אין פּאַריז. עס ווערט איבערגעגעבען, אַז, ווען דר. הערצל האָט געשריבען דעם בוך, האָט זיך איהם צייטענווייז געדוכט, ווי ער הערט אַ גערויש פון אָדלער פליגלען איבער זיין קאָפּ. אין אַזאַ אויסערגעוועהנ־ליך אָנגעשטרענגטער שטימונג איז ער געווען, שרייבענדיג „דאָס יודענשטאַט".

דר. הערצל האָט צו ערשט געדענקט צו פאַרשפּרייטען די שריפט וועגען דער לייזונג פון די אידען פראַגע נאָר צווישען זיינע פריינד פּריוואַטערהייט, ווייל ער האָט דעם ענין בעטראַכט צו זיין צו וויכטיג אום צו ערלויבען זיך דעם פאַרגעניגען אָפּצוגעבען זיך מיט נוצלאָזער דיסקוסיע פון זיין פּראָיעקט פון אַ אידישען שטאַט. זיין פּלאַן איז געווען באַלדיגע פּראַקטישע ארבייט, און ניט קיין פּאָלעמיק מיט זיינע מעגליכע קריטיקער. ער האָט געדענקט צו פאַרעפענט־ליכען דעם בוך נאָר אין פאַל, ווען זיינע איינפלוסרייכע פריינד וועלען זיין עצה ניט וועלען אויסהערען אָדער שפּעטער פאָלגען.

ווען ער האָט זיין בוך פאַרענדיגט, האָט ער געבעטען איינעם פון זיינע עלטסטע און בעסטע פריינד דורכצולעזען זיין מאַנוסקריפּט. לעזענדיג דעם מאַנוסקריפּט, האָט זיין פריינד פּלוצלונג אָנגעפאַנגען וויינען, און אַזוי ווי יע־

נער איז געווען אַ איד, האָט הערצל בעטראַכט זיין אויפרעגונג פאַר זעהר אַ נאַ־טירליכער זאַך, ווייל ער אַליין האָט ניט איינמאָל געוויינט, ווען ער האָט דאָס בוך געשריבען. אָבער ווי דערציטערט און ענטוישט איז הערצל געוואָרען, ווען דער פריינד זיינער האָט זיינע טרערען אָנגעגעבען גאָר פאַר אַ גאַנץ אַנדערער אורזאַכע. ער האָט פשוט געגלויבט, אַז הערצל איז זיכער געריהרט פון זינען, צו קאָנען פאַרלייגען אַזאַ משוגע'נעם פּלאַן פון אידישער דערלייזונג. ווי ער האָט אין זיין יודענשטאַט געפונען, און זייענדיג הערצל'ס אַן אינטימער פריינד, האָט דאָס ביי איהם דעריבער ארויסגערופען גרויס צער און רחמנות אויף דעם פּאָליטישען באַגרינדער פון ציוניזם. אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט דר. הערצל'ס פריינד איהם געראַטען, ער זאָל פרעגען מאַקס נאָרדאו'ס מיינונג, צו זיין פּלאַן איז אַ פראָדוקט פון אַ מענשען מיט נאָרמאַלע געדאַנקען.

פאַרביטערט און ענטוישט אין זיין אינטימען פריינד, האָט דר. הערצל גלייך באַשלאָסען מעהר ניט צו בעראַטען זיך פריוואַט מיט קיינעם פון זיינע איבעריגע „נאָרמאַלע״ פריינד. דיזער אינצידענט האָט צו ערשט אַוועקגענומען ביי הערצל'ען זיין זעלבסט צוטרוי, אָבער צופעליגערווייזע האָט דער זעלבער פריינד זיינער אין אַ צייט שפּעטער געווירקט, ער זאָל זיין צוטרוי צו זיך זעלבסט צוריק געווינען. געשעהן איז עס דורך אַ צופאַל. איין מאָל האָט דער זעלבער פריינד זיינער דערלאַנגט איהם אַ חשבון, און הערצל האָט גלייך באַ־מערקט אַ טעות אין חשבון. נאָך איינינע מאָל איבעררעכענענדיג דעם חשבון, האָט הערצל זיך איבערצייגט, אַז ער איז דער גערעכטער; הייסט עס אַלזאָ, אַז זיינע געדאַנקען זיינען פאַרט נאָרמאַל. ער האָט צוריק געוואונען זיין זעלבסט־צוטרוי, און זיין פּלאַן פון אַ אידענשטאַט האָט ווידער אויפגעפלאַמט אין זיינע געדאַנקען.

פון זיין באַוואוסטען טאַגע בוך, וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען פיהרען אין יאָהר 1895, ווערען מיר באַקאַנט מיט דעם ענטוויקלונגס־פּראָצעס פון זיינע ציוניסטישע חלומות, און גלייכצייטיג דערוויסען מיר זיך, ווער זיינע אמת'ע פריינד זיינען געווען, און ווער זיינען געווען די יעניגע, וועלכע האָבען זיין ציוניסטישע אידעאָלאָגיע ביטער באַקעמפט.

די באַוועגונג פון ציוניזם אין דעם נייניצענטען יאָהר־הונדערט איז צוגע־גאַנגען זעהר לאַנגזאַם. די אידען אין די מערב לענדער פון אייראָפּאַ, ווי: ענג־לאַנד, דייטשלאַנד, און פראַנקרייך, האָבען צוערשט אין דער באַוועגונג קיין אַנטייל ניט געוואָלט נעמען, זיי האָבען אפילו ארויסגעוויזען אַ געגנערישע שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער שטרעבונג פון שיבת ציון.

די גרויסע שטיצער פון דעם ציוניסטישען אידעאַל זיינען גראַד געווען די מזרח־אייראָפּעאישע אידען פון רוסלאַנד, פּוילען און רומעניען. זיי האָבען ארויס־

געוויזען גרויס איבערגעבענהייט צו דעם ציוניסטישען געדאַנק. מיט ליבע און זעלע האָבען זיי געקעמפט אויפצולעבען דאָס אידישע פאָלק, באַזעצענדיג אַ גרויסען טייל פון איהם אויף אַ פעסטען זיכערען באָדען אין ארץ ישראל. אָבער איין זאַך האָט זיי געפעלט: זיי האָבען ניט באַזעסען קיין פּאָליטישען באַוואוסטזיין און קיין ריכטיגע עקאָנאָמישע אָריענטאַציע צו וויסען, ווי אַזוי צו פאַרווירקליכען זייערע ציוניסטישע חלומות און שטרעבונגען אויף אַ סיסטעמאַטישען אופן.

אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען און אין אָנפאַנג פון ניקאָלאַי דעם צווייטען, האָט דער ציוניזם אין רוסלאַנד פונקציאָנירט אונטער'ן נאָמען „חיבת ציון", וועלכע איז נאַטירליך געווען בלויז אַ פאַרבערייטונג צו הערצל'ס פּאָליטישען ציוניזם. אַפילו די „חיבת ציון" באַוועגונג איז אין רוסלאַנד געווען פאַרבונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען. די מינדסטע זאַך לטובת ציון האָט געמוזט געמאַכט ווערען דורך שתדלנות ביי דער רוסישער רעגירונג. די ערלויבעניש פון דער צאַרישער רעגירונג צו שאַפען אַ „חובבי ציון" קאָמיטעט אין אָדעס, צו שטיצען דעם אָנפאַנג פון קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, איז געגעבען געוואָרען, אַ דאַנק דער גרויסער בעמיהונג פון צעדערבוים, דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ".

דר. לעאָן פינסקער האָט אין רוסלאַנד געלייגט דעם פונדאַמענט פון ציוניזם מיט זיין באַריהמטער בראָשורע „אוטאָ־עמאַנסיפּאַציאָן". מורא האָבענדיג אָבער, אַז די רוסישע רעגירונג וועט זיין פיינדליך צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, און וועט זיכער שטערען אין אַלע אונטערנעמונגען, האָט דר. פינסקער ביי זיך באַשלאָסען צו צאַמען ווי מעגליך זיינע אייגענע טעטיגקייטען. שפּעטער האָט ער צוליב דער זעלבער אורזאַכע געוואָלט רעזיגנירען פון זיין אַמט אַלס פיהרער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פון רוסלאַנד. עס זיינען באַלד אויך פאָרגעקומען רייסערייען צווישען די פיהרער פון די רוסישע ציוניסטען וועגען די מעטאָדען און פּלענער פון ציוניזם.

אין יאָהר 1889 איז אשר גינצבורג, אונטער דעם פּסעוודאָנים „אחד העם" ארויס מיט זיין שאַרפען קריטישען אַרטיקעל אין „המליץ" אונטער'ן נאָמען „לא זו הדרך", „ניט דאָס איז די ריכטיגע וועג". דיזער אַרטיקעל מיט זיין אָריענטאַציע מעהרסטענס אויף אַ גייסטיגען ציוניזם, איז געפאַלען, ווי אַ באָמבע אין דעם לאַגער פון די „חובבי ציון". אין אַלגעמיין אָבער, זיינען די האָפענונגען צווישען די „חובבי ציון" אין רוסלאַנד אויף דעם ערפאָלג פון קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל גראָד געווען זעהר צופרידענשטעלענד.

דער ציוניזם אין רוסלאַנד האָט זיך דאָן באַוועגט אין אַ שמאָלען קרייז פון דער שטודירענדער אינטעליגענציע. אָבער צו מאַכען פון איהם אַ וועלט

באוועגונג צווישען אַלע קלאַסען אידען פון אַלע לענדער, האָט זיך געפאָדערט א גרויסער פּאָליטישער פיהרער, א וויכטיגער שטאַטסמאַן.

דערצו, זיינען די אידען פון ענגלאנד, דייטשלאַנד און פראנקרייך נאָך אַלץ געשטאַנען פון דערווייטענס, גלויבענדיג בעסער אין דער מעגליכקייט פון קאָסמאָפּאָליטאַניזם, אַלגעמיינער ברידערליכקייט און אַסימילירונג פון אַלע מענשען אין דער וועלט, איידער אין ציוניזם. פשוט גערעדט, דער אַנטיסע־מיטיזם, ניט זייענדיג דאַן אַזוי אַגרעסיוו, ווי היינט צו טאָג, האָט נאָך ניט באוויזען אויפצואוועקען פון זייער זיסען אַסימילאַטאָרישען שלאָף די אידען פון די מערב לענדער. און אַז די גרויסע אידישע פילאַנטראָפּען פון דיזע לענדער האָבען שוין יאָ בעשלאָסען צו שטיצען זייערע אומגליקליכע ברידער אין רוס־לאַנד, איז עס ביי זיי געווען אַן אויסדרוק בלויז פון א ריין פילאַנטראָפּישען געפיהל, איידער חלילה דער ווילען צו העלפען פאַרווירקליכען די ציוניסטישע אידעע פון אויפלעבען דעם אידישען פאָלק אויף זיין אייגען לאַנד. באַראָן הירש, צום ביישפּיל, האָט געגעבען פילע מיליאָנען צו העלפען די רוסישע אידען, גראד צו קאָלאָניזירען זיי אין דער ווייטער אַרגענטינע, ווייל ער האָט ניט געגלויבט אין דעם ישוב פון ארץ ישראל. באַראָן ראָטשילד און משה מאָנטעפיאָרע האָבען שוין יאָ געהאָלפען די פּאַלעסטינער קאָלאָניעס, אָבער אויך זייער פינאַנציעלע שטיצע איז ניט געגאַנגען ווייטער ווי ריינע פילאַנטראָפּיע, ווייל אויך זיי האָ־בען זעהר וועניג געגלויבט אין דער מעגליכקייט צוריק אויפצולעבען אונזער פאָלק אין דעם הייליגען לאַנד פון זיינע אבות. די גאַנצע ציוניסטישע אידעע פון קאָלאָניזירען ארץ ישראל איז ביי זיי געווען פאַררעכענט בלויז ווי א צדקה זאַך.

אָבער די קעמפער פון די „חובבי ציון” האָבען די ארץ ישראל קאָלאָניזאַ־ציע געוואָלט מאַכען פאַר א נאַציאָנאַלער באוועגונג, וועלכע זאָל פאַראינטע־רעסירען דעם גאַנצען אידישען פאָלק. מעהר ניט, וואָס עס האָט זיי געפעלט דער ריכטיגער מאַן, וועלכער זאָל באַזיצען די אָרגאַניזאַטאָרישע קראַפט, וואָס פאָדערט זיך פאַר אַזאַ נאַציאָנאַלער וועלט באוועגונג. ענדליך איז ערשינען אַזאַ מאַן אין מערב אייראָפּע, אין דער גראַנדיעזער פערזאָן פון טהעאָדאָר הערצל.

ווי א גרויסער מאָרגענשטערן אויף דעם האָריזאָנט פון ציוניזם, האָט ער זיך באוויזען אין דער ריכטיגער צייט, צו קאָנען שפּעטער אויפטאָן קאָלאָסאַלע אויפטוהונגען פאַר דער שיבת ציון באוועגונג. אמת, דאָס רוסישע אידענטום האָט באַזעסען גרויסע פיהרער מיט הויכער בילדונג, ווי: דר. לעאָן פּינסקער, פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם, מנחם מענדל אוסישקין, דר. יחיאל טשלענאָוו און פילע אַנדערע. אָבער קיינער פון זיי וואָלט פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט שטעהן

אויף דער הויכער מדרגה פון א פאָלקס פיהרער, שוין צוליב דעם פאקט אליין, וואָס זייער לאַגע אין רוסלאַנד איז געווען אַ באַגרעניצטע און זייער איינפלוס אין אויסלאַנד — אַן אומבאַדייטענדע. צום גליק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז די פיהרערשאַפט דעריבער אַנגעקומען צו אַזאַ פּערזאָן, ווי דר. הערצל, וועלכע איז געווען אי אַ מערב איד, אי אַ גרויסע פּערזענליכקייט אין אַלגעמיין.

דר. הערצל האָט באַזעסען אַ מאַיעסטעטישען אויסזעהן, אַ הויכע אינטעליגענץ מיט פיל פאַרצווייגטער בילדונג, און אויסערגעוועהנליכע געניאַלע פעהיגקייטען פאַר אָרגאַניזאַציע. איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס ער איז גלייך אַנערקענט געוואָרען פון אַלע אידען אין דער וועלט, אַלס דער גרויסער ציון פיהרער. ער איז בעטראַכט געוואָרען פון אַלעמען, ווי ממש גאָט'ס שליח אויף דער וועג פון שיבת ציון. הגם עס מוז צוגעגעבען ווערען, אַז אַזוינע פּערזענליכקייטען ווי רבי צבי קאַלישער, משה העס, רבי שמואל מאָהילעווער, פּרץ סמאָלענסקין און לעאָן פינסקער האָבען צוערשט געמאַכט די נויטיגע פאַרבערייטונגען, כדי דער גרעסטער פאָלקס פיהרער פון אונזער צייט, דר. הערצל, זאָל קענען ערשיינען אין דעם ריכטיגען מאָמענט און נעמען דעם רודער אין זיינע הענט.

געקומען איז דער פיהרער צו אונזער פאָלק ניט ווי איינער פון אונז, נאָר גראָדע ווי אַ זייטיגער, וועלכער איז געווען ווייט פון אונזער וועלט. ער האָט זיין יונגען לעבען פאַרבראַכט ניט צווישען אידען, ער איז אויפגעוואַקסען אין אַן אַנטי־אידישער אַטמאָספערע. זייענדיג איינער פון די בעסטע מיטאַרבייטער אין דער „נייע פרייע פּרעסע", איז ער אימער צו געווען אין דער געזעלשאַפט פון קריסטען. ער איז ביי זיי געוואָרען בעריהמט פאַר זיין ליטעראַרישען סטיל פון שרייבען, פאַר זיין עסטעטישער האַלטונג, אַריסטאָקראַטישע מאַניערען און פאַר דער הויכער אייראָפּייאישער קולטור, וועלכע ער האָט באַזעסען. ער האָט שטענדיג אַרויסגערופען גרויס אַכטונג ביי זיינע מיטאַרבייטער און געוואונען זייער דערנעהנטערונג. דאָס האָט גורם געווען, אַז ער זאָל ניט דאַרפען האָבען די געלעגענהייט צו קומען אין נאָהענטע באַציהונגען מיט זיינע אייגענע ברידער.

אַ מערקווירדיגער צופאַל האָט אָבער שפּעטער געפיהרט דערצו, אַז הערצל זאָל ווערען בעקאַנט מיט דער טרויעריגער לאַגע פון די אידען אין דער וועלט, און אַז ער זאָל זיך דערנעהנטערען צו זיינע פאַרפאָלגטע ברידער. דאָס איז געווען דער דרייפוס פּראָצעס, וועלכער האָט אויפגעטרייסעלט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. דאָס פאַראורטיילען פון אַן אומשולדיגען מענשען בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אַ איד, האָט הערצל'ס אידעלע נשמה שטאַרק געריהרט. ער האָט גענומען פאָרשען די אידישע לאַגע אין אַלע לענדער, און ער האָט גלייך איינגע־

זעהן, ווי פאַרהאַסט דער איד איז איבעראַל, אָהן קיין שום אורזאַכע, ווי בערויבט ער איז פון אַלע מענשליכע רעכט אין געוויסע מזרח לענדער, און ווי ער ווערט בעטראַכט אפילו אין די קולטורעלע ספערען אַלס אַ נידעריגערע באַשעפעניש.
אָט די העסליכע באַציהונג פון דער קריסטליכער וועלט בנוגע צו אידען האָט ביי דר. הערצל'ען אַרויסגערופען אַ גרויסען צווייפעל אין דער קריסטליכער מאָראַל, און גלייכצייטיג ביי איהם ערוועקט אַ גרויסען מיטלייד־געפיהל פאַר זיינע ברידער. ער האָט אָנגעפאַנגען צו טראַכטען וועגען אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו לייזען דעם שווערען פּראָבלעם פון די אידען, און דערלייכטערען זייערע ליידען און פיינינגונגען. דער רעזולטאַט פון דיזען אַרט דענקען איז געווען „דאָס יודענשטאַט". אין דיזער שריפט האָט ער בעטראַכט די אידען־פראַגע פון אַ פּראַקטישען שטאַנדפּונקט. ווי אַן ערפאַרענער פּאָליטיקער האָט ער פאַרשטאַנען, אַז געקינסטעלטע מיטלען וועלען די אידישע שווערע פּראָבלעמען לייכט ניט לייזען.
צו העלפען די אידען דורך קאָלאָניזירען זיי אין יענע לענדער וואו זיי וואוינען, האָט ער בעגריפען, אַז עס וועט אַרויסרופען גרויס שנאה מחמת דער קאָנקורענץ פון זייערע קריסטליכע שכנ'ישע ערד אַרבייטער. צו וועלען ווידער לייזען די אידען פראַגע דורך אַסימילאַציע איז, לויט זיין מיינונג, געווען אַ גרויסער דורכפאַל, ווייל קיינער קאָן ניט פון זיך זעלבסט ענטלויפען, אַ חוץ דעם וואָס די מאַיאָריטעט פון דעם אידישען פאָלק איז געשטימט טראַדיציאָנעל, און גלויבט גראָד אין נאַציאָנאַלען ווידערגעבורט. אויסער דעם, האָט דאָך דער אידישער נאַציאָנאַליזם זינט דעם חורבן בית המקדש איבערציינגט דער וועלט, אַז אונזער פאָלק קאָן זיך ניט אַסימילירען, און וויל זיכער ניט אונטערגעהן פון דער וועלט.
דער וואַנדער־מאַרש פון דעם אידישען פאָלק דורך זיין צוויי־טויזענד יעהריגען גלות, אויסשטעהענדיג אַלערליי יסורים און ענויים, אַוטאָ־דאַ־פעס, אינקוויזיציעס און עלילות־דם בלבולים, האָט אַלעמען בעוויזען דעם שטאַרקען ווילען פון די אידען זיך קיינמאָל ניט אונטערגעבען, און שטרעבען ווידער צו ווערען אַ פאָלק מיט פעלקער צו גלייך. איז דר. הערצל דעריבער געקומען צום בעשטימטען באַשלוס, אַז אָבוואָהל מיר האָבען טאַקע פערלאָרען דורך אונזער לאַנגען גלות־לעבען פילע געזונטע יסודות פון אַ נאָרמאַלען פאָלק, פונדעסטוועגען איז דער וואָרצעל פון דעם אידישען פאָלק נאָך אַלץ פונדאַמענטאַל שטאַרק און מעכטיג, אום דיזער געזונטער שורש זאָל ניט נאָר קאָנען אויפהאַלטען דעם אידישען בוים אויף אייביג, נאָר אויך זיין אימשטאַנד צו ווערען אין אַ קורצער צייט שטאַרק פרוכטבאַר. די פראַגע איז אָבער גלייך ענטשטאַנען פאַר הערצל'ען, וואָס זאָל זיין דער ריכטיגער ענטפער אויף דיזען פּראָבלעם, און נאָכדעם, ווי ער האָט טיף אַריינגעדרונגען אין דיזען ענין, איז ער געקומען צום געדאַנק פון אַ „אידענשטאַט" אין ארץ ישראל. דער געדאַנק איז ביי איהם געווען ניט אַ פוסטע פאַנטאַזיע, נאָר ממש אַ ווייט־זעהענדע נבואה, וועלכע ער האָט פאַראיי־

בינט אין זיין „יודענשטאַט”, און וועלכע ערשט פערציג יאָהר שפּעטער פאַנגט אָן פערווירקליכט צו ווערען.

אזוי שנעל ווי ער האָט זיין „יודענשטאַט” פאַרעפענטליכט, זיינען איהם צו הילף געקומען די העברעאישע און אידישע צייטונגען איבעראל. זיי האָבען גלייך בעקאַנט געמאַכט די אידישע וועלט וועגען זיין געניאַלען פּלאַן, און דאָס האָט אָנגעפילט די אידישע הערצער פון גאָר אַ גרויסען טייל פון די רוסיש־אידישע מאַסען מיט נייער האָפענונג, מוטה און טרייסט. דר. הערצל איז גלייך געוואָרען בעוואוסט איבער דער גאַנצער וועלט. טויזענטער מענשען זיינען געוואָרען צוגעבונדען צו איהם מיט'ן טיפסטען און שטאַרקסטען גלויבען. פילע ווי־טיגע און פּראָמינענטע פערזאָנען האָבען איהם באַלד אנערקענט אַלס פיהרער פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק.

דאַן האָט ער באַשלאָסען צו שאַפען אַן עפענטליכע טריבונע וועגען דעם פּאָליטישען ציוניזם. ער האָט צוזאַמענגערופען אין באַזעל אַ קאָנגרעס פון דע־לעגאַטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען פאַרשיידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער. דאָס איז געווען זיין ערשטער שריט אויף דער וועג צו רע־אַליזירען זיין טרוים. אַזוי לאַנג ווי דער ציוניזם איז געווען בלויז אַ טעאָריע, האָבען זיינע געגנער קיין גרויסען ווערט נישט געלעגט אויף דעם. אַזוי שנעל אָבער ווי זיי האָבען דערזעהן, אַז ער פאַנגט אָן צו טאָן ממשות'דיגע אַרבייט, האָבען זיי דאַן גלייך אויפגעהויבען זייער פּראָטעסט שטימע און באַלד אָנגע־נומען אַלערליי מיטלען צו שטערען די פאַרווירקליכונג פון זיין אידעאַל. צו ערשט האָבען ארויסגעוויזען אַ שטאַרקע און אָפענע אָפּאָזיציע די אידישע אַסי־מילאַטאָרען. זיי האָבען דערשמעקט אין דעם ציוניסטישען קאָנגרעס אַ גרויסע געפאַר פאַר זייערע אינטערעסען, וועלכע וועט ממש אונטערגראָבען דעם גאַנ־צען פונדאַמענט פון זייער אידעאָלאָגיע. דערנאָך האָט דער גאָר פרומער עלע־מענט אָנגעפאַנגען צו קעמפען געגען הערצל'ען, צוליב דעם וואָס, לויט זייער מיינונג, ווידערשפּרעכט דער געדאַנק פון פּאָליטישען ציוניזם דער טראַדיציאָנע־לער משיח אידעע.

שפּעטער זיינען די רעפאָרמער אויך צוגעשטאַנען צו דער אָפּאָזיציע. לויט זייער מיינונג, איז די ציון באַוועגונג געגען דער אידישער מיסיע אין דער וועלט, צו פאַרשפּרייטען צווישען אַלע פעלקער די גרויסע אידעאַלען פון דער תורה און די נביאים וועגען אמת, יושר, און גערעכטיגקייט. דער ציוניזם איז דערי־בער דאַן פאַררעכענט געוואָרען אין פילע שיכטען פון אידישען פאָלק אַלס זעהר אַ שעדליכע באַוועגונג. אייניגע אָנגעזעהענע אידישע פערזענליכקייטען זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט ווי אַוועקצושטעלען דעם ציוניזם אין דער זעלבער ליכט מיט'ן אַנטיסעמיטיזם.

עמיל הירש פון שיקאגא האָט באשולדיגט דר. הערצל'ען און מאַקס נאָר־דאו'ן, אַז זיי מאַכען געלט פון זייער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אַ האַגעל מיט זלזולים האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויפ'ן ציוניזם. פון אַלע זייטען האָט מען געדונערט אויף די ציוניסטען. אחד העם איז ווידער ארויסגעקומען מיט אַ שאַר־פען אַרטיקעל, דאָס מאָל אין דעם „השלוח", אטאַקירענדיג ביטער דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס. זיין טענה איז געווען, אַז דער ציוניזם פאַרפיהרט דעם אידישען פאָלק מיט פאַלשע האָפענונגען, און אַז די אידישע גאולה וועט קומען ניט דורך דיפּלאָמאַטען, נאָר דוקא דורך נביאים.

אָט די אַלע פּראָטעסטען האָבען געפיהרט דערצו, אַז דער ערשטער קאָנגרעס זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען ניט אין מינכען, ווי עס איז צו ערשט געפּלאַנט געוואָ־רען, נאָר אין באַזעל, אין דער שווייץ.

אין אויגוסט 1897 האָט זיך דער קאָנגרעס געעפענט. דאָס איז געווען אַ גרויסער מאָראַלישער נצחון פאַר די ציוניסטען. דאָס ערשטע מאָל אין דער אי־דישער היסטאָריע פון דעם נייַנצעהן הונדערט־יעהריגען גלות, זיינען זיך צוזאַ־מענגעקומען פאַרטרעטער פון דעם אידישען פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט צו פערהאַנדלען וועגען שיבת ציון. דאָס איז אויך געווען דאָס ערשטע מאָל פאַר דיזען לאַנגען פעריאָד, וואָס אידען האָבען אָפען און הויך פּראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער וועלט זייער רעכט צו לעבען אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציאָן, און איינצוארדענען זייער אייגענארטיגען לעבען אין זייער פאָטער לאַנד, ווי זיי אַליין געפעלט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגענומען אויף דעם ערש־טען קאָנגרעס דעם באַשלוס צו גרינדען אין ארץ ישראל אַ געזיכערטע נאַציאָנאַ־לע היים פאַר'ן אידישען פאָלק. די ציוניסטען זיינען דאַן אַנערקענט געוואָרען ביי פילע מענשען און פעלקער אַלס די אמת'ע פאַרטרעטער פון זייער פאָלק. זיי האָבען געגרינדעט אין לאָנדאָן אַ אידישע קאָלאָניאַל באַנק מיט אַ קאַפּיטאַל פון 50 מיליאָן פראַנק, מיט'ן צוועק צו קויפען אין ארץ ישראל לאַנד, וואָס זאָל גע־הערען צום גאַנצען פאָלק. אַקציעס פון דיזער באַנק זיינען אין אַ קורצער צייט פאַרקויפט געוואָרען צו אידען איבער דער גאַנצער וועלט. אַן אַקציאָנס קאָמי־טעט איז אויסדערוועהלט געוואָרען, כדי אָנצופיהרען אַלע ענינים וועלכע זיינען נוגע צום ציוניזם.

גלייך נאָך דעם ערשטען קאָנגרעס, האָט דר. הערצל אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כוחות צו קריגען פון דעם טערקישען סולטאַן אבדול־חאַמיד אַ „טשאַר־טער", אַ שריפטליכען דאָקומענט, וועלכער זאָל ערלויבען די אידען צו קאָלאָניזי־רען ארץ ישראל אויף אַ געזעצליכען אופן. אָבער דער סולטאַן האָט אַזאַ „טשאַר־טער" ניט געוואָלט געבען אָהן דער צושטימונג פון די הויפּט מעכטע פון איירא־פּאַ. איבערהויפּט איז דערצו נויטיג געווען די הסכמה פון דייטשלאַנד, וועלכע

איז דאַן געווען בעפריינדעט מיט טערקיי. צו דעם זיינען זעהר נויטיג געווען אידישע שתדלנים אין בערלין און אין לאָנדאָן צו קאָנען בעאיינפלוסען די דאָרטיגע רעגירונגען. האָט דר. הערצל אויך די שווערע אויפגאַבע אויסגעפיהרט אויף אַ גלענצענדען אופן.

אין יאָהר 1898, איז דער לעצטער קייזער פון דייטשלאַנד, ווילהעלם דער צווייטער געווען אויף אַ באַזוך אין ארץ ישראל. הערצל איז דאַן זעהר וואַרעם אויפגענומען געוואָרען פון דעם קייזער. אין די יאָהרען 1901-1902 האָט דר. הערצל צוויי מאָל געהאַט אַן אוידיענץ מיט דעם סולטאַן. אין יאָהר 1903 האָט ער בעזוכט רוסלאַנד, וואו ער האָט פערהאַנדעלט מיט דעם אינערן מיניסטער פון דעם רוסישען צאַר, און אין דעם יאָהר 1904 האָט ער צוליב דעם זעלבען צוועק אָפּגעשטאַטעט אַ וויזיט ביי דעם איטאַליענישען קעניג, וויקטאָר עמנואל. נאָך זיין ערשטער אוידיענץ ביים סולטאַן איז ער געווען פול מיט האָפענונג, דאָס ער וועט דעם „טשאַרטער” ענדליך קריגען, אויב ער וועט נאָר קריגען די נויטיגע סומע געלד דערפאַר. ער איז דאַן געפאָרען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט ערקלערט די גרויסע אידישע פילאַנטראָפּיסטען, אַז עס מוז גלייך געשאַפען ווערען אַ הלואה פון זיבען און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר פאַר דעם סולטאַן. אָבער די אידישע גבירים האָבען זיך פון זיין פּלאַן אָפּגעטריי־סעלט. גלייכצייטיג איז פאַר הערצל'ען קלאָר געוואָרען, אַז דער כיטרער סול־טאַן איז ניט גאָר ערנסט מיט זיינע הבטחות. דעריבער האָט זיין פּלאַן וועגען באַ־קומען גלייך געזיכערטע רעכט אויף צו קאָלאָניזירען ארץ ישראל, געמוזט אָפּגע־לייגט ווערען אויף אַ מעהר גינסטיגער צייט.

דערווייל אָבער איז די לאַגע אין רוסלאַנד געוואָרען אומערטרעגליך. די פּאָגראָמען אויף אידען האָבען געפאָדערט אַ ווינקעלע פון רעטונג. די אידישע נאַציאָנאַלע פראַגע איז געוואָרען נאָך שאַרפער, ווי ווען עס איז געווען. עס האָט זיך געפאָדערט אַן ענדערונג אין דער באַזעלער פּראָגראַם, כאָטש צייטווייליג. אמת, ארץ ישראל מוז טאַקע פאַרבלייבען דער ענדע ציל פון דער אידישער האָ־פענונג, אָבער וואָס זאָל געטאָן ווערען פאַר די גע'רודפ'טע אידען תיכף ומיד?

הערצל האָט געפיהלט, אַז די אידען וועלען ניט זיין בכוח צו קאָנען אויס־האַלטען אַ לענגערע צייט אונטער די שווערע סאָציאַלע און פּאָליטישע אומ־שטענדען, אין וועלכע זיי געפינען זיך. האָט ער דאַן אָנגענומען ענגלאַנד'ס פּאָר־שלאַג וועגען אוגאַנדאַ, אַז די אידען זאָלען אַהין פאָרען און עס קאָלאָניזירען. זיין מיינונג איז געווען, אַז די אידען דאַרפען צו ערשט געפינען אַ צייטווייליגען רוה־פּלאַץ, אַ „נאַכט־אזיל”, וואָס זאָל דינען אַלס אַ געזיכערטע באַזע, פון וועלכער זיי זאָלען קאָנען שפּעטער זיך אָפּגעבען מיט'ן אויפבוי פון ארץ ישראל.

דר. הערצל'ס נייע אָריענטאַציע אויפ'ן צייטווייליגען טעריטאָריאַליזם

האָט אַרויסגערופען אַ געפערליכען שטורם פון פּראָטעסט צווישען די „ציוני ציון", די נאַציאָנאַלע ציוניסטען. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז אַן אַנדער טעריטאָריע אויסער ארץ ישראל איז פעררעט צו דער הייליגער אידעע פון שיבת ציון. זיי האָבען געפאָדערט בעסער אָנצוגעהן לאַנגזאַם מיט דער פּאַלעסטינער קאָלאָני־זאַציע, איידער בויען אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר אידען, זאָל זיין אפילו אַ ציטווייליגע, אין אַן אַנדער לאַנד. דר. הערצל'ס אוגאַנדאַ פּלאַן האָט אַלזאָ געבראַכט אַ קריזיס אין ציוניזם. די רוסישע ציוניסטען האָבען געשיקט אַ דעלעגאַציע צו הערצל'ען מיט אַן אולטימאַטום, פאַרלאַנגענדיג פון איהם, אַז ער זאָל גאָר־ניט טאָן וועגען דעם אוגאַנדאַ פּלאַן, ביז דער זיבעטער קאָנגרעס וועט אָפּגעהאַל־טען ווערען, און אַז דאָס געזאַמעלטע געלט פאַר ציון זאָל אויסשליסליך פאַר־ברויכט ווערען נאָר אין ארץ ישראל.

די אויסערגעוועהנליך שווערע אָנגעשטרענגטע ארבייט פאַר ארץ ישראל פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט די שטורעמדיגע אַטאַקעס, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטעהן מצד זיינע געגנער די ציוניסטען, האָבען געהאַט זעהר אַ שלעכטע ווירקונג אויף הערצל'ס געזונט. ער איז אין גאַנצען צוזאַמענ־געבראָכען געוואָרען, און דעם דריטען יולי 1904, איז דער גרויסער ציון פיהרער געשטאָרבען, ניט דערלעבענדיג צו זעהן אפילו קיין איין פונק פון האָפענונג פאַר זיין גרויסען חלום, פאַר וועלכען ער האָט אַזוי טייער בעצאָלט.

אויף דר. הערצל'ען קאָן מען זאָגען דאָס זעלבע, וואָס סער וואָלטער סקאָט האָט געזאָגט אויף לאָרד בייראָן: „דער שטערן וואָס האָט בעלויכטען די ערד, איז פּלוצלונג אויסגעלאָשען געוואָרען". הערצל איז געוועזען ווי אַ פינקלענדער מעטעאָר, וועלכער האָט זיך פּלוצלונג באַוויזען אויף דעם אידישען האָריזאָנט, און פונקט אַזוי שנעל פערשוואונדען.

אין וואָס די שטאַרקע קראַפט פון דיזען גרויסען מאַן איז אייגענטליך בעשטאַנען, וועט בלייבען אַ סוד אויף אייביג. אומזיסט וועט מען אין שפּעטערדיגע דורות זיך מיהען צו אַנאַליזירען זיינע איינצעלנע מעלות און כאַראַק־טעריסטישע אייגענשאַפטען, אום דורך זיי צו ערקלערען די מאַגנעטישע צוציהונגס־קראַפט פון מענשען, וואָס דיזער ציון העלד האָט אין זיך באַזעסען, צו קאָנען אויסאיבען אַזאַ גרויסע השפעה אויף זיין סביבה און צייט. הערצל'ס מענשליכע גבורה איז מעגליך באַשטאַנען אין דער קאָמבינאַציע פון זיינע אַלע זעלטענע אייגענשאַפטען צוזאַמענגענומען, וועלכע האָבען פאָרמירט אַן אייגענ־אַרטיגע האַרמאָניש געשטאַלט. זיין הויפּט כוח, דוכט מיר, איז אפשר בע־שטאַנען אין דעם, וואָס מענשען האָבען געהאַט אין איהם אַ שטאַרקען, מען קאָן ממש זאָגען, אַ מין משיח גלויבען, און געפיהלט אַ באַזונדערע צוגעבונדענקייט צו זיין מאַיעסטעטיש אָנציהענדער פערזענליכקייט.

לאָמיר עס ערקלערען אַ ביסעל איינפאַכער. דער קוילען שטאָף איז צואַ־וואָרפען אין דער נאַטור אין פאַרשיידענע פאָרמען. דורך כוחות, וועלכע זיינען נאָך פאַר אונז אַ רעטעניש, קאָנצענטרירט זיך אָפטמאָל דער קוילען שטאָף טיף פאַרבאָרגען אין דער ערד. ער ווערט פאַרהאַרטעוועט, און קריסטאַליזירט זיך ענדליך אויס אין אַ פּרעכטיגען דימענט. מיט אַזאַ דימענט, וואָס טראָגט דעם נאָמען טהעאָדאָר הערצל, האָט אונז דער ליבער באַשעפער בעשאָנקען אין דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט. פונקען פון גבורה און העלדענטום זיינען צע־שפּרייט איבער דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע. דורך אַן אוממערקבאַרען פּראָצעס קאָנצענטרירען זיך אַמאָל די צעשפּרייטע פונקען אין איין פונקט, און דיזער צענטראַליזירטער פונק פון העלדישקייט ווערט אַ ברען פונקט פאַר אַ גאַנצער סביבה, פאַר אַ גאַנצער תקופה. דר. הערצל האָט מיט זיין פּערזאָן פאַר־געשטעלט אַזאַ ברען פונקט. ער איז געווען איינער פון די גליקליכסטע, אויס־דערוועהלטע פיהרער, בעזיצענדיג אַלע מעלות פון אַן „אדם המעלה", כדי זוכה צו זיין אַז די שכינה זאָל אויף איהם רוהען. וואו ער פלעגט נאָר ערשיינען, האָט ער שטענדיג געשאַפען אַ יום־טוב'דיגע שטימונג מיט זיין טיפען גייסט און רוהיגער געמיטליכקייט, וועלכע האָבען איהם אימער צו בעגלייט.

הערצל איז געווען אַ פּראָדוקט פון דעם אידישען פאָלקס ווילען, דעריבער איז איהם געלונגען צו שאַפען זיין געניאַלען פּלאַן פון אַ „יודענשטאַאט", אין וועלכען דער אמת'ער אידישער פאָלקס ווילען האָט געפונען זיין העכסטען אויס־דרוק.

ער האָט געשאַפען די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע, און דורך דעם ציוניסטי־שען קאָנגרעס, וועלכען ער האָט אָרגאַניזירט, האָט ער דעם אידישען פאָלקס ווילען אָנגעטאָן אַ נאַציאָנאַלען לבוש, פול מיט בטחון און אונטערנעמונגס־גייסט.

ליידער, איז דער גרויסער נאַציאָנאַלער העלד אַוועקגעריסען געוואָרען פון אונז פאַר דער צייט. אָבער, ווי אַלע גרויסע פאָלקס העלדען, איז ער בלויז פיזיש געשטאָרבען. זיין גייסט אָבער לעבט ווייטער און זעצט פאָר זיין ווירקונג דורך זיין געהויבענעם אידעאַל און וואונדערבאַרע אידעען. זיין גייסטיגע ווערק — די ציוניסטישע וועלט אָרגאַניזאַציע, איז מעכטיג, לעבעדיג און שאַפענד. עס ווייברירט מיט'ן פולען ברען פון ענטוזיאַזם, באַגייסטערונג, און העלדישקייט מצד די חלוצים און אַלע אַנדערע בויער פון לאַנד, און קיין שטורעם אין דער וועלט קאָן זיי ניט צוריקהאַלטען, צו פאַרווירקליכען די נאַציאָנאַלע האָפענונגען און שטרעבונגען פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק, וואָס זיינען אַמבעסטען אויסגעדריקט געוואָרען אין דר. הערצל'ס אומשטערבליכער ווערק „דאָס יו־דענשטאַאט".

אַ ביאָגראַפיע פון הענריעטאַ סזאָלד

מיר טרעפען אָפט גרויסע פערזענליכקייטען, וועמעס הויכע אידעאַלען ווער־דען פיל בעסער אויסגעדריקט דורך זייערע אויפפיהרונגען און טהעטיגקייטען, איידער וועלכער עס איז שרייבער אָדער פּאָעט וואָלט וועגען זיי געשריבען, אָדער זיי באַזונגען. אין אונזער צייט זיינען ניטאָ פילע אַזעלכע פערזענליכ־קייטען. אָבער די איינציגע אויסדערוועהלטע, וועלכע געפינען זיך שוין יאָ אין אונזער גייסט־אָרימער וועלטעל, דינען ווי אַ הערליכער ליכט־טורעם פאַר דער מענשהייט, צו פאַרשפּרייטען ליכט אין דער מיסטעריעזער פינסטערניש, וואָס האָט אונז אַרומגענומען. זיי גיבען אונז מוט, גלויבען און כוח אָנצוגעהן מיט דעם קאַמף פון בויען אַ שעהנערען און רייכערען לעבען פאַר דער ווייטער צו־קונפט.

אַט די ווערטער קאָנען מיט שטאָלץ געזאָגט ווערען אויף איינער פון די אידישע פרויען, וועמעס פאַרדינסטען פאַר אונזער נאַציאָנאַלער אַרבייט אין ארץ ישראל, באַרעכטיגען איהר צום העכסטען קרעדיט פון אָפּשאַצונג און אָנער־קענונג. דאָס איז ניט קיין אַנדערע ווי הענריעטאַ סזאָלד. זי איז די גרינדערין פון הדסה, און די מוטער פון דער „יוגענד עליה". איהר נאָמען וועט אין דער אידישער היסטאָריע זיכער פאַרצייכענט ווערען מיט גאָלדענע בוכשטאַבען.

הדסה וועט אינגיכען פייערען הענריעטאַ סזאָלד'ס 80־טען געבורטס טאָג, זאָל איהר גאָט שענקען נאָך פילע פילע יאָהרען, צו קאָנען פיהרען די הדסה באַוועגונג. איהר גרויסע אַרבייט און ווייטע דערגרייכונגען פאַר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, איז ממש ניט אָפּצומעסטען און אָפּצושאַצען. זי איז די אַנערקענטע פיהרערין פון דער פרויען באַוועגונג אין ציוניזם.

הענריעטאַ סזאָלד איז געבוירען געוואָרען דעם 21־טען דעצעמבער 1860, אין באַלטימאָר, מערילאַנד. איהר פאָטער, בנימין סזאָלד, איז געוועזען אַ רב און אַ גרויסער תלמיד חכם. זיין פערזענליכקייט האָט פאַרקערפּערט אין זיך גרויסע מעלות פון אַ באַגאַבטען מענשען. ער איז אימער געוועזען נאָבעל אין זיין באַציהונג צו מענשען, אימער געלאַסען און רוהיג אין זיין האַלטונג. דערצו איז ער אויך געוועזען אַ ענטוזיאַסטישער ליבהאָבער פון גערעכטיגקייט, פריי־הייט און מענשליכקייט. אַט די אַלע מעלות, ווי אויך זיין טיפע אידישע גע־לערנטקייט און מאָדערנע קולטור, וואָס ער האָט אין זיך פאַרמאָגט, האָט ער

איבערגעפלאַנצט אין האַרצען פון זיין גענױאַלער טאָכטער. אין איהרע קינדער יאָהרען האָט ער איהר געלערנט די העברעאישע שפּראַך, און איהר ערצויגען אין דער אידישער טראַדיציע. דער געבענשטער פאָטער האָט געהאַט פיל נחת פון זיין געהאָרכזאַם ליבליך קינד. איהרע אויסערגעוועהנליכע גרויסע פעהיג־קייטען צום לערנען האָבען זיך אַרויסגעוויזען נאָך אין איהרע קינדער יאָהרען.

אין יענע צייטען, זיינען די געלעגענהייטען פאַר פרויען צו קאָנען ווערען זעלבסטשטענדיג, פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין לעבען, געווען זעהר באַגרע־ניצט צוליב פילע אורזאַכען. אָבער העגריעטאַ סזאָלד האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זי מוז ווערען זעלבסטשטענדיג אונטער אַלע אומשטענדען. זי האָט איהר צוועק דערגרייכט אַלס לעהרערין. צום ערשטען האָט זי געלערענט אין אַריס־טאָקראַטישע פּריוואַטע שוהלעס, וואו זי איז געוואָרען זעהר באַליבט. שפּע־טער אַ ווײַלע האָט זי איהר פאַסטען אין שוהלע אויפגעגעבען, און האָט עס פאַרביטען אויף געזעלשאַפטליכער אַרבייט. איהר האָט זייער שטאַרק גענומען אינטערעסירען דער גורל פון די אָרימע מאַסען, און זי האָט אין זיך דערפיהלט אַ הייליגע מיסיע אין לעבען, זיי צו העלפען.

די סזאָלד היים איז אימער געווען פול מיט געסט, די טיהר איז דאָרט שטענדיג געווען אָפען פאַר דעם פרעמדען. אָבער מיט׳ן אָנקום פון דעם יאָהר 1880 איז אַ גרויסע ענדערונג פאָרגעקומען אין זייער היים, צושטערענדיג אין אַ געוויסער מאָס די געמיטליכקייט פון רוהע, ליבע און לעהרע, וועלכע האָבען דאָרטען שטענדיג געוועלטיגט. דער ביטערער גורל פון די אידען אין צאַרישען רוסלאַנד אין יענעם יאָהר האָט זעהר שטאַרק געווירקט אויף יעדען איינעם אין דער פאַמיליע. דער נישטיגער צאַר, אַלעקסאַנדער דער דריטער, האָט אָרגאַני־זירט צוזאַמען מיט זיינע מיניסטאָרען אַ גאַנצע רייהע פּאָגראָמען אין אוקראַי־נע און אַנדערע טיילען פון רוסלאַנד. צו ערשט האָבען זיי די אידען אַרויסגעטרי־בען פון פילע שטעדט און דערפער, און געשאַפען פאַר זיי באַזונדערע געהעטאָס. נאָכהער האָט מען אויף די געהעטאָס אָנגעשיקט קאָזאַקען, וועלכע האָבען גע־רויבט, געמאָרדעט און געפּלינדערט אידישע האָב און גוטס. פילע אידען זיינען דאַן אומגעקומען, ווי קדושים, און די יעניגע וועלכע זיינען געבליבען לעבען אין זייערע פּאָגראָמירטע היימען, האָבען אין אַ קורצער צייט אַרום גענומען דעם וואַנדערשטאָק אין האַנט, און זיך געלאָזט אין מאַרש אַריין. אַמעריקאַ מיט איהר פריינדליכער באַציהונג צו די אונטערדריקטע און פאַרפאָלגטע מענ־שען, האָט גלייך אויפגעעפענט ברייט איהרע טירען און אַריינגענומען אָט די געפּלאָגטע קינדער פון די רוסישע געהעטאָס.

העגריעטאַ סזאָלד האָט דאַן דערזעהן פאַר זיך אַ נייעם געזעלשאַפטליכען פעלד, דאָס איז: העלפען אָט די אומגליקליכע אימיגראַנטען. זי האָט זיך

אַריינגעוואָרפען מיט לייב און לעבען אין דער נייער הילפ'ס אַרבייט, און זי איז געוואָרען אַ פּיאָנער דערפון. איהר אַרבייט איז באַשטאַנען אין לערנען די נייע אימיגראַנטען די ענגלישע שפּראַך, דערנעהנטערען זיי צום אַמעריקאַנער פאָלק, און זיי בעסער באַקאַנען מיט זייער נייעם לעבען אין אַמעריקאַ.

היינט צו טאָג איז עס גאַנץ נאַטירליך, אַז יעדער אימיגראַנט, וואָס קומט אָן אין אַמעריקאַ, זאָל גלייך אָנפאַנגען צו לערנען די נייע שפּראַך, און שטרעבען גלייך צו ווערען אַן אַמעריקאַנער בירגער. אָבער אין יענער צייט, האָבען די אידישע אימיגראַנטען דערפון גאָר ניט געטראַכט, איז עס דעריבער געווען זעהר אַ שווערע אויפגאַבע פאַר הענריעטאַ סזאָלד צו זיין די וועגווייזערין פאַר די נייע אריבערגעקומענע מאַסען, און לערנען זיי, ווי זיך צוצופּאַסען וואָס שנעלער צו די נייע אומשטענדען פון לאַנד. אַט דעם אידישען שטראָם פון אימיגראַנטען (קרוב צו אַ האַלבען מיליאָן), וואָס איז אַריינגעקומען קיין אַמעריקאַ אין אַ פּעריאָד פון וואָסערע 25 יאָהר, האָט זי האַרציג געדינט. אין אַ קורצער צייט האָט די צאָל דערגרייכט ביז צוויי מיליאָן.

מיט סזאָלד האָט דאָן דערפיהלט, אַז די צייט איז אויך געקומען פאַר דער איינגעפונדעוועטער אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקאַ, אָפּצוגעבען זיך מיט מעהר גייסטיגער אידישער לעהרע. איהר טענה איז געווען, אַז דער „עם הספר", דאָס פאָלק פון בוך דאַרף צוריק זיך אַ קעהר טאָן צום בוך. איז זי דעריבער אין יאָהר 1888 געוואָרען אַ טהעטיגע מיטגלידערין אין דער „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי אָוו אַמעריקאַ", און נאָכהער אין אַ קורצער צייט האָט זי דאָרט פאַרנומען דעם וויכטיגסטען פּאָסטען פון עקזעקוטיוו סעקרעטאַר. דריי און צוואַנציג יאָהר האָט זי געווידמעט דיזער אַרבייט, פאַרשפּרייטענדיג אידישע ליטעראַטור צווישען איהרע ברידער אין אַמעריקאַ.

דער יאָהר 1895 האָט אָנגעפאַנגען אַ נייעם קאַפּיטעל אין הענריעטאַ סזאָלד'ס לעבען. אויף דער באַשולדיגונגס באַנק פון דעם גרעסטען געריכט אין פּאַריז איז געזעסען אַ איד, זיין מונדיר צוריסען, און זיין פּנים צושראָקען. דאָס איז געווען דער אומשולדיגער קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס, וועלכער איז שנעל פאַר'משפט געוואָרען אויף דעם פאַלשען בלבול פון שפּיאָנאַזש פאַר דער דייטשער רעגירונג, און איז טאַקע באַלד פאַרשיקט געוואָרען אויפ'ן טייוועל'ס אינזעל. און דאָס אַלץ האָט פּאַסירט בלויז צוליב דעם, וואָס דרייפוס איז געווען אַ איד.

דער דרייפוס פּראָצעס האָט אויפגעשטורעמט דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. צוויי מעכטיגע שטימען האָבען ספּעציעל אָפּגעקלונגען אין פּאַריז געגען די אַנטיסעמיטישע רעגירונג'ס קרייזען אין פראַנקרייך, אָנקלאָגענדיג זיי אין פעררעט צו דער מענשהייט. איין שטימע איז געווען עמיל זאָלאַ'ס, דעם

גרויסען פראַנצויזישען נאַוועליסט, ביי וועמען יושר און גערעכטיגקייט זיינען געשטאַנען איבער אַלעס. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם כבוד פון דעם פראַנצויזישען פאָלק. די צווייטע שטימע, אַ פיל שוואַכערע, איז געקומען פון דעם אומבעקאַנטען ד״ר טהעאָדאָר הערצל.

הערצל איז געקומען קיין פּאַריז אַלס דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ווי־נער „נייע פריעע פרעסע". דערזעהענדיג די מאַכטלאָזיגקייט פון דעם אידען אין דער גרויזאַמער וועלט, איז זיין אמת־זוכענדע און טיף־פיהלענדע הארץ שטאַרק גערירט געוואָרען. דר. הערצל האָט דאַן אויפגעגעבען זיין גלענצענדע קאַריערע, און איז געוואָרען דער געניאַלער פיהרער פון דעם פּאָליטישען ציוניזם.

ווען דער ציוניזם האָט זיך באַוויזען אויף דער אַרענא פון דעם אַמע־ריקאַנער יודענטום, האָט הענריעטא סאָלד איהם גלייך אויפגענומען מיט אַ וואַרימער הארץ און אַ ברייטען פאַרשטאַנד. איהר פאָטער הרב סאָלד איז דאַן געוואָרען אַ שטאַרקער אָנהייננגער פון דר. הערצל׳ס אידעאַל און פילאָזאָפיע. מיס סאָלד האָט באַגריפען וואָס פאַר אַ ווערדע דער איד האָט אפילו אין אַזאַ ליבעראַלען לאַנד ווי פראַנקרייך, וואו אונטער דער מאַסקע פון גלייכהייט, פרייהייט, און ברידערליכקייט, זשיפּעט נאָך אַלץ די גיפטיגע שלאַנג פון האַס, שנאה, און רציחה פון אַלט פראַנקרייך.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך דאַן אַריינגעריסען אַן אַסימילאַטאָרישער שטראָם אין דעם אידישען לעבען פון אַמעריקא. די אידישע אַסימילאַטאָרען האָט זיך כלומר׳שט געדאַכט, אַז ווען אידען וועלען זיך דערנעהנטערען צו דער קריסטליכער וועלט, וועט ממילא פאַרשווינדען דער באַציל פון אַנטיסעמיטיזם. דאָס האָט זעהר שטאַרק געווירקט אויף הענריעטא סאָלד׳ס רעליגיעז־נאַ־ציאָנאַלער נשמה.

פּונקט ווי דר. הערצל האָט אויפגעגעבען זיין פּערזענליכע קאַריערע, כדי צו קאָנען העלפען זיין פאַרפיהרטען אומגליקליכען פאָלק, האָט אויך מיס סאָלד געטאָן. זי איז גלייך געוואָרען אַ פיהרערין אין דעם אַמעריקאַנער ציוניזם, פאַרנעמענדיג פילע אָנגעזעהענע פּאָסטענס אין דער ציוניסטישער פיהרערשאַפט דאָ אין לאַנד. דאָס אַלץ איז אָבער געווען בלויז אַ צוגרייטונג צו דער גראַנדיעזער אונטערנעמונג, וואָס האָט געשאַפען די „הדסה" באַוועגונג.

נאָך אַ קורצען וויזיט אין ארץ ישראל אין 1909, האָט הענריעטא סאָלד, צוריקקעהרענדיג זיך קיין אַמעריקא, אינספּירירט אַ גרופּע מוטיגע פרויען ביי אַ ספּעציעל גערופענער פערזאַמלונג אין טעמפּעל „עמנואל" פון ניו יאָרק, אַז זיי זאָלען פאָהרען קיין ארץ ישראל היילען טראַכאָמא און מאַלאַריע, וועלכע

זיינען געווען ברייט פאַרשפּרייט אין לאַנד. באַזיצענדיג געניאַלע אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטען, האָט מיס סזאָלד לייכט געוואונען די צושטימונג פון דיזער גרופּע אידישע פרויען, וועלכע ווערען באַטראַכט פאַר דער ערשטער עקספּעדיציע פון באַרימהערציגע שוועסטער קיין ארץ ישראל.

זיי האָבען אָוועקגעלייגט דעם ווינקעל־שטיין אין ארץ ישראל, וואָס האָט מעגליך געמאַכט, אַז אין דריי יאָהר שפּעטער, אין 1912, זאָל מיס סזאָלד קאָנען גרינדען די וואונדערבארע „הדסה״ אָרגאַניזאַציע. הדסה האָט אָנגעפאַנגען צו געבען מעדיצינישע און סאַניטאַרישע הילף צו דער געליטענער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג. די שעדליכע קראַנקהייטען אין לאַנד זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון שלעכטער ערנעהרונג, טראָפּישע פיבערען, ווייניגע סאַניטאַרישע באַקוועמליכקייטען, און פיל פאַרשפּרייטע זומפּען, מיט זייערע גיפטיגע באַצילען.

צו באַקעמפען אָט די אַלע שטערונגען, איז צו ערשט נאַטירליך געווען אַ שווערע פּראָבלעם פאַר הדסה. נאָך עטליכע יאָהר פון אומערשעפּליכער אַרבייט, האָט הענריעטאַ סזאָלד זיך צוריקגעקעהרט קיין אַמעריקא מיט אַ באַשטימטען באַשלוס צו פאַראינטערעסירען וואָס מעהר ברייטערע מאַסען פון אידישע פרויען אין דער נויטווענדיגקייט צו שאַפען אין ארץ ישראל אַ מעדיצינישען צענטער. זי האָט אָנגעווענדעט איהר גרויסען איינפלוס, און אין אַ קורצער צייט איז איהר געלונגען דורכצופיהרען איהר אידעאַל אין לעבען. הדסה איז געוואָרען אַ פיל־פאַרצווייגטע מעכטיגע אָרגאַניזאַציע מיט אַ גרויסער מיטגלידערשאַפט. פון דעם קערענדל, וועלכען זי האָט פאַרזייט מיט יאָהרען צוריק, איז אויסגעוואַקסען אַ וויכטיגע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועמעס רעקאָרד פון גרויסע אויפטוהונגען ווערט באַוואונדערט פון דער גאַנצער וועלט.

מיס סזאָלד האָט דערלעבט אין איהר טיפען עלטער צו זעהן, אַז די פעהיגע ציוניסטישע פרויען, וועמען זי האָט ערצויגען אין גייסט פון הדסה, זאָלען קאָנען פיהרען די הדסה באַוועגונג אַליין אָהן איהר, געבענדיג איהר אַ געלעגענהייט צוריקצוציהען זיך פון אַקטיווער פיהרערשאַפט. זי איז געווען זיכער, אַז זי האָט די הדסה אַרבייט איבערגעלאָזען אין ערנסטע און איבערגעגעבענע הענט. זי אַליין האָט געחלומט, אַז צוליב איהר הויכען עלטער, וועט זי יעצט שוין זיין אימשטאַנד אויסצולעבען איהרע יאָהרען מיט איהרע פריינד אין אַמעריקאַ. האָט זי אָנגעפאַנגען צו פּלאַנעווען אומצוקעהרען זיך פון ארץ ישראל קיין אַמעריקאַ.

אָבער אַ מענש טראַכט און גאָט לאַכט. אַ נייער וואָלקען האָט זיך פאַרצויגען איבער דעם אידישען הימעל. דייטשלאַנד האָט אַרויפגעצויגען איבער זיך אַ נייע פאָן מיט דער סוואַסטיקאַ אַלס עמבלעם, און דער פינסטערער דעמאַגאָג

היטלער ווערט דורך א קונץ פון טייוועל דערהויבען צו ווערען א דיקטאטאר פון דעם דריטען רייך, אזוי אז דער גורל פון די אידען אין דייטשלאנד ווערט איבערגעגעבען אין זיינע בלוטיגע הענט.

דער פלאן פון מיס סזאלד׳ס פאהרען צוריק קיין אמעריקא, איז דעריבער אפגעלייגט געווארען. זי ווערט אנשטאט אויסגעקליבען פון דעם „ועד לאומי״, דעם נאציאנאלען קאונסיל פון ארץ ישראל, אלס אנפיהרערין פון דער „יוגענט עליה״. זי באגעגענט די יונגע קינדער פון דייטשלאנד ביים שיף מיט א ברייטען שמייכעל אויף איהרע ליפען, ברענגט זיי אריין אין די קבוצות, שאפט פאר זיי ארבייט און פארברענגט מיט זיי איינינע טעג, ביז זיי ווערען צוגעפאסט צו די נייע באדינגונגען פון זייער נייעם לאנד. הענריעטא סזאלד איז ווידער טהעטיג, און ערפילט איהר נייע אויפגאבע אין איהר טיפער עלטער מיט דער זעלבער יוגענט־קראפט פון אמאל.

ווען מיר זאלען זיך שטעלען א פראגע, וואס איז דער אייגענארטיגער בייטראג, וואס הענריעטא האט געמאכט צום אידישען פאלק, קאנען מיר זיכער אויף דעם געבען דעם פאלגענדען קלארען און פולען ענטפער. זי שטעלט מיט זיך פאר א קאמבינאציע פון אלע גרויסע מעלות, וועלכע א גרויסע פאלקס פיהרערין דארף באזיצען. זי איז געשאנקען געווארען מיט דער מתנה פון גאט צו קענען דורכדרינגען יעדע פראבלעם דורך און דורך, אנאליזירען עס אויף א העכסט לאגישען אופן, און געפינען גלייך די נויטווענדיגע ענטשיידונג פאר דער פראבלעם. זי באזיצט א מין נבואה געפיהל, צו קאנען באגרייפען זאכען פון אנפאנג ביז׳ן סוף, און מעג עס זיין ווי שווער, וועט זי דעם פלאנטער ניט אוועקשטויסען אן א זייט און עס איבערלאזען פאר אימיצען אנדערש אויסצופלאנטערען. זי וועט אליין שטודירען א זאך אזוי לאנג, ביז וואנען זי קריגט דעם געהעריגען ענטפער.

איינינע קאנען דענקען, אז ווי באלד די גרויסע פיהרערין שטעלט אלץ אויף זיך אליין, באזיצט זי אפשר א געפיהל פון זיך יאגען נאך קרעדיט, נאך כבוד און אנערקענונג , און שעצט דעריבער ניט אפ גענוג די ארבייט פון קלענערע פיהרער פון איהר. ניין, ניט דאס איז איהר באנעמונג צו איהרע מיטארבייטער. איהר הערט ניט קיינמאל פון מיס סזאלד, זאגענדיג: „איך דענק״, „איך וויים״, „איך וועל אזוי טאן״. פארקעהרט, אימער באנוצט זי דעם טערמין: „מיר וועלען טאן״, און „מיר דארפען וויסען״. זי איז א ליבעסווירדיגער מענש. פונקט ווי א געטרייע מוטער, באזיצט זי א קוואל פון געדולד און א טיפען רעספעקט צו א צווייטען׳ס מיינונג. זי ווייזט ארוים א צארטען געפיהל צו די יונגע קינדערלאך, וועלכע ליבען און גלויבען שטארק אין איהר.

די „יוגענט־עליה״ אונטערנעמונג האט ניט נאר געבראכט פאר הענריעטא

סזאָלד א פּראָגראַם פון בילדונג, ערציהונג, און פּראַקטישער אָרגאַניזאַציאָנע־לער ארבייט,וועמעס ערפאָלג האָט ניט זיין גלייכען אין דער מענשליכער גע־שיכטע פון מאַסען יוגענט אימיגראַציע, אין קיין לאַנד. דיזע גרויסע אונטער־נעמונג האָט מיס סזאָלד דערהויבען ממש צו דער הויך פון א היסטאָרישער פּער־זענליכקייט.

אין דעם רענעסאַנס פון דעם אידישען לעבען קומען פאַר צו גרויסע גע־שעהענישען פאַר איין מענשען'ס לעבענ'ס־שפּאַן. דאָך שטעהט הענריעטא אי־מער אויף דער וואַך, גרייט צו דינען איהרע ברידער צו יעדער צייט. אָפּט־מאָל מוז זיך איהר אודאי דוכטען, אז איהר נאָמען נעמט זיך פון דעם וואָרט „סאָלדאט". אזוי דארף זי פיהלען אין איהר ארבייט, וועלכע איז שטענדיג דורכ־געדרונגען מיט דער העכסטער דיסציפּלין און וואכזאַמקייט.

זי איז ווי א פינקעלדיגער שטערען אויפ'ן אידישען הימעל. איהר לעבען ציהט זיך, ווי א קייט מיט גאָלדענע רינגען. אָנגעפּאַנגען אלס לעהרערין, איז זי כסדר געגאַנגען מיט דעם פּאַקעל אין דער האַנט, און אימער פארשפּרייט ליכט אויף דער פינסטערער וועג פון איהרע אומגליקליכע ברידער.

מיר, פרויען פון הדסה, דריקען אויס אונזער טיפען געפיהל פון אנערקע־נונג און אָפּשאצונג פון הענריעטא סזאָלד, דורך פייערען איהר געבורטסטאָג איבער גאַנץ אמעריקא. מיר ווינשען איהר געזונט און לאַנגע יאָהרען, צו זעהן אין גיכען היטלער'ס מפּלה, און דערלעבען די גאולה שלמה אין אונזער הייליגען לאַנד.

הדסה

עס איז מיין גרויסער פאַרגעניגען און גלייכצייטיג אויך אַן אנגענעמע פליכט צו נעמען אויף זיך די מיה צו בעקאַנען די יעניגע פרויען פון אונזער „עונג שבת” גרופע, וועלכע זיינען נייגעריג צו וויסען, מיט די פאַקטען מכוח הדסה, ניט זייענדיג גענוי בעקאַנט מיט אַלץ, וואָס אַט די וואונדערבאַרע פרויען אָרגאַניזאַציע שטעלט מיט זיך פאָר.

אין יאָהר 1912 האָט מיס הענריעטאַ סזאָלד אָרגאַניזירט אַן עקספעדיציע פון באַרעמהערציגע שוועסטער צו פאָהרען מיט זיי קיין ארץ ישראל, אום צו געבען דאָרט מעדיצינישע און סאַניטאַרישע הילף צו דער דאָרטיגער באַפעלקערונג, וואָס האָט שטאַרק געליטען פון פאַרשידענע קראַנקהייטען. טראַכאָמא און מאַלאַריע זיינען געווען די אומבאַזיגבאַרע קראַנקהייטען, וועלכע האָבען באַהערשט פילע געגענטען אין אונזער לאַנד. אויך אַנדערע טראָפּישע קראַנקהייטען האָבען זיך דאָרט שטאַרק פערשפרייט צוליעב די זומפען מיט זייערע שעדליכע באַצילען. זיי האָבען ממש פאַרפעסטעט דאָס לאַנד. דערצו נאָך האָבען די קינדער דאָרט געליטען פון שלעכטער ערנעהרונג, און די גאַנצע באַפעלקערונג — פון זעהר אומסאַניטאַרישע באַדינגונגען. צו באַקעמפען אַט די אַלע קראַנקהייטען אין ארץ ישראל, איז געוועזען אַ קאָלאָסאַלע פּראָבלעם פאַר „הדסה”.

נאָך עטליכע יאָהר אומערשעפּליכער אַרבייט אין ארץ ישראל, האָט מיס סזאָלד זיך צוריקגעקעהרט קיין אַמעריקאַ, מיט דער דרינגענדער בעשלאָסענקייט צו פאַראינטערעסירען די אידישע פרויען אין אַמעריקע מיט דער גרויסער נויטווענדיגקייט צו שאַפען אַ מעדיצינישען צענטער אין ארץ ישראל. דורך דיזער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבייט איהרער, איז פאַרזייט געוואָרען דער ערשטער קערענדל פון „הדסה”, וועלכער האָט אין אַ קורצער צייט שפּעטער מצליח געווען צו ווערען אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע מיט אַזאַ גלענצענדען רעקאָרד, וואָס ווערט באַוואונדערט ניט נאָר פון ציוניסטען אַליין, נאָר אויך פון דער גאַנצער וועלט. דורך הדסה זיינען שנעל געשאַפען געוואָרען אין ארץ ישראל קליניקס, דיספּענסערים און געזונטהייט צענטערס, כדי צו פאַרבעסערען אין אַלגעמיין די סאַניטאַרישע באַדינגונגען פון לאַנד, און ספּעציעל אַכטונג צו געבען אויף דעם געזונט צושטאַנד פון די קינדער.

פונקט ווי די צאָהל פון הדסה מיטגלידערשאַפט איז געוואַקסען אין חוץ

לארץ, אזוי זיינען אין דער זעלבער מאָס אויך פּראָפּאָרציאָנעל געוואַקסען איהר ווירקונג און אַקטיוויטעט אין ארץ ישראל גופא. לאנד איז געקויפט געוואָרען דורך דעם נאַציאָנאַל פאָנד, און אויף דיזען באָדען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען די נייע שפּיטאָלען און מעדיצינישע צענטערס. שפּעטער האָט הדסה זיך אָפּגעגעבען מיט גרויס ענערגיע אויך מיט בוימער פלאַנצונג, און אויך גענומען אַן אַנטייל אין דעם אויסלייזען פון באָדען אין אונזער לאנד, דורך איהר שטיצע צום קרן קימת לישראל. די נייעסטע אויפגאַבע פון הדסה איז די „יוגענט־עליה" באַוועגונג. הדסה גיט זיך אַלזאָ אָפּ מיט פילע פאַרשיידענע פּראָיעקטען און אונטערנעמונגען, אַ חוץ האָספּיטאַליזאַציע און געזונט פאַרבעסערונג.

מיר, אידישע פרויען אין אַמעריקאַ, דאַרפען זיך שעצען גליקליך, וואָס מיר געפינען זיך אין אַ פרייען לאַנד, וועלכע פאַרזיכערט גלייכבאַרעכטיגונג פאַר איהר גאַנצער באַפעלקערונג. מיר דאַרפען זיין דאַנקבאַר צו גאָט, וואָס דער שיקזאַל איז געווען אַזוי גוט צו אונז און געבראַכט אונז דוקא דאָ אַהער, וואו מיר און אונזערע נאָהענטע קאָנען לעבען אין רוה און אין זיכערהייט. פאַר אונזערע אויגען דאַרפען דעריבער שטענדיג שטעהן די זעלטענע בילדער פון דערגרייכונגען פון הדסה אין ארץ ישראל, און איהרע הויכע אידעאַלען פון מיטגעפיהל און גוטסקייט דאַרפען אונז איבערציינגען, אַז עס וועט זיכער קומען אַ צייט, ווען אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט וועלען געניסען גלייכע רעכט מיט די ניט־אידען, פונקט ווי הדסה אין ארץ ישראל דיסקרימינירט ניט צווישען איד און גוי אין איהר הומאַניטאַרישער אַרבייט.

מיין גרויסער וואונש איז, אַז די אַמעריקאַנער אידישע פרויען זאָלען זיך איבערגעבען צו דער הייליגער אַרבייט פון הדסה און העלפען מיט אַלע זייערע קרעפטען אויפצובויען ווידער דאָס לאַנד פון אונזער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, כדי עס זאָל ווערען אַ זיכערע היים פאַר אונזערע צוזייטע און פאַרפאָלגטע ברידער איבער גאָר דער וועלט, וועלכע זוכען אַ רעטונגס פלאַץ און אַ מקום מנוחה.

היינטיגען פורים, דעם 25־טען פעברואר, 1937, וועט הדסה פייערען איהר פינף און צוואַנציגסטען געבורטס־טאָג, פינף און צוואַנציג יאָהר פון קאָנסטרוקטיווער אַרבייט אין אונזער הייליגען לאַנד. אַזאַ דאַטום איז נאַטירליך אַן אויסערגעוועהנליכע געשעהעניש אין דער נאַציאָנאַלער אַרבייט פון הדסה, מיט איהרע גלענצענדע אויפטוהונגען אויף פילע געביטען. יעדער הדסה „טשאַפּטער" אין אַמעריקאַ דאַרף זיך היי־יאָהר אָנשטרענגען צו פאַרגרעסערען די מיטגלידערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע, כדי צו דערגרייכען די צאָהל

פון 50,000 חברות, וואָס דער נאַציאָנאַלער אָפּיס פון הדסה האָט בעשטימט, אַלס איהר קוואָטא פאַר די פאַראייניגטע שטאַטען.

מיטגלידערשאַפט

דאָ אין דענווער, אונטער דער פיהרערשאַפט פון פילע אַקטיווע פרויען, מוזען מיר אויך שטרעבען צו שאַפען די געהעריגע צאָהל מיטגלידער, וואָס ווערט פאַרלאַנגט פון אונזער „טשאַפּטער". עס איז אַ גרויסער פאַרגעניגען פאַר מיר צוזאַמען מיט אייך, חברות, זיך אָנשטרענגען צו פאַרשטאַרקען דאָ אין שטאָדט די קרעפטען פון הדסה.

מיט הונדערטער יאָהרען צוריק האָבען אידען געמוזט טראָגען אַ געלע לאַטע אין פילע גלות לענדער אויף זייערע מלבושים, אַלס אַ צייכען פון דער־נידערונג. יעצט איז אויפגעקומען אַ נייער באַרבאַריזם אין דעם כלומר'שט צי־ווילַיזירטען היטלער לאַנד, וואו אידען ווערען פאַרפאָלגט און געפּייניגט אויף דעם נידעריגסטען אופן, נאָך ערגער ווי דורך דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע אין מיטעלאַלטער. ווידער איז פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט אַרויפגעשוואוֹר־מען דער געלער צייכען „יודע", וואָס דערשלאָגט און דערנידעריגט דעם גייסט פון די אידען שווידערליך. די אידען אין דייטשלאַנד האָבען זיך אויף אַזאַ שרעק־ליכער קאַטאַסטראָפע געוויס ניט געריכט, און נאָך וויניגער האָבען די אידען אין אַנדערע לענדער ערוואַרטעט אַזאַ אומגליק אין דעם אַזוי געריפענעם לאַנד פון קולטור און וויסענשאַפט. קיינער וואָלט ניט געגלויבט אַז אַ לאַנד, וואָס האָט אַרויסגעגעבען אַזעלכע גרויסע אידישע געלערנטע, ווי משה מענדעלסאָן, העינריך היינע, לודוויג בערנע און אַלבערט איינשטיין, זאָל זיך צוריקקעהרען צום לאַנג פאַרשימעלטען קולט פון אַריאַניזם און כלומר'שט ראַסען ריינקייט. ווער האָט געקאָנט אַזאַ זאַך זיך גאָר פאָרשטעלען? אָט די נידערטרעכטיגע לעהרע פאַסט זיך גאָר ניט אַריין אין דער הייגטיגער עפּאָכע פון ציוויליזאַציע, וואָס דאָס פּראָגרעסיווע מענשהייט האָט פאַר זיך געשאַפען. צו אונזער גרויסען באַדויערען אָבער, שרעקט ניט אָפּ דעם אומפאַרשעמטען דיקטאַטאָר די פאַר־דאַמונג פון דער וועלט פון זיינע פּוסטע טעאָריעס פון ראַסע, און זיי ווערען דורכגעפיהרט אַזוי אכזריות'דיג אין לעבען. די דייטשע מאַסען ווערען אויפ־געהייצט פון דעם מאָדערנעם מחבל, דעם טרעגער פון דער „סוואַסטיקאַ". ער פאַרשפּרייט דעם העסליכען גיפט פון אַנטיסעמיטיזם איבער דער גאַנצער וועלט, און די לאַגע ווערט וואָס ווייטער אַלץ אומערטרעגליכער.

דעריבער מוזען מיר, אַמעריקאַנער אידען, נעמען אויף זיך די גרויסע אויפ־גאַבע פון העלפען אונזערע ברידער אין דייטשלאַנד, ווי אויך אין אַלע איבערי־גע לענדער פון אייראָפּאַ, וואו זיי ווערען אונטערדריקט. די אַמעריקאַנער אי־

דען לעבען אין א לאנד פון פרייהייט און גלייכבארעכטיגונג. מיר טראגען דא אונזער קאפ הויך מיט עהרע און שטאלץ, און נעהמען זיך איבער מיט אונזער אידישקייט. איז עס דעריבער ניט מעהר ווי רעכט, אז טיף אין הארצען זאלען מיר אלע זיין פאראייניגט מיט דעם גרויסען געפיהל פון העלפען אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים. אונזער סלאגאן מוז זיין: „יעדע חברה ברענגט אריין א נייעם מיטגליד אין הדסה. אלע מיטגלידער מוזען נעהמען אן אקטיווען אנטייל אין אלע אונזערע טעטיגקייטען". איהר שטארקייט ליגט אין דער פארגרעסערטער צאהל פון איהר מיטגלידערשאפט. דאס מוז דערגרייכט ווערען אין אלע שטעדט פון אמעריקא, און נאטירליך אויך אין דענווער.

א וועלט טראגעדיע

דער גרויסער ענגלישער דיכטער, לארד בייראן, דריקט זיך אויס אין איינעם פון זיינע לידער אומגעפעהר אזוי: „יעדע באשעפעניש האט איהר היים: דער פוקס — זיין נארע, די פויגעל — איהר נעסט. ישראל, וואו איז דיין היים, און וואו קאנסטו דיין קאפ אנשפארען?"

שוין צוויי טויזענד יאהר, ווי מיר, אידען, האלטען אין האנט דעם וואנדערשטאק. פון לאנד צו לאנד טרייבט מען אונז אהן קיין שום אורזאכע. אין דייטשלאנד און אין אונגארן יאגט אונז נאך דער ביטערער אנטיסעמיטיזם. אין רומעניען געהט ניט דורך א שטיקעל צייט, אז עס זאל ניט פארקומען א פאגראם, אדער סתם א כוליגאנישע דעמאנסטראציע געגען אידען. אין איטאליען ווערען מיר באשולדיגט, אז מיר זיינען ניט גענוג איבערגעגעבען צום פאשיזם. אין איין לאנד ווערען מיר באטראכט אלס קאמוניסטען אדער אנארכיסטען, און אין א צווייטען לאנד קוקט מען אויף אונז, ווי אויף קאפיטאליסטען אדער באנקירער. איין טייל גויים בעטראכט אונז, ווי אומרוהיגע רעוואלוציאנערען און מלחמה טרייבער, און אן אנדער טייל קוקט אויף אונז, ווי אויף פאסיפיסטען. ווען א עקאנאמישער קריזיס נעמט ארום א לאנד, ווערען מיר גלייך די שולדיגע דערפון. דער איד איז אימער צו דער שעיר לעזאזל.

וואס איז די סיבה פון די אלע צרות, און וואס קאנען מיר דערפון לערנען? גאנץ פשוט, די צרות דייטען אן צו די אידען, אז זייערע ליידען זיינען דער רעזולטאט פון זייער אומאייניגקייט און צוריסענקייט. דער מוסר השכל דערפון דארף זיין: אידיש פאלק, נעהם זיך אן מיט מוט און כוח, ווער פאראייניגט, און בוי אויף דיין אייגען היים אין דיין אלטען פאטערלאנד, ארץ ישראל!

ארבייט פאר'ן נאציאנאל פאנד

זעהר א באדייטענדער טייל פון דער הדסה ארבייט איז דערגרייכט גע־

וואָרען דורך דעם נאַציאָנאַל פאָנד. פאַר די געלדער, וועלכע ווערען געזאַמעלט דורך די וויים-בלויע פושקעס, האָט מען אָפּגעקויפט גרויסע שטרעקעס לאַנד, וואו מען האָט פאַרפלאַנצט טויזענטער בוימער, און פאַרזייט מיט פאַרשיי־דענע תבואות, פאַרגרעסערענדיג אויף אַזא אופן דעם שטח פון אידישער קאָ־לאָניזאַציע אין ארץ ישראל.

דער באָדען, אויף וועלכען עס בויט זיך יעצט דער ראטשילד-הדסה-אוני־ווערזיטעט האָספּיטאַל, איז אויסגעלייזט געוואָרען פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד. דורך דעם קרן קימת לישראל ווערט דאָס לאַנד אין ארץ ישראל אויסגעלייזט און אויפגעלעבט פאַר די נוצען פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק.

געשטאַרקט זאָלען זיין די הענט פון די אידישע פרויען, וואָס וואַרפען אַריין פרייטאָג צו ליכט-בענשען אַ געוויסע מטבע אין דער וויים-בלויער פוש־קע, און זיינען גורם דערצו, אַז דער נאַציאָנאַל פאנד זאָל ווערען אַזא וויכטי־גער פאַקטאָר אין דעם אויפבוי פון אונזער נאַציאָנאַלער היים.

קינדער ערנעהרונג.

עס איז גאַנץ נאַטירליך פאַר אונזערע אידישע מוטערס, אַז זיי זאָלען זיין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער פאַרבעסערונג פון דעם געזונט צושטאַנד פון קינדער. דאָ אין לאַנד האָבען מיר פילע אַנשטאַלטען, וואו עס ווערט גע־זאָרגט פאַר דעם געזונט פון די אָרים געשפּייזטע קינדער. די סטאַטיסטיק צייגט אַרויס, אַז די שטערבליכקייט פון די אַמעריקאַנער קינדער איז פיל פאַר־קלענערט געוואָרען אַ דאַנק אָט די קינדער אינסטיטוציעס.

די זעלבע אַמעריקאַנער סיסטעם פון קינדער אַנשטאַלטען, ווערט איצט אָנגעווענדעט אויך אין ארץ ישראל, וואו הונדערטער שוואַכע ניט דערנעהרטע קינדער ווערען באַזאָרגט מיט גוטע און געזונטע שפּייז, אַ דאַנק די באַמיהונגען פון הדסה.

דער קאַלענדאַר מיט דעם זעקעל וואָס ווערט אַרויסגעגעבען דורך הדסה און פאַרשפּרייט צווישען איהרע מיטגלידער, שאַפט די פינאַנציעלע מיטלען, אַז מען זאָל קאָנען בעזאָרגען די שוואַכע קינדער פון ארץ ישראל צוזאַמען מיט זייערע מוטערס די געהעריגע ערנעהרונג. יעדע חברה פון הדסה דאַרף דערוי־בער צו איהר יעדען געבורטסטאָג אין איהר משפחה, געדענקען דעם „פּעני לאַנטשאָן פאָנד". בלויז פאַר אַכצעהן סענט ווערט אַ קינד'ס נאָמען איינגעשרי־בען אין דעם הדסה געבורטס-טאָג בוך, ווען עס ווערט ביי דער פאַמיליע גע־פייערט דער געבורטס טאָג פון אימעצען פון די קינדער אין דער משפחה.

לינען „שאוער".

דורך דער וואָך פון חנוכה ברענגען טויזענטער אידישע פרויען אין אַמע־

ריקאַ, צו זיי זיינען מיטגלידער פון הדסה, צו ניט, זייערע אַנגעזעהענע לייוּוענט מתנות. אַ געפיהל פון אמת'ער איבערגעבענהייט באַווירקט דאַס הארץ פון יעדער אידישער פרוי צו געבען אַט די מתנות, וועלכע ווערען צו ערשט אָפּגעשיקט קיין ניו יאָרק, און פון דאָרטען טראַנספּאָרטירט קיין ארץ ישראל.

די אידישע פרויען אין אַמעריקאַ זיינען אויפריכטיג צו דיזער הייליגער מיסיע, צו בעזאָרגען די קינדער פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין אונזער הייליגען לאַנד, מיט אַלעם נויטיגען. פאַר אונז, הדסה מיטגלידער, איז עס אַ גרויסע גייסטיגע באַפרידיגונג צו וויסען, אַז אַט די לייווענטענע האַנדטוכער, טישטוכער, ציכלאַך, און איבעריגע זאַכען, ווערען צוטיילט אין ארץ ישראל אין די שפּיטאַלען און פאַרשיידענע קינדער אַנשטאַלטען, אין די קאָלאָניעס און שטעדט, דורך די גוטע אויפזעהערינס — בארעמהערציגע שוועסטער פון הדסה.

די קולטור גרופּען

די לעבענס פון אונזערע גרויסע מענשען דערמאָנען אונז, אַז אויך מיר, געוועהנליכע מענשען, קאָנען אונזערע לעבענס מאַכען ווירדיג און איינהאַלטסרייך, און ווען די צייט וועט קומען צו פאַרלאָזען די אַרענאַ פון לעבען, וועלען מיר, הדסה מיטגלידער, קאָנען איבערלאָזען נאָך זיך דאָ אין שטאָדט צייכענס אויף די זאַמדען פון אייביגקייט, דורך די פאָלגענדע צוויי קולטורעלע אַקטיוויטעטען: (1) די קולטורעלע שטודיר־גרופּען, און (2) די „עונג שבת" גרופּען.

דורך דער פעהיגער פיהרערשאַפט פון הדסה, בעקאָנען זיך אידישע פרויען מיט דער אידישער געשיכטע. זיי ערלערנען די גלאָררייכע אידישע פערגאַנגענהייט און די העלדישע דערגרייכונגען פון אונזער אומשטערבליך פאָלק. די רעזולטאַטען פון דער וויכטיגער קולטורעלער אַרבייט פון זעלבסט שטודירונג זיינען: אַ פאַרשטאַרקטער אידישער באַוואוסטזיין, געזונטערע עטישע פּרינציפּען, אַ מעהר געהעריגע אָפּשאַצונג פון אונזער גייסטיגער ירושה, און אַ ברייטערע פאַרשטענדניש פון אונזער צוקונפט.

גלייכצייטיג מיט'ן פערזענליכען נחת רוח, וואָס די הדסה מיטגלידער ערגרייכען פון די קולטורעלע פערזאַמלונגען, ווערט ביי זיי אויך פאַרברייטערט זייער וועלט־אַנשויאונג אין אַלגעמיין, און דער ציוניסטישער פראַנט אין ארץ ישראל ווערט דורך דעם געשטאַרקט אי גייסטיג, אי פינאַנציעל. יונג און אַלט ווערען מיר פאַראייניגט דורך די קולטורעלע צוזאַמענקונפטען, וועלכע פאַרשפּרייטען צווישען די הדסה פרויען אין אַמעריקאַ די הויכע אידעאַלען פון שיבת ציון.

דער „דאָנאָר לאָנטשאָן“.

איינע פון די וויכטיגסטע זאכען פאר אונז, הדסה פרויען, איז דער יעהר־ליכער „דאָנאָר לאָנטשאָן“, דורך וועלכען פאָנד עס ווערען געדעקט די הוצאות פון פילע פערשיידענע וויכטיגע פּראָיעקטען. דער „דאָנאָר לאָנטשאָן“ איז גע־וואָרען אַ סאָציאַלע געשעהעניש אין אונזער לעבען, וועלכע ווערט יעדען יאָהר אומגעדולדיג ערווארטעט, זייענדיג שטארק בעזוכט פון אונזערע מיטגלידער. די געלדער פון דיזען פאָנד געהען מיינסטענס פאר די פאָלגענדע צוויי צוועקען: (1)אַ טייל פון דיזען פאָנד ווערט באנוצט פאר דעם אויפבוי פון דעם הדסה־אוניווערזיטעט האָספּיטאַל, וועלכער גיט צו פיל כבוד צו אונזערע דער־גרייכונגען אין ארץ ישראל. עס איז זעהר סימבאָליש — אַט דער פּלאַץ אויף וועלכען עס בויט זיך דיזער האָספּיטאַל, דער הר הצופים, קוקט ארויס מאַיעס־טעטיש פון איין זייט אויף דעם ים המלח, וואָס איז דער צייכען פון דעם מדבר, און פון דער צווייטער זייט — אויף דער היסטאָרישער שטאָדט ירושלים, וועל־כע ברויזט מיט אַ נייעם יונגען לעבען, און אויך אויף די גרויע בערג פון יהודה, וועלכע ווערען פארפלאנצט מיט וויינגערטנער און פרוכטבארע פעלדער. פון איין זייט — אָפּגעשטאָנענער מדבר, און פון דער צווייטער זייט — די אויפלעבענדע אידישע ציוויליזאַציע. (2) אַ טייל פון דיזען פאָנד געהט אויך פאר דער „יוגענט עליה“ באַוועגונג פון דייטשלאַנד.

די יוגענט־עליה.

טויזענטער קינדער ווערען ארויסגענומען פון דעם עמק הבכא, פון אַ לאַנד פון פארביטערונג און פארצווייפלונג, פון דעם בארבארישען נאַצי־לאַנד, און ווערען אריינגעבראכט אין לאַנד פון אונזער שטרעבונג און האָפענונג, וואו פילע קולטורעלע ענטוויקלונגס געלעגענהייטען ערווארטען זיי. אַט די יונגינ־קע „בוימעלעך“ ווערען שנעל צוגעפאַסט צו דעם אָריענטאַלישען לעבען. מיט אַ גרויסען באַגעהר פארבייטען זיי די דייטשע שפּראַך אויף דעם מאָדערנעם העברעאיש. אַלעס איז פאר זיי לייכט, ליב און אינטערעסאַנט. הויך טראָגט זיך זייער געזאַנג וועגען דעם נייעם לעבען, וואָס זיי האָבען געפונען אין ארץ ישראל.

דאָס זיינען די צוויי גרויסע צוועקען, וועמעס הוצאות ווערען געדעקט דורך דעם „דאָנאָר לאָנטשאָן פאָנד“. וואָס גרעסער די נויט איז פון אונזערע געפּלאָגטע ברידער, אַלץ גרעסער דארפען זיין אונזער הילף און אונזער שטיצע. מיר, שוועסטער פון הדסה, נעמען אויף זיך מיט ליבשאַפט די גרויסע פעראַנט־וואָרטליכקייט, וועלכע דער אידישער חורבן האָט אויף אונזערע פּלייצעס ארויפגעלייגט. די מיסיע פון דער „יוגענט עליה“ איז פילייכט דער גרעסטער פאַקטאָר, וואָס שטויסט אונז צו שאַפען אַ היים־לאַנד אין ארץ ישראל, וועלכע

זאָל זיין אַ היילונג און דערלייזונג פאַר דער אומגליקליכער אידישער יוגענט אין אייראָפּאַ. אונזער אַלטע לאַנד וועט דורך די הענט פון דיזער אידעאַלער יוגענט, יונג און באַנייט ווערען.

דער כאָר

נאָך דעם ווי איך גלויב, אַז אין דיזער אָפּהאַנדלונג זיינען די טעכנישע און קולטורעלע אונטערנעמונגען פון דער ברייט־פערצווייגטער אַרבייט פון הדסה מעהר אָדער ווייניגער באַלויכטען געוואָרען, וועל איך איצט איבערגעהן צו דעם אַמוזירענדען טייל פון הדסה אַקטיוויטעטען.

דער אידישער פּיאָנער, וועלכער אַרבייט אויף די פעלדער און וויינגערט־נער אין אונזער לאַנד, דריקט אויס זיינע דערהויבענע געפיהלען דורך דעם געזאַנג פון טריאומף און הערֶאָיזם פון זיין ערפאָלגרייכער אַרבייט. פּונקט אַזוי ווערען אויסגעדריקט די ערהאַבענע שטרעבונגען פון די הדסה מיטגלידער דורך לידער און געזאַנג, מצד די טאַלאַנטירטע שוועסטער אין אונזער אָרגאַני־זאַציע.

רעזומע

איך וועל ענדיגען מיט אַ קורצער רעזומע, וואָס שיבת ציון האָט דורכ־געמאַכט פאַר די לעצטע 25 יאָהר אין ארץ ישראל. אונזערע שיפען שניידען דורך דעם מיטעללענדישען ים, אונזער קאָמערץ איז דאָרט הויך געשטיגען, זומפּען זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען, די האַרטע פאַרשטיינערטע ערד איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין פרוכטבאַרע פעלדער און וועלדער. נייע שטעדט און קאָלאָניעס זיינען אויפגעבויט געוואָרען דאָרט, וואו ערשט ניט לאַנג איז געווען דער זאַמד פון דעם מדבר. פילע אינדוסטריעס האָבען אויפגעשפּראָצט. די העברעאישע שפּראַך, וועלכע איז פון אונזערע שונאים בעטראַכט געוואָרען אַלס טויט, אין ווידער אויפגעלעבט געוואָרען. היינט־צו־טאָג איז ארץ ישראל דער גרעסטער ליטעראַרישער און וויסענשאַפטליכער צענטער פאַר די אידען אין דער גאַנצער וועלט. דאָס אַלץ גיט אונז גרויסע האָפענונגען, אַזוי אַז, ווען מיר זינגען „התקוה", זעהען מיר די פאַרווירקליכונג פון אונזער נאַציאָנאַלען הימן ממש מיט אונזערע אויגען.

אַן ענטפער די אידישע שונאים וועגען אונזער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל

אָפטמאָל הערען מיר פון די ביטערע אידישע שונאים אין פּאַלעסטינא פערשיידענע בייזוויליגע טענות וועגען דעם אידישען אויפבוי אין ארץ ישראל,וואָס זייער ציל איז צו שטערען די אויפלעבונג פון אונזער פיל געפּלאָג־טען פאָלק. אָבער זייער הויפּט טענה, וועלכע נעמט אין זיך ממילא אריין אַלע איבעריגע טענות און בעשולדיגונגען, באַשטעהט אין זייער בעהויפּטונג, אַז די אידען אין ארץ ישראל שווינדלען כלומר'שט אוים די לאַנד פון די אַראַבער, און מאַכען זיי דעריבער לאַנדלאָז און היימלאָז. אין אַנדערע ווערטער, הייסט עס, אַז מיר זיינען גייציגע אימפּעריאַליסטען, וואָס זיינען געקומען צו פּער־כאַפּען אַ פרעמדעס לאַנד. אָבער אַזוי ווי אונזער אימפּעריאַליזם האָט ניט הינ־טער זיך קיין מיליטערישע מאַכט, שטיצט ער זיך דעריבער אויף די באַיאָנע־טען פון דעם בריטישען מיליטאַריזם, און בשותפות מיט ענגלאַנד דריקט ער נעבאָך די אָרימע אַראַבער.

עס איז זעהר אומזיניג און נאָך מעהר טראַגי־קאָמיש צו מאַכען אַזעלכע באַשולדיגונגען געגען אַ פאָלק, וואָס איז אַליין באַלד צוויי טויזענד יאָהר היימ־לאָז, און ווערט נאָך ביז היינטיגען טאָג פּאָגראָמירט און געפּייניגט מיט די ערגסטע נגישות. פון אויבענאויף דוכט זיך, אַז עס איז גאָר איבעריג צו פּאַר־ענטפערען זיך געגען אַזאַ ווילדער בעשולדיגונג. דאָך מוז מען עס טאָן, ווייל עס קאָן נאָך אַמאָל מאַכען גלויבען נאַאיווע מענשען, אַז די אי־דען, וואָס זיינען געקומען קיין ארץ ישראל מיט דעם איינציגען אַבזיכט בלויז צו געפינען רוה דאָרטען, זיינען טאַקע אימפּעריאַליסטען, וואָס ווילען באַרוי־בען די אַראַבער פון זייער לאַנד.

די פאַלשע טענות מצד אונזערע שונאים, געווענדעט געגען ארץ ישראל, רעכענען זיך גאָר ניט מיט די וואונדערליכע רעזולטאַטען, וואָס אידישע מיה, שוויים, און שווערע אַרבייט האָבען דערגרייכט אין לאַנד, וועלכע איז לאַנגע דורות געלעגען וויסט און פּאַרשטיינערט, איידער די אידען זיינען געקומען עס אויפצולעבען. אָבער נאָך מעהר און טיפער טוט עס ווי, ווען מיר הערען די זעלבע ווילדע בלבולים געגען דעם ישוב אין ארץ ישראל אויך פון אונזערע

אייגענע ברידער, מעגען זיי זיין אפילו קאָמוניסטען. עס איז פשוט ניט צו בע־גרייפען, פאַר וואָס די אידישע קאָמוניסטען, וועלכע האָבען דאָך, ווי זיי זאָגען, אַ וועלט מיט פּראָבלעמען, האָבען זיך דוקא אָנגעזעצט אויף ארץ ישראל, אויף דעם איינציגען ווינקעל אין דער וועלט, וואו אידען פון פּוילען, דייטש־לאַנד און אַנדערע אַנטיסעמיטישע לענדער קענען זיך ראַטעווען פון זייערע פּייניגער, ספּעציעל אין אַזאַ צייט, ווען אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט האָבען פולשטענדיג פערשלאָסען טיר און טויערען פאַר די געפּייניגטע. נאָך ערגער איז, וואָס אפילו געוועהנליכע אידען פון אַ גאַנץ יאָהר ווערען אָנגע־שטעקט פון די אַנטיסעמיטישע באָבע־מעשות, וואָס אונזערע אויסערליכע און אינערליכע שונאים שטעלען ארויס געגען דעם אידישען אויפבוי אין ארץ ישראל, און זיי ווילען עס אויפנעמען ווי אמת'ע פאַקטען.

כדי מיר זאָלען האָבען אַ פיל מעהר קלערערען בעגריף וועגען דער לאַגע אין ארץ ישראל, איז כדאי צו בעקאַנען זיך מיט דעם וויכטיגען דאָקומענט, וואָס דר. חיים וויצמאַן האָט לעצטענס פּאַרעפענטליכט אין דער לאָנדאָנער „טיימס". אין דעם דאָקומענט ברענגט ער ארויס דעם היסטאָרישען פאַקט, אַז דעם דריטען יאַנואר 1919 האָבען די אַראַבישע פיהרער, טאַקע די עפענדים אַליין, אונטערגעשריבען אַן אָפּמאַך מיט די ציוניסטישע פיהרער, וואו זיי סאַנקציאָנירען די שאַפונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל. דר. וויצמאַן ווייזט אין דעם זעלבען דאָקומענט אויך אָן מיט פאַקטען, אַז די אידישע אימיגראַציע אין ארץ ישראל שטויסט בשום אופן ניט ארויס די אַראַבער פון לאַנד.

ווען מען הערט זיך סתם צו, צו די פאַרפיהרערישע טענות פון אונזערע שונאים, באַקומט מען דעם פאַלשען איינדרוק, אַז מיט ארץ ישראל הויבט זיך אָן און ענדיגט זיך די אַראַבישע טעריטאָריע. איז ווי באַלד די אידען בויען אויף ארץ ישראל פאַר זיך, קומט אויס דעריבער, אַז די אַראַבער בלייבען נע־באַך מיט גאָר ניט. לאָמיר אָבער בעטראַכטען די לאַגע אין דער ווירקליכקייט. ארץ ישראל איז בלויז אַ זעקסטעל פון דעם ריזיגען לאַנד בעזיץ פון די אַראַ־בער. די פינף אַנדערע וויכטיגע אַראַבישע לענדער זיינען: אַראַביע, מצרים, איראַק, סיריע, און עבר הירדן. זיי פאַרנעהמען צוזאַמען אַ שטרעקע פון 4,800,000 קילאָמעטער, מיט אַ סך הכל פון צוועלף מיליאָן נפשות. די שטרע־קע פון די אַראַבישע לענדער איז אַלזאָ אַזוי גרויס, ווי אַ העלפט פון אייראָ־פּאַ, וואו עס געפינען זיך גראַדע 450 מיליאָן מענשען. ארץ ישראל אַליין פאַר־נעמט אין גאַנצען 25,000 קילאָמעטער. פון דעם פאַקט אַליין איז דאָך געדרונ־גען, ווי ענג נעבאַכקעס די אַראַבער איז.

אין יאָהר 1929 האָבען זיך אין ארץ ישראל געפונען 175,000 אידען,

צום סוף פון 1935 איז זייער צאָהל געשטיגען ביז אַרום 400,000, כן ירבו. אויב עס איז אמת, וואָס די אידישע שונאים טענה'ן, דאַן וואָלט דאָך גע־דאַרפט פאַרקלענערט ווערען די אַראַבישע באַפעלקערונג מיט דעם צוואוואוקס פון דער אידישער איינוואַנדערונג. וואָס זשע אָבער זעהען מיר אויף דער אמת'ען? פאַר דער מלחמה, פלעגען אַראַבער אויסוואַנדערען אין אַנדערע שכני'שע לענדער כדי צו זוכען דאָרט חיונה. אָבער אין די לעצטע יאָהרען פון דער גרויסער אידישער איינוואַנדערונג איז די דאָזיגע אַראַבישע אויסוואַנדע־רונג אין גאַנצען אָפּגעשטעלט געוואָרען און, אַנשטאָט דעם, וואַנדערען נאָך אַריין קיין ארץ ישראל גרויסע מאסען אַראַבער פון די אַרומיגע לענדער.

די ציפערען פון דער אַראַבישער איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל זיינען, ווי פאָלגט: אין דעם יאָהר 1931 אַליין זיינען אין ארץ ישראל אַריינגעקומען 18,000 אַראַבער פון עבר הירדן, און אין די יאָהרען צווישען 1932־1934 זיי־נען אַריינגעקומען 24,000 אַראַבער. די אַראַבישע פרעסע האָט אויסגערעכענט, אַז פון סיריע אַליין האָבען 25,000 אַראַבער איינגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל, און זיך דאָרט באַזעצט.

אַלזאָ פון די ציפערען איז צו זעהן, אַז דער צוואוואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג אין ארץ ישראל דורך אימיגראַציע, האָט דער אַראַבישער באַ־פעלקערונג קיין שלעכטס ניט געטאָן. אָט די מעגליכקייט פון קאָנען באַזעצען וואָס מעהר מענשען אויפ'ן באָדען פון ארץ ישראל איז דערגרייכט געוואָרען אַ דאַנק דעם, וואָס די אידען האָבען דאָרט איינגעפיהרט בעסערע לעבענס בע־דינגונגען, בעסער קולטיווירט דאָס לאַנד און באַנוצט זיך מיט מאָדערנע מע־טאָדען איבעראַל. אַ חוץ דעם, האָט די וואַקסענדע אידישע באַפעלקערונג געשאַפען מיט זיך אַ גרויסען מאַרק פאַר די אידישע, אַזוי גוט, ווי פאַר די אַראַבישע פאַרמער, באַנוצענדיג זיך מיט זייערע פראָדוקטען, און דאָס האָט געעפענט נייע קוואַלען פון חיונה פאַר דער גאַנצער פאַלעסטינער באַפעלקע־רונג.

איך וויל דאָ ברענגען אייניגע פאַקטען פון די אַראַבישע פערדינסטען אין לאַנד, און פערגלייכען זיי מיט די פערדינסטען אין אַנדערע לענדער. דאָס וועט קלאָר מאַכען פאַר אונז, ווארום די אַראַבישע עפענדים (פריצים) זיי־נען אַזוי אין כעס אויף די אידישע אימיגראַנטען, און פאַרשפּרייטען דעריבער אַלערליי בלבולים אויף זיי, דורך דער הילף פון מוסאָליני'ס און היטלער'ס אַגענטען. פאַר דער מלחמה, האָט אַן אַראַבישער אַרבעטער אין ארץ ישראל פאַרדינט פון 12 ביז 17 סענט אַ טאָג. היינט קריגט דער זעלבער אַרבעטער פון 40 ביז 60 סענט אַ טאָג, און אין גאָר אַנדערע געגענדען קריגט ער אַזוי הויך ווי 75 סענט אַ טאָג. אין דער זעלבער צייט, זעהען מיר, אַז אין איראַק

קריגט אַן אַראַבישער אַרבעטער באַצאָהלט פון 10 ביז 15 סענט אַ טאָג. ווי קאָנען דעריבער די עפענדים זיין צופרידען מיט די אידישע אַרבעטער, ווען זיי האָבען דעם אַראַבישען אַרבעטער אַוועקגעשטעלט אויף אַ פיל העכערער מדרגה?

דער אַראַבישער פּראָגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין די לעצטע יאָה־רען, איז דערמעגליכט געוואָרען, סיי צוליב דעם ביישפּיל, וואָס די אידען האָבען פאַר זיי געדינט, ווי אַזוי צו העכערען זייער לעבענס־שטייגער, סיי צוליב די גרויסע קאַפּיטאַלען, וואָס די אידען האָבען אַריינגעלייגט אין לאַנד. אַ חוץ דעם, האָבען די אַראַבער בעקומען גרויסע סומען געלד פאַר לאַנד, וואָס זיי האָבען פערקויפט צו אידען, ספּעציעל אַזעלכע שטרעקעס לאַנד, וואָס זיי־נען פריהער געשטאַנען אין גאַנצען וויסט, און קיינער האָט פון דעם קיין נו־צען ניט געהאַט. עס ווערט אָפּגעשאַצט, אַז אַ סך הכל פון פערציג מיליאָן דאָלאַר האָבען די אַראַבער געקראָגען פאַר לאַנד, וואָס זיי האָבען פערקויפט צו אידען ביז איצטער.

די חולה קאָנצעסיע

דער בעסטער פאַקט, וואָס קאָן איבערצייגען די ריכטיגקייט פון מיינע אַרגומענטען איז די חולה קאָנצעסיע. אָט די דאָזיגע קאָנצעסיע, וואָס נעמט אַרום 60 טויזענד דונאַם לאַנד אין דעם חולה טאָהל, אין צפון פון ארץ ישראל, איז די נייעסטע אידישע לאַנד ערווערבונג. אַ גרופּע סירישע אַראַבער האָבען צו ערשט געהאַט די קאָנצעסיע אויף דעם שטיק לאַנד. אָבער זיי האָבען גאָר נישט געטאָן געזונט צו מאַכען דעם באָדען פון דיזער שטרעקע לאַנד, כדי עס זאָל ווערען פּרוכטבאַר. האָט די פּאַלעסטינער רעגירונג די חולה קאָנצעסיע אי־בערגעגעבען צו די אידען. עס וועט נעמען וועלכע פינף יאָהר, ביז דיזער געגענד וועט ווערען פּאַסענד פאַר קאָלאָניזאַציע. דאַן וועט מען אַ פערטעל פון דעם באָ־דען אַוועקגעבען צו די שכנ'ישע אַראַבער פון חולה, וועלכע האָבען ביז איצ־טער ניט געהאַט קיין שום נוצען דערפון. זיי זיינען גראַד געווען אויסגעזעצט צו טויט געפאַר צוליב די מאַלאַריע קראַנקהייטען, וואָס האָבען געבושעוועט דאָרט. די חולה קאָנצעסיע דינט דעריבער אַלס דער בעסטער מוסטער פון דער אידישער לאַנד־ערווערבונג אין ארץ ישראל. די אידען האָבען אין חולה איבער־גענומען אַ וויסטע לאַנד פון זומפּען, וואו קיינער האָט ניט געהאַט קיין נוצען דערפון; זיי האָבען אויסגעטריקענט די זומפּען, באַהערשט מאַלאַריע און אַנ־דערע קראַנקהייטען, וואָס האָבען עקזיסטירט דאָרטען יאָהרען לאַנג, און אויפגע־הויבען דעם לעבענס סטאַנדאַרד פון די דאָרטיגע איינוואוינער אויף אַלע געבי־טען. אפילו נייטראַלע בעאָבאַכטער באַשטעטיגען, אַז דער צופלוס פון אידי־שער אימיגראַציע אין ארץ ישראל איז גראַדע אַ ברכה פאַר דעם גאַנצען לאַנד,

ווייל די אריינגעקומענע אידען האָבען אויפגעהויבען דעם לעבענס שטייגער פון די אראַבישע מאַסען פון אַ לעבען פון נויט צו אַ לעבען פון שפע.

זיינען מיר אַלזאָ איבערצייגט, אַז דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל האָט געוויזען דער וועלט בכלל און די שונאים בפרט, אַז אונזער גרויסע אונ־טערנעמונגס קראַפט און אומערשעפּליכע ענערגיע אויפצובויען אונזער נאַ־ציאָנאַלע היים ניט נאָר שעדיגט ניט די אַראַבער, נאָר פאַרקעהרט, ברענגט זיי פיל נוצען און גרויסען וואוילזיין.

די רעזולטאַטען פון דעם אַראַבישען סטרייק

אויך די שטעלונג, וואָס די אידען אין ארץ ישראל האָבען אָנגענומען גע־גען דעם אַראַבישען סטרייק, רעדט פאַר זיך אַליין, ווי ווייט דער איצטיגער אידישער ישוב איז דיסציפּלינירט און אויסגעהאַלטען, ניט צו באַלעסטיגען די אַראַבער אומזיסט. דער סטרייק איז נאָך 24 וואָכען געקומען צום ענדע. עס זיינען נאָך ניט קלאָר די גענויע רעזולטאַטען פון דעם סטרייק. עס וועט נאָך נעמען אַ שטיקעל צייט ביז אַלץ וועט קלאָר ווערען, און דאַן וועט מען קאָנען ווי געהעריג אָפּשאַצען די אמת'ע לאַגע.

די ערשטע פראַגע אָבער שטעלט זיך גלייך אוועק: מיט וואָס פאַר אַ גוטע רעזולטאַטען האָט זיך דער סטרייק געענדיגט פאַר די אַראַבישע עפענדים, וואָס האָבען איהם ממש אַרויפגעצוואונגען אויף די אַראַבישע מאַסען? אַז דער סטרייק איז געווען אַ געצוואונגענער, און איז אויפגעהאַלטען געוואָרען דורך טעראָר, איז געווען קלאָר די גאַנצע צייט. און אויב עס האָט נאָך געפעלט אַ באַווייז דערצו, געפינען מיר עס אין דער גרויסער פרייד, מיט וועלכער די אַראַבישע באַפעלקערונג האָט אויפגענומען דעם סוף פון דעם סטרייק. אין אַלע אַראַבישע דערפער און שטעדט האָט מען גענומען פוצען די געשעפטען, שייַ־ערען די געצייג און רייניגען די וועגענער און אויטאָמאָבילען פונקט, ווי מען וואָלט זיך געגרייט עפּעס צו אַ גרויסען יום־טוב. אין אַ סך ערטער האָבען די אַראַבער אַרויסגעלאָזען זיך צו באַגעגענען די אידען מיט פאָנען, וועלכע האָבען געהאַט דעם אויפשריפט „שלום" אויף זיי. ניט אַזוי באַגעגענט מען שונאים; אַזוי באַגעגענט מען נאָר ברידער אָדער קרובים, פון וועלכע מען איז געווען אָפּ־געריסען דורך גוואַלד, דורך אַ פיינדליכען דרוק. וואָס אַנבעלאַנגט דעריבער די אַראַבישע מאַסען, איז דאָך אָפּגערעדט, אַז זיי האָבען פון סטרייק גאָר ניט געוואונען. מיט וואָס אָבער האָט זיך דער סטרייק געענדיגט פאַר די אַראַבי־שע פיהרער, די עפענדים? זיי האָבען טאַקע אַלץ פאַרלאָרען.. קיין איינע פון זייערע פאָדערונגען איז ניט נאָכגעגעבען געוואָרען.

די דריי הויפּט פאָדערונגען, וואָס זיי האָבען אַרויסגעשטעלט, זיינען גע־ווען די פאָלגענדע: (1) אָפּצושטעלען די אידישע אימיגראַציע; (2) פערבאָטען

צו פערקויפען לאַנד צו אידען; (3) צו שאַפען אַ נאַציאָנאַלע אַראַבישע רעגירונג. אין די אַלע פאָדערונגען האָבען זיי גאָר נישט אויסגעפיהרט. דער אַראַבישער קאָמיטעט האָט דעם סטרייק צוריקגערופען ניט אין זיין אייגענעם נאָמען, נאָר אויף דעם אַפּיל פון די אַראַבישע קעניגען אין די שכני'שע לענדער. דאָס לאָזט זיך ערקלערען מיט דעם, וואָס די אַראַבישע פיהרער האָבען ניט געהאַט מיט וואָס צו באַרעכטיגען דעם אָפּשטעל פון סטרייק פאַר זייערע מאַסען, מורא האָבענדיג צו נעמען די אחריות אויף זיך אַליין. האָבען זיי דערייבער אויסגעקליבען דעם לייכטסטען וועג, ווענדענדיג זיך צו די אַראַבישע הערשער פון די שכנ'ישע לענדער. ווען עס וואָלט געווען צו ערוואַרטען גרויסען קרעדיט, פּרעסטיזש אָדער כבוד, וואָלטען די אַראַבישע עפענדים דאָס זיכער ניט אַוועקגעגעבען צו אַנדערע, זיי וואָלטען עס בעסער גענומען פאַר זיך.

אין פילע פּרטים איז די איצטיגע לאַגע צום ענדע פון סטרייק שטאַרק עהנליך צו די אומרוהען פון 1929. די אידען האָבען געלערנט פון זייער לאַנגען נסיון אין לאַנד, אַז נאָך יעדען אָנפאַל, נאָך יעדען סטרייק אָדער פּאָגראָם, קומט אַרויס דער אידישער ישוב געשטאַרקט און מעהר דיסציפּלינירט. אַזוי האָט פּאַסירט נאָך די געשעהענישען פון 1929, דאָס זעלבע וועט נאָכפאָלגען אויך נאָך דעם איצטיגען סטרייק. די וועלט האָט גאָר קיין בעגריף ניט געהאַט, ווען דער סטרייק האָט זיך אָנגעפאַנגען, אַז דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל איז שוין אויף אַזוי פיל איינגעוואָרצעלט אין לאַנד, ווי ער האָט עס אַרויסגעוויזען, ווען דער סטרייק האָט זיך געענדיגט אין אַ גרויסער פיאַסקאָ. אום אויסצוהאַלטען אַ סטרייק גאַנצע 24 וואָכען, דאַרף מען דערצו האָבען גענוג פיזישע, מאָראַלישע, און מאַטעריעלע כוחות. דער ישוב האָט באַוויזען, אַז ער פאַרמאָגט עס אין אַ גרויסער מאָס. קיין איין פּאָזיציע האָבען די אידען ניט פאַרלאָרען אָדער אויפגעגעבען. פאַרקעהרט, אין מיטען ברען פון דעם קאַמף האָבען זיי גראָד געוואונען נייע פּאָזיציעס. דער האַפען אין תל אביב איז אַזאַ נייע פּאָזיציע. אויך זיינען געשאַפען געוואָרען פאַר דער קורצער צייט אַ גאַנצע רייהע נייע פאַבריקען און אינדוסטריעס. די שטיינהאַקעריי איז אינגאַנצען אַריבער אין אידישע הענט, הגם ביז איצטער האָבען אידישע אַרבעטער ניט געקאָנט צוטרעטען צו דער מלאכה. די גאַנצע האַפען אַרבייט פון תל אביב ווערט אויך געטאָן בלויז דורך אידישע אַרבעטער.

די אידען אין דער גאַנצער וועלט האָבען דעם פולסטען צוטרוי צו די אידישע בויער פון ארץ ישראל, און זיי זיינען איבערצייגט, אַז די חלוצים וועלען געוויס געפינען דעם ריכטיגען וועג צו דער ערלייזונג פון אַלע וויטעדיגע שווערע פּראָבלעמען, וואָס זיי וועלען באַגעגנען, נאָך דעם ווי דער ביטערער קאַפּיטעל פון דעם אַראַבישן סטרייק איז געקומען צו אַ גוטען סוף.

אונזער איצטיגע פליכט איז דעריבער צו זיין פאַראייניגט, און אויפריכטיג צו שטיצן פינאַנציעל און מאָראַליש אָט די העלדען, די חלוצים פון דעם ישוב, וועלכע אָפּפערען זייער לעבען פאַר דעם אויפבוי פון אונזער נאַציאָנאַלער היים. מיר מוזען עס איצטער טאָן נאָך מעהר ווי פריהער. עס איז ניט גענוג בלויז צו פאַרפלאַנצען אַ בוים אין ארץ ישראל, מען דאַרף נאָך העלפען דערצו דעם יונגען חלוץ, וועלכער וויל מיט זיין אייגען לעבען דעם בוים בעשיצען. עס איז נאָך וויכטיג, אַז אַ זומפּ זאָל אויסגעטריקענט ווערען, אַז אַ קבוצה זאָל געגרינדעט ווערען, און אַ שטאָדט זאָל פון זאַמד ארויסוואַקסען; מען דאַרף נאָך דערצו העלפען די פאַרטיידיגער, וואָס באַוואַכען דעם אויסגעטריקענטען באָדען, און וואָס באַשיצען די קבוצה און שטאָדט, די קינדער־היים און די פאַבריק, מיט אַזאַ טרייהייט און מסירת נפש, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזעלכעס ניט געזעהן. ניטאָ קיין איין פונקט אין ארץ ישראל, וואָס זאָל ביי די חלוצים דאָרט ניט ווערט זיין פאַרטיידיגט צו ווערען מיט זייער לעבען. פאַרקעהרט, דאָרטען איז ניטאָ קיין איין דערגרייכונג אונזערע, וואָס זאָל ניט זיין פאַר אונזער שונא צו ווערטפול, אום עס ניט אָנצוגרייפען. דעריבער, מוז אַלץ געהיט און בעשיצט ווערען: דער יונגער וואַלד, די איינזאַמע הייזער אין די פּראָוואָרפענע גאַסען פון שטאָדט און דאָרף, דאָס לאַנד־ווירטשאַפט פון עמק, די פּרדסים אין די קאָלאָניעס, דער שפיטאָל און דער סאַניטאַריום, דער אויטאָמאָביל אויף דעם שאָסיי, און דער אוניווערזיטעט אויף דעם הר הצופים — אַלץ דאַרף האָבען אַ געטרייע אויג, אַ מעכטיגע האַנט און אַ מוטיגען אידישען וועכטער.

שליסענדיג, וויל איך אויסדריקען די האָפענונג, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועלען מיר קאָנען זאָגען מיט אַן אינווייניגסטער פרייד און איבערצייגונג, אַז אין דער צייט פון דעם קאַמף פון אונזערע חלוצים מיט אונזערע שונאים, זיינען מיר דאָ אין אַמעריקאַ געשטאַנען אויף דער וואַך, פונקט ווי זיי, אונזערע גבורים אין ארץ ישראל האָבען ניט פאַרלאָזען זייערע פּאָסטענס. איך וויל אויך האָפען, אַז די זון וועט זיך דורכרייסען דורך דעם וואָלקען, וואָס איז געהאַנגען איבער'ן קאָפּ פון דעם ישוב דורך דער ביטערער צייט, און זי וועט ווידער אָנפאַנגען העל צו שיינען אויף דעם האָריזאָנט פון דעם אידישען אויפבוי אין אונזער הייליגען לאַנד.

די שטעלונג פון גרויס-בריטאַניע צום ארץ ישראל אויפבוי

ענגלאַנד דאַרף ארץ ישראל האָבען, ניט אַזוי צוליב די אידען, ווי צוליב זיך זעלבסט. אויב אינדיע ווערט אָנגערופען די פערל פון דער ענגלישער קרוין, קאָן מען זאָגען, אַז אויך ארץ ישראל איז איינער פון די דימענטען פון דער גרויסער וועלט אימפעריע. דאָ ווערט געשאַפען און נאָך מעהר קאָן געשאַפען ווערען די וויכטיגסטע פּאָליטיש־סטראַטעגישע פּאָזיציע פון ענגלאַנד. אין ארץ ישראל האָט זי געוואונען אַ פּאָזיציע, צו וועלכער זי האָט געשטרעבט צעהנדליגער יאָהרען, און זאָגאַר געפיהרט שווערע קאַמפען. דאָס זאָגען אָפען אַרויס די אָנגעזעהענסטע ענגלישע פּאָליטיקער.

אין ארץ ישראל דערשלאָגט זיך ניט בלויז דאָס אידישע פאָלק צו אַ זיכער־רען ברעג. דאָרטען ליגען די שליסלען פון ענגלאַנד׳ס הערשענדער מאַכט איי־בער דער וועלט. די פּאָרט שטאָדט חיפה קאָן בעטראַכט ווערען אַלס איינער פון די וויכטיגסטע סטראַטעגישע פונקטען פון דער בריטישער מלוכה. חיפה איז דער בריק צווישען אייראָפּאַ, אַזיע און אפריקאַ. דיזער פּאָרט איז דער טויער פון דער ציוויליזירטער וועלט: פון דאָנען ציהען זיך וואַסער־וועגען קיין דרום, מזרח, און מערב, וועלכע דערגרייכען אפילו טראַנסוואַל, אין דער וויטסטער דרום אפריקאַ. דורך חיפה האָט ענגלאַנד אַ פאַרבינדונג מיט איהרע קאָלאָניעס אין די פאַרשיידענע וועלט טיילען, דורך דער יבשה, דורכ׳ן וואַסער און דורך דער לופט. חיפה האָט אויך זעהר אַ חשוב׳ע בעדייטונג פאַר ענגלאַנד, אַלס דער ענדע פונקט פון די רערען, דורך וועלכע עס פליסען די נאַפט שטראָמען פון איראַק, און אַלס דער הויפּט פּאָרט פאַר נאַפט טראַנספּאָרט אין דער ברייטער וועלט אַרויס.

אין די אינטערעסען פון דער בריטישער פּאָליטיק ליגט אַלזאָ, אַז אין ארץ ישראל זאָל זיך ענטוויקלען אַ אידישער ישוב. ענגלאַנד דאַרף האָבען אַ פריינד־ליכען גוט ענטוויקעלטען ישוב אין ארץ ישראל צוליב איהרע אייגענע אינטע־רעסען. זי דאַרף אין דיזען ווינקעל פון דעם ערד־קוגעל האָבען מענשען, אויף וועלכע זי זאָל זיך קאָנען שטיצען, פון וועלכע זי זאָל קאָנען ערוואַרטען גרויס לאָיאַליטעט אין אַן ערנסטען מאָמענט. זי דאַרף דאָרט האָבען מענשען, וועלכע זאָלען דאָס לאַנד אויפבויען, אַריינברענגען קולטור, ענטוויקלען אינדוסטריעס,

בויען פאַבריקען, מיט איין וואָרט באַלעבען די וויסטעניש. זי דאַרף דאָרט האָבען אַ באַפעלקערונג, וועלכע זאָל, סיי אין קולטור און סיי אין כאַראַקטער, זיך שטאַרק אונטערשיידען פון די פרימיטיווע מדבר׳דיגע אַראַבישע שבטים.

אויף די אַראַבער קאָן זיך ענגלאַנד גאָר ניט פאַרלאָזען. זיי וועלען איהר ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט פעררואַטען. אין אַן ערנסטען פּאָליטישען מאָמענט, וועלען די אַראַבער אויסברעכען אין אַ פייערדיגער רציחה געגען דער בריטישער הערשאַפט. נאָר דער אידישער ישוב קאָן און וועט זיך געפינען אין אַן ענטשיידענעם מאָמענט ביי דער זייט פון ענגלאַנד. און דאָס ווייסט מען זעהר גוט אין לאָנדאָן.

ענגלאַנד צווייפעלט ניט, אַז די אידען האָבען געזעצליכע רעכט אויף דעם הייליגען לאַנד. ניט בלויז אין דער באַלפור דעקלאַראַציע איז אַנערקענט געוואָרען דער פּרינציפּ פון דעם אומקעהרען זיך פון אונזער פאָלק צו זיין אייגענעם היסטאָרישען באָדען. די זעלבע מיינונג איז פאַרבליבען אויך ביז היינט ביי דער גרויסער מעהרהייט פון ענגלישע פיהרער, שרייבער, און מלוכה טעאָרעטיקער. פילע מאָל לעזען מיר אין די ענגלישע זשורנאַלען אַרטיקלען פון זייערע פּובליציסטען, וואו זיי בעהאַנדלען די אידישע פראַגע. מיט אַן עכט ענגלישער געלאַסענקייט באַווייזען זיי, אַז פאַר דער איצטיגער אידישער לאַגע איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווי ארץ ישראל: דאָס פאָלק פון דער ביבעל מוז געהן צוריק צו דעם לאַנד פון דער ביבעל. נאָר אידען האָבען דאָס רעכט צו דעם דאָזיגען לאַנד. דאָס אויפלעבונג פון אַ אידישער ארץ ישראל איז סיי עטיש, סיי פעלקער־רעכטליך, און סיי היסטאָריש אַ גערעכטע און אַ נויטווענדיגע זאַך.

די אַראַבער טענה׳ן, אַז זיי וואוינען פיל לענגער אין פּאַלעסטינאַ, ווי די אידען, און דערפאַר האָבען זיי כלומר׳שט מעהר רעכט אויף דעם לאַנד, ווי די אידען. אָבער דאָס איז לחלוטין פאַלש, דאָס איז ניט ריכטיג היסטאָריש. אָט איז דער חשבון: די אידען זיינען אַריינגעקומען אין ארץ ישראל בערך דרייצעהן הונדערט יאָהר פאַר דער איצטיגער צייט־רעכענונג, און פאַרלאָרען זייער הערשאַפט איבער דעם לאַנד אין יאָהר זיבעציג פון דיזער צייט־רעכענונג. איצט לאָמיר אַ קוק טאָן אויף דער אַראַבישער געשיכטע. די אַראַבער האָבען איינגענומען דאָס לאַנד אין 634 פון דער איצטיגער צייט־רעכענונג, און אין יאָהר 1099, האָבען די קרייצען־טרעגער ביי די מאַכמעדאַנער צוגענומען דאָס לאַנד. דאָס הייסט, אַז די אַראַבער האָבען רעגירט איבער׳ן לאַנד בלויז 465 יאָהר. זינט דאַמאָלסט האָט ארץ ישראל דורכגעמאַכט פילע דראַמאַטישע פּאַסירונגען. זי איז אַריבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, אָבער קיינמאָל ניט געווען אין פאָלקאָמען אַראַבישען באַזיץ.

אָבער ניט אַ קאַלטער חשבון אַליין באַרעכטיגט אונז אויף ארץ ישראל,

עס זיינען פאַראַן נאָך וויכטיגערע אורזאַכען, וועלכע באַשטעטיגען אונזערע רעכט אויף דאָס לאַנד. אידען זיינען דאָס איינציגע פאָלק אויף דער וועלט, וועלכעס האָט אין ארץ ישראל געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַן אייגענער מלוכה. די אַראַבער האָבען אין אַלע עקען וועלט אויסגעשפּרייט קאַליפאַטען, און זייערע געקרוינטע הערשער האָבען פילע רעזידענצען געביטען, נאָר מערק־ווירדיג, דוקא אין ארץ ישראל, האָבען זיי קיינמאָל אין דער געשיכטע ניט נעגרינדעט קיין מלוכה. זיי האָבען בכלל ניט בעטראַכט ארץ ישראל פאַר זייער היימאַט. עס איז אפילו ניטאָ קיין אַראַבישער נאָמען פאַר דאָס לאַנד. „פּאַלעס־טינאַ" איז אַ טערמין, מיט וועלכען עס האָבען זיך באַנוצט די אַלטע גריכען און רוימער. פאַר די אַראַבער איז ארץ ישראל אַ חלק פון דרום סיריע.

דאָס אידישע פאָלק איז דאָס איינציגע פאָלק פון דער וועלט, וועלכע איז טיף אינערליך, גייסטיג פאַרבונדען מיט ארץ ישראל. מיר האָבען קיינמאָל ניט אויפגעהערט מתפּלל צו זיין פאַר דעם אויפבוי פון לאַנד. דאָרט איז גע־שאַפען געוואָרען אַ ריין אידישע קולטור, דאָרטען זיינען ענטשטאַנען די ריי־זיגע מאָנומענטען פון דעם אידישען גייסט. פון די בערג און טאָהלען פון יהודה האָבען אונזערע גייסטיגע פיהרער זייערע אידעען פון יודענטום געגעבען, אַלס אַ ירושה פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. מיט ארץ ישראל זיינען די אידישע נשמה און הארץ מיט די שטאַרקסטע פעדים פאַרבונדען. דאָס ווייסען אַלע זעהר גוט אין גאָר דער וועלט.

אין דער וועלטליכער, און אפילו אין דער אראבישער ליטעראַטור, איז ארץ ישראל פאַררעכענט פאַר אַ לאַנד פון דער אידישער פאַרגאַנגענהייט, און אויך פון דער אידישער צוקונפט. אַ סך נאָבעלע מענשען צווישען די קריסטלי־כע פעלקער האָבען געוואָלט העלפען די אידען זיך אומצוקעהרען קיין ארץ ישראל. אין ענגלאַנד האָבען געלעבט זעהר פיעל לאָרדען דיכטער, און דענקער, וועלכע האָבען געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג פאַר דער אידעע פון שיבת ציון.

די אַראַבישע קולטור איז אָרגאַניש פרעמד צו דאָס לאַנד. ניט זי איז גע־בוירען דאָרטען, און ניט זי ציהט וועלכע עס איז יניקה פון דאָרטען. יאָ, עטלי־כע הייליגע ערטער האָבען דאָרטען די מוסולמענער, אָבער אַזעלכע פלעצער האָבן אויך די קריסטען. וועט צוליב דעם וועמען איינפאַלען צו מאַכען ארץ ישראל פאַר אַ קריסטליכער מדינה? ניטאָ קיין שום לאָגישער און קיין שום מענשליכער אַרגומענט, וואָס זאָל רעדען פאַר די אַראַבישע פאָדערונגען.

ענגלאַנד פרעגט ניט אָפּ אונזערע רעכט אויף ארץ ישראל. די ענגלענדער זיינען אויך ניט קיין פיינט פון דעם אידישען פאָלק. אפילו אין דעם איצטיגען כאַאָטישען פעריאָד אין דער וועלט, ווען דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך

אזוי צוהוליעט, איז אידען־האס אין ענגלאנד ניט גאר קיין חשוב'ער ענין, קיינעם פאלט דארט ניט איין צו וועלען עפעס אויפטאן מיט דער הילף פון אנטיסעמיטיזם. אידען־האס אין ענגלאנד, אויב עס קריכט שוין יא אמאל ארויס אויף דער ליכטיגער שיין, איז עס מעהר אן אויסדרוק פון פערזענליכען אומ'חן צו יחידים. מען קאן אבער נישט מאכען דער ענגלישער רעגירונג קיין פארוואורף בנוגע איהר באציהונג צו די ארטיגע אידען.

די אויפגאבע צו פארשפרייטען אידען־האס ביי דעם פאשיסט מאזלי האט ארויסגערופען גרויס אומצופרידענהייט ביי דער רעגירונג. אלס א פראטעסט געגען דיזער אוואנטורע האט דער ענגלישער פארלאמענט אנגענומען א געזעץ צו פארבאטען יוניפארמירטע ארגאניזאציעס, וועלכע האבען געוויסע פאליטישע צילען, און צו באשטראפען די מיטגלידער פון אזעלכע ארגאניזאציעס פאר טראגען יוניפארמס. אין ענגלאנד וויסען נאך אידען פון גלייכבארעכטיגונג. דארטען איז נאך דער אידישער אפשטאם קיין שאנד פלעק ניט, אידען קאנען דערגרייכען די חשוב'סטע אמטען. דארטען הערשען נאך די טאלעראנץ טראדיציעס פון פילע פילע יאהרען, א דאנק וועלכע סער משה מאנטעפיארע האט מיט א הונדערט יאהר צוריק זיין וואונדערבארע קאריערע געמאכט.

אן אויסדרוק פון דער סימפאטישער ענגלישער באציהונג צו אידען איז געווען די היסטארישע אידען־דעבאטע, וואס איז ערשט ניט לאנג פארגעקומען אין פארלאמענט. טיף מענשליך האט דער פארלאמענט גערעדט וועגען אידען און זייער טרויעריגער לאגע אין דער וועלט, מיט פיל פארשטענדעניש און מיטגעפיהל. די פארשטעהער פון אלע ריכטונגען, אלע האבען זיי געריהמט די גרויסע אידישע לייסטונגען פאר דער וועלט און פאר דער בריטישער אימפעריע. איינער פון די קאנסערוואטיווע דעפוטאטען האט אין זיין רעדע געפונען פאר נויטיג צו דערמאנען, אז ענגלאנד האט צו פארדאנקען צוויי אידען: דעם פרעמיער־מיניסטער דיזראעלי, און דעם גרויסען פינאנסיר ראטשילד, פאר דעם באזיץ פון אזא וויכטיגען פונקט, ווי דער סועץ קאנאל. דער דעפוטאט האט דערמיט געוואלט זאגען, אז אין ענגלאנד איז ניט נאר וואס מען שעמט זיך ניט מיט אידען, נאר מען איז פארקעהרט, זיי זעהר פיל דאנקבאר פאר זייערע נוצליכע אויפטוהונגען און דערגרייכונגען. דארט גלויבט מען ניט אין דער לעכערליכקייט, אז אידען געהערען צו א נידעריגער ראסע, דארט האט מען פאר זיי די טיפסטע געפיהלען פון אכטונג און פארעהרונג.

אויפמערקזאַמקייט צום צוואַנציגסטען ציוניסטישען קאָנגרעס

דער צוואַנציגסטער ציוניסטישער וועלט קאָנגרעס קומט זיך צונויף דעם קומענדען אויגוסט, 1937, אין זעהר אַ שווערער צייט. די לאַגע אין דער גאַנצער וועלט איז אַזאַ שרעקליכע און ניט זיכערע, אַז קיינער ווייסט ניט וואָס דער מאָרגען קאָן ברענגען. די שוואַרצע כוחות פון רעאַקציע באַדראָהען אומצוברענגען דאָס בעסטע און דאָס שעהנסטע, וואָס די מענשהייט האָט געשאַפען. שנאה און געוואַלד־טהאַטען פאַרשפּרייטען זיך אַלץ מעהרער און מעהרער אין אַלע לענדער.

ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע צייטען, איז די לאַגע פון די אידישע מאַסען געוואָרען אומערטרעגליך. מיליאָנען אידען געהען אוים בוכשטעבליך פון הונגער און נויט, און זינקען טיף אין אַ לעבען פון פאַרפאַלגונגען און אכזריות'דיגע אָנפאַלען. די אידישע יוגענט איז פאַרצווייפעלט און הילפלאָז. זי האָט ניט קיין שום אויסוועג פאַר איהרע יונגע קרעפטען, אום אויסצונוצען זיי אין אַ וועלכער עס איז שעפערישער פּראָדוקטיווער אַרבייט.

אין די לעצטע יאָהרען איז ארץ ישראל געוואָרען זייער איין־איינציגער אויסוועג. טויזענטער פאַרפאָלגטע אידישע פאַמיליעס האָט דאָס לאַנד גאַסטפריינדליך אויפגענומען, זיי איינגעאָרדענט, און געגעבען אַ מעגליכקייט צו לעבען פריי און בכבוד'יג. פאַר דער אידישער יוגענט האָט דאָס לאַנד אויפגעעפענט ברייטע וועגען פון אויפבוי, פון טהעטיגקייט, אין וועלכע יונגע כוחות קאָנען אויסנוצען זייער איבערגעבענהייט, ענטוזיאַזם און יוגענטליכען פייער.

צו אונזער גרוים בעדויערען איז אָט דער אויסוועג צייטווייליג באַשרענקט געוואָרען. די בייזע וועלט מיט די שוואַרצע כוחות, וואָס קעמפען מיט יעדען שטראַל פון ליכט און גערעכטיגקייט, קאָנען ניט צוקוקען גלייכגילטיג, ווי עס ווערט געשאַפען אַ געזונטע אידישע פאָלק אין ארץ ישראל. זיי קאָנען ניט צוזעהן, ווי די אידישע אַרבעטערשאַפט, די טרעגערין פון הויכע סאָציאַלע אידעאַלען האַלט זיך דאָרט אין פאַרגרעסערען, און ווערט אַן אָנפיהרענדער עקאָנאָמישער און קולטורעלער פאַקטאָר אין דעם אידישען לעבען. די פינסטע־

רע כוחות פון די דיקטאַטאָרישע לענדער האָבען פונאַנדערגעפלאַקערט אַ פייער פון נאַציאָנאַלער שנאה פון די אַראַבער געגען דעם אידישען פאָלק.

שוין גאַנצע צוועלף מאָנאַטען, ווי ארץ ישראל, דאָס לאַנד, וועלכע איז די איינציגע נאַציאָנאַלע רעאַליטעט אין דעם אידישען לעבען, וואָס האָט אויפגענומען קרוב צו אַ פערטעל מיליאָן אידען פון דייטשלאַנד, פוילען און רומעניען אין די לעצטע זעקס יאָהרען, און אין דער זעלבער צייט אָפּגעראַטעוועט טויזענטער אידישע פאַמיליעס פון חרפה און אונטערגאַנג, די דאָזיגע ארץ ישראל שטעהט שוין גאַנצע צוועלף חדשים אויף דער וואַך: אין איין האַנט האַלט מען געווער זיך צו פאַרטיידיגען, און מיט דער צווייטער האַנט בויט מען דאָס לאַנד; ביי נאַכט אויף דער שמירה, און בייטאָג ביי דער שווערער ארבייט אין פעלד און אין גאַרטען.

געווים וואָלט דער ישוב פון די פיער הונדערט טויזענד אידישע איינוואוינער אין ארץ ישראל גלייך געקאָנט אָפּשטעלען די בלוטיגע אַטאַקעס אויף זיי. דער ישוב האָט נאָר געדאַרפט זאָגען: „מיר זיינען מסכים אָפּצושטעלען די אידישע אימיגראַציע אין אונזער לאַנד", און צוריק וואָלטען שלום און רוה געהערשט אין לאַנד. אָבער דער ישוב האָט עס ניט געזאָגט, און וועט עס ניט זאָגען.

ער פיהלט די גאַנצע אחריות, וואָס ליגט אויף איהם אין דעם מאָמענט, ווען מיליאָנען ברידער און שוועסטער טרינקען זיך אין אַ ים פון צרות און פערפאָלגונגען, געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון נויט און שאַנד, אכזריות און מאָרד, שפּאָט און נידערטרעכטיגער באַליידיגונג אין גאָר אַ גרויסען טייל פון דער וועלט. יאָ, די אידישע באַפעלקערונג פון ארץ ישראל ווייסט און פיהלט די גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אונזערע צווייטע און צושפּרייטע ברידער, און איהר אויפגאַבע איז צו זעהן האַלטען די טויערען פון ארץ ישראל ברייט אָפען פאַר די געפייניגטע קינדער פון פאָלק. און אָט מיט דעם טיפען בעוואוסטזיין, שטעהט דער ישוב טאָג און נאַכט, און קעמפט, און ארבעט, און בויט ווייטער, שאַפענדיג נייע מעגליכקייטען, נייע קוואַלען פון ארבייט און פרנסה, און וואַרט מיט אומגעדולד טאָג איין, טאָג אוים אויף שיפען וואָס דאַרפען ברענגען נייע היימלאָזע און פאַרוואָגעלטע אידישע פאַמיליעס צו אַ זיכערען ברעג אין אונזער לאַנד.

נאָך דעם אויסברוך פון די אומרוהען אין ארץ ישראל, זיינען אונטערזוכט געוואָרען אונזערע רעכט אויף אונזער לאַנד. די בריטישע רעגירונג האָט געשיקט אַן אויספאָרשונגס קאָמיטעט, אַ קעניגליכע קאָמיסיע, אויסצוגעפינען די סבות פון די אַראַבישע אומרוהען, און אָנצייכענען די וועגען, וואָס זאָלען פאַרהיטען און אויסמיידען אַזעלכע אָנפאַלען אין דער צוקונפט. עס זיינען נאָך

פאַרלויפיג ניט באַקאַנט די קאָנקרעטע פלענער פון דער קעניגליכער קאָמיסיע. אָבער אין דער צייט פון דער אונטערזוכונג האָבען מיר מיט שטאָלץ און ווירדע געפאָדערט אונזערע אומבאַשטרייטבאַרע רעכט אויף אַ פרייער אימיגראַציע קיין ארץ ישראל, און גלייכצייטיג אויפגעוויזען די אָביעקטיווע מעגליכקייטען וואָס דאָס לאַנד בעזיצט, כדי אויפצונעמען אַ גאַנץ גרויסען שטראָם פון נייע אימיגראַנטען.

איין זאַך איז קלאָר, אַז די קעניגליכע קאָמיסיע וועט קומען צוריק קיין ענגלאַנד מיט פאַרטיגע פלענער, וועלכע וועלען געווים בעשטימען דעם גורל פון אונזער אַרבייט אין ארץ ישראל. דער צוואַנציגסטער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט דאַרפען נעמען אַ שטעלונג צו יענע פלענער, און אויך אָננעמען ווייטגעהענדע פעראַנטוואָרטליכע בעשלוסען. דער צוקינפטיגער קאָנגרעס מוז דערפאַר ווערען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק. דער קאָנגרעס מוז הייגטיגען יאָהר רעדען אין נאָמען פון מיליאָנען אידען. די ענגלישע רעגירונג מוז וויסען און פיהלען, אַז דיזער קאָנגרעס פאַרטרעט אין זיינע בעשלוסען די מיינונגען פון דעם רוב מנין און רוב בנין פון אונזער פאָלק, און אַז זיין וואָרט האָט הינטער זיך די מאַטעריעלע און מאָראַלישע שטיצע פון מיליאָנען אידען.

דאָס מאַכט אומגעהויער וויכטיג און נויטיג די פאַרשפרייטונג פון מיליאָנען שקלים. מיר מוזען קומען צום קאָנגרעס מיט אַ גרויסער צאָהל פון ציוניסטישע דעלעגאַטען, כדי האָבען די פול־מאַכט, דעם איינפלוס, און דאָס רעכט צו האַלטען די דאָזיגע אַרבייט און געוואונענע פאָזיציעס אין אחריות'דיגע הענט, און אויך כדי אויסצוגעפינען נייע וועגען פאַר אַ פרידליכען אויפבוי פון אונזער לאַנד.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו אַלע אונזערע מיטגלידער, צו די וואָס זייגען אימער מיט אונז, וועמען די צוקונפט פון ארץ ישראל און פון אונזער פאָלק איז טייער, מיט דער אויפפאָדערונג צו פאַרשפרייטען דעם שקל פאַר דעם צוואַנציגסטען קאָנגרעס, צו געהן אין גרויסע מאַסען צו די וואַהלען, און אָפגעבען זייערע שטימען פאַר דעם ציוניסטישען פראָנט. די פאַרגרעסערונג פון דער צאָהל פאַרשפרייטע שקלים איז די פאַרשטאַרקונג פון אונזער רעפרעזענטאַנץ אויף דיזען קאָנגרעס. גלייכצייטיג וועט עס דינען אַלס אַ פאַסיגער ענטפער צו אַלע שונאי ציון. זאָלען מיר ווידער אַמאָל בעווייזען, אַז מיר זיינען די הויפט טרעגער פון דער שטרעבונג צו אַ נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון די אידישע מאַסען אויף אַ געזיכערטען באָדען אויף אונזער לאַנד. באַזיצט יעדערער אַ שקל!

דער שקל גיט וואהל־רעכט צום קאָנגרעס, וועלכער איז די העכסטע ציוניסטישע אינסטאַנץ, די וויכטיגסטע פּאָליטישע טריבונע פון דעם וועלט אידענטום. שטאַרקט די הענט פון די, וואָס פאַרווירקליכען דעם ציוניזם און שטעהען אימער צו, אויף דער וואַך פון אונזערע פּאָזיציעס אין ארץ ישראל.

וואָס די אידען וועלען קאָנען אויפטאָן מיט אַן אייגענער מלוכה אין ארץ ישראל

די נבואה פון דר. הערצל, דעם גרינדער פון פּאָליטישען ציוניזם, האַלט ביי'ם מקוים ווערען. נאָך דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באזעל, מיט פערציג יאָהר צוריק, האָט דר. הערצל געשריבען אין זיין טאָגע־בוך פאָלגענדעס: „היינט האָב איך געגרינדעט דעם יודענשטאַט. ווען איך זאָל דאָס יעצט עפענט־ליך ערקלעהרען, וועט מען פון מיר זיך אויסלאַכען, אָבער אין פופציג יאָהר ארום, וועלען דאָס אַלע אנערקענען". דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1897. פון יענער צייט זיינען פאָראיבער ניט פופציג נאָר פערציג יאָהר. דער צוואַנציגס־טער קאָנגרעס אין צוריך, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס געשלאָסען, האָט פער־האַנדעלט וועגען אַ פאָרשלאַג פון דער בריטישער רעגירונג צו גרינדען אַ אידי־שען שטאַט אין ארץ ישראל.

נאָך צוויי טויזענט יאָהר פון גלות, איז אונזער פאָלק געשטעלט געוואָרען פאַר אַ רעאַלער מעגליכקייט פון גרינדען אַ זעלבסטשטענדיגע אידישע מלוכה. און יעצט וועט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, לויט דעם באַשלוס פון קאָנגרעס, פערהאַנדלען מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגען די גענויע באַדינגונגען, דאָס הייסט, וועגען דעם שטח, גרעניצען, און פולמאַכטען פון דער געפּלאַנטער אי־דישער מלוכה. ווען דער פּלאַן פון דער ענגלישער רעגירונג וועט גענוי אויסגע־ארבייט ווערען, דאַן וועט צונויפגערופען ווערען אַ ספּעציעלער ציוניסטישער קאָנגרעס, מעגליך אָנהויב זומער 1938, וואָס זאָל ענדגילטיג באַשטימען די פראַגע. אויב די ענטשיידונג וועט זיין אַ פּאָזיטיווע, דאַן וועט די אידישע מלוכה ווערען אַ פאַקט.

די הויפּט באַדינגונגען, אויף וועלכע די אידען וועלען באַשטעהן אין די פערהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד, וועלען זיין די פיער הויפּט פּונקטען. ערשטענס, אַ גענוגענדער און פּאַסענדער שטח, וואָס זאָל מעגליך מאַכען אַ גרויסע אידי־שע אימיגראַציע אין די קומענדע יאָהרען, און אַ וואַקסענדע אידישע קאָלאָניזאַ־ציע אין דאָרף און אין שטאָדט. צווייטענס, גרעניצען וועלכע זאָלען פאַרזיכע־רען די פּאָליטישע, סטראַטעגישע, און עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיגקייט פון לאַנד. דריטענס, אמת'ע און פולע זעלבסטשטענדיגקייט פון דער אידישער

מלוכה, און פערטענס, דער איינשלוס פון דער נייער מאָדערנער ירושלים אין אידישען שטאַט.

דאָס וועט זיין אַ שטאַט ניט נאָר פאַר די אידען, וועלכע זיינען שוין דאָ אין ארץ ישראל, נאָר פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק אַלס אַזעלכען, דאָס הייסט, פאַר יענע אידען, וועלכע דאַרפען, מוזען און ווילען פאַרלאָזען זייער וואוין־אָרט, אַז זיי זאָלען זיך קאָנען באַזעצען אין ארץ ישראל.

די אידישע מלוכה וועט זיך גרינדליך אונטערשיידען פון אַלע אַנדערע שטאַ־טען אין איין וויכטיגען פונקט. עס וועט זיך ניט נאָר אינטערעסירען וועגען די בירגער, וועלכע עס האָט שוין אין לאַנד, נאָר איהר הויפט אויפגאַבע וועט זיין צו מאַכען פּלאַץ פאַר אַ מאַסען אימיגראַציע. ארץ ישראל וועט דאַרפען אין אַ קורצער צייט אויפנעמען הונדערטער טויזענטער נייע אידישע אימיגראַנ־טען.

צו דער זעלבער צייט, וועלען אָט די דערמאָנטע פּלענער ארויפלייגען אויף דער אידישער רעגירונג דריי שווערע אויפגאַבען. ערשטענס, אום צו מאַכען פּלאַץ פאַר אַזוי פיל אימיגראַנטען, ווי נאָר מעגליך, וועט מען מוזען נעמען אויף זיך גרויסע קאָנסטרוקטיווע אויפגאַבען. יעדער ברעקעל לאַנד וועט מוזען בעאַרבייט ווערען. אַלע וואַסער רעסאָרסען פון לאַנד וועלען אויף דעם ראַציאָ־נאַלסטען אופן אויסגענוצט ווערען, כדי מעגליך צו מאַכען אַ אינטענסיווע און געדיכטע לאַנד־ווירטשאַפט.

אויפ׳ן שטח פון דעם אידישען שטאַט וועלען זיין בערך אַ צוויי־דריי מי־ליאָן דונאַם באַוואַסערטער באָדען, פון וועלכען נאָר זעהר אַ קליינער פּראָצענט ווערט איצט באַנוצט. דער אידישער ישוב האָט אונז איבערצייגט, אַז דורך מאָדערנע אַרבייטס מעטאָדען און מיט קינסטליכער באַוואַסערונג קאָן מען פון צוואַנציג דונאַם (פינף אַקער) באַקומען פיל מעהר, ווי פון צוויי הונדערט דו־נאַם אומבאַוואַסערטען און פּרימיטיוו בעאַרבייטען באָדען. מען האָפט אַלע זומפּען אויסטריקענען מיט דער הילף פון שטאַט. אַלע זאַמדיגע בערגלאַך וועלען בעאַרבייט ווערען, אום זיי זאָלען טראָגען פרוכט און מיטעלם־לעבען. אונ־זער ביז איצטיגע ארבייט אין ארץ ישראל האָט באַוויזען, אַז דאָס איז מעגליך אויסצופיהרען.

דער אידישער שטאַט וועט דורך אַ באַשטימטער געזעצגעבונג און אַ געזונטער האַנדעלס און טאַריף פּאָליטיק, ענערגיש און סיסטעמאַטיש פאַרגרע־סערען דעם וואוקס פון דער אידישער אינדוסטריע. די גינסטיגע געאָגראַפישע פּאָזיציע פון דער אידישער מלוכה אויפ׳ן ברעג פון דעם מיטעללענדישען ים, וואו עס טרעפען זיך צונויף דריי קאָנטינענטען: אַזיע, אַפריקע, און אייראָפּאַ,

וועט גורם זיין צו פאַרוואַנדלען די אידישע ארץ ישראל אין דעם גרעסטען האַנדעלס צענטער פון דער גאַנצער וועלט.

דער אידישער שטאַט, וואָס וועט בעזיצען איבער דריי פערטעל פון דעם ארץ ישראל'דיגען ברעג אויפ'ן מיטעללענדישען ים, און וועט האָבען אַ פרייען צוטריט צום אינדישען אָקעאַן דורך דעם רויטען ים, וועט אויפבויען אַ גרויסע אידישע האַנדעלס פלאָטע, און וועט פערוואַנדלען טויזענטער אידען אין קאַפיטאַנען, מאַטראָזען און אַנדערע ים אַרבעטער. אַן אָנהויב איז שוין געמאַכט געוואָרען אין תל אביב. דער דאָרטיגער פּאָרט איז אויסגעוואַקסען, קאָן מען זאָגען, איבער נאַכט. אָבער דאָס איז ביז איצט געשעהן אונטער אומגינסטיגע באַדינגונגען, אָהן דער הילף פון דער רעגירונג. דער אידישער שטאַט צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלען אָנשטרענגען אַלע זייערע קרעפטען און נויטיגע פינאַנציעלע מיטלען, אויסצובילדען אַ גרויסע ים מאַכט. און דאַן וועלען אידישע שיפען מיט אַ אידישען פערסאָנאַל אונטער דער פאָן פון יהודה, אָפּפאָהרען פון די פּאָרטען פון ארץ ישראל, ווי חיפה און תל אביב, און פאַרבינדען די יונגינקע אידישע מלוכה מיט אַלע צענטערס פון צעשפּרייטען אידישען פאָלק אין גאָר דער וועלט. די ימים און אָקעאַנען וועלען פאַרבינדען דעם אידישען שטאַט מיט אַנדערע לענדער. צוזאַמען מיט דער האַנדעלס פלאָטע, וועט דער לופט פאַרקעהר אויך מוזען עטאַבלירט ווערען. אינטענסיווע לאַנד־ווירטשאַפט, מאָדערנע אינדוסטריע, און ים טעטיגקייטען וועלען זיין די דריי עקאָנאָמישע זיילען, אויף וועלכע עס וועט געבויט ווערען די וואַקסענדע אויפנאַהמס פעהיגקייט פון דעם אידישען שטאַט.

די צווייטע אויפגאַבע אונזערע וועט זיין אָנצוקניפּען פריינדליכע באַציהונגען מיט אונזערע אַראַבישע שכנים. דאָס וואָס איז נישט געלונגען דעם קליינעם אידישען ישוב אונטער אַ פרעמדען רעזשים, וועט מוזען געלינגען דעם אידישען שטאַט. ענגלאַנד האָט זיך ניט שטאַרק אינטערעסירט אין אידיש־אַראַבישער פריינדשאַפט. פילע אַראַבישע פיהרער האָבען זאָגאַר געגלויבט, אַז ענגלאַנד קימערט זיך ניט וועגען די אידיש־אַראַבישע קאָנפליקטען, פאַרקעהרט, זי איז גאָר צופרידען פון די אָנגעשטרענגטע באַציהונגען אין לאַנד. זיי האָבען אויסגענוצט אָט דעם גלויבען, אויף זייער אייגענעם טרויעריגען אופן. פון דעם מאָמענט אָן, ווען די אידען וועלען איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר זייער אייגענעם גורל, וועלען זיי מאַכען די גרעסטע אָנשטרענגונג צו געווינען די פריינדשאַפט און צוטרוי פון די אַראַבישע שכנים, דורך זייער אָפענהאַרציגקייט און גערעכטיגער באַהאַנדלונג פון דער אַראַבישער מינאָריטעט אין דעם אידישען שטאַט. די אידען וועלען ווייזען דער וועלט אַ ביישפּיל, ווי אַזוי צו בעהאַנדלען עהרליך און גערעכטיג אַ שוואַכע מינאָריטעט.

ניט נאָר וועלען די ניט אידישע בירגער געניסען פון די זעלבע רעכט, ווי

די בירגער, נאָר די אידישע רעגירונג וועט מאַכען אָנשטרענגונגען צו דערהוי־בען דעם לעבענס־סטאַנדאַרט פון דעם אַראַבישען פויער און אַרבעטער. זי וועט איינאָרדנען אין די אַראַבישע דערפער גוטע סאַניטאַרישע באַדינגונגען, פונקט ווי אין די אידישע ישובים. אַן אויסגעהאַלטענע פּאָליטיק פון פולער גלייכהייט און פּאָזיטיווער ענטוויקלונגס הילף פאַר אַלע בירגער צוגלייך, וועט זיין דער ערשטער שריט אויפ׳ן וועג פון אידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיגונג און פריינט־שאַפט. מיט אַ שוואַכען אידישען ישוב וועלען די אַראַבער ניט שלום מאַכען, אָבער מיט אַ גוט אָרגאַניזירטער און רייך־ענטוויקעלטער אידישער מלוכה, וועלכע וועט וויסען ווי צו זיין אי שטאַרק אי גערעכטיג, וועט די אַראַבער לוינען זיך אָנצוקניפּען פריינדליכע באַציהונגען. און עס איז גאָר ניט אויסגע־שלאָסען, אַז דאָס לאַנד, וואָס וועט איצט צוטיילט ווערען דורך ענגלאַנד, זאָל שפּעטער פאַראייניגט ווערען אין אַ אידיש־אַראַבישער פעדעראַציע.

ניט וויכטיג איז באמת איצט, ווי גרויס און ווי ברייט דאָס נייע אידישע לאַנד וועט זיין. דער איד פאַרמאָגט די געטליכע קראַפט צו שאַפען אַ „יש מאין״. האָבען דאָך אונזערע נביאים, חכמים און געלערענטע מיט פילע דורות צוריק אונז געטרייסט, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט, און מיר וועלען זיך צוריקקעהרען צו אונזער אייגען לאַנד און דאָרט אויפבויען אונזער צוקינפטיגען הערליכען עתיד. זאָל דער איד נאָר קריגען ארץ ישראל פאַר זיך, אפילו אין די בעשטימטע ענגע גרעניצען, און ער וועט שוין געפינען אַ וועג, ווי אויסצו־ברייטערען די געקינסטעלטע גרעניצען.

גלייכצייטיג מיט די באַמיהונגען פאַר אַן אידיש־אַראַבישער פריינטשאַפט, וועט דער אידישער שטאַט דאַרפען אויך זאָרגען פאַר אָרדענונג און זיכערקייט אין לאַנד. דאָס וואָס די בריטישע אַדמיניסטראַציע האָט פאַר אידען ניט געוואָלט טאָן, וועט עס דאַרפען שאַפען די אידישע מלוכה אַליין. דער אידישער שטאַט וועט ניט זיין מיליטאַריסטיש איינגעאָרדענט. די קינדער און די יוגענט וועלען באַקומען אַ אידעאַלע הומאַניטאַרע פיל־פאַכיגע ערציהונג, ווייל די בירגער פון דער אידישער מלוכה דאַרפען דאָך בויען אַ פאַרנינפטיגען און זיכערען צוקונפט פאַר דעם גע׳רודפ׳טען פאָלק. די אידישע יוגענט וועט זיין באַשעפטיגט מיט לאַנד־ווירטשאַפט, ים אַרבייט, פערשיידענע אינדוסטריעס, אַוויאַציע, וויסענ־שאַפט, און קונסט. אָבער גלייכצייטיג וועט יעדער יונגער בירגער, סיי מאַן און סיי פרוי, פאַרבערייטעט ווערען פאַר אָרגאַניזירטער זעלבסט־שוץ און געהערי־גער באַנוצונג פון מאָדערנע וואַפען. אַ בירגער מיליציע מיט מאָדערנע גע־וועהר וועט אָפּהיטען די אינערליכע און אויסערליכע רוה און זיכערהייט פון לאַנד. קיין שנאה צווישען אידען און אַראַבער וועט ניט טאָלערירט ווערען. אומ־געוואונשענע עלעמענטען, ווי פאַרברעכער אָדער סתם כוליגאַנעס, צו וועלכען

פאָלק זיי זאָלען ניט געהערען, וועלען ענערגיש און מיט אַ פעסטער האנט אונטערדריקט ווערען.

דאָס ערמעגליכען פון אַ מאַסען אימיגראַציע פאַר אידען, דאָס אָנקניפּען פון פריינדליכע באַציהונגען מיט די אַראבער, דאָס שטרענגע אָנהאַלטען פון רוה און אָרדענונג, אום צו פאַרזיכערען די ענטוויקלונג פון לאַנד אויף אַלע געביטען, וועלען זיין די דריי הויפּט אויפגאַבען פון דער אידישער מלוכה. דאָס וועלען ניט זיין קיין לייכטע אויפגאַבען. עס ערוואַרטען אונז אומגעהויער גרויסע שוועריגקייטען, און אפשר אויך ערנסטע געפאַרען. אָבער דער מערקווירדיגער ווידערשטאַנדס קראַפט, וואָס אונזער פאָלק האָט אַרויסגעצייגט אין דעם צוויי טויזענד־יעהריגען גלות, און די וואונדערבאַרע שעפערישע קראַפט, וואָס די אידען האָבען באַוויזען אין די לעצטע דרייסיג־פערציג יאָהר אין ארץ ישראל, דאַרפען אונז דינען אַלס פאַקטישע איבערצייגונגען פון אונזער פעהיגקייט צו בויען אַ לאַנד, און קאָנען אונז אין אַ גרויסער מאָס ערמוטיגען אָנצוגעהן מיט אונזער אַרבייט.

אַ זעלבסטשטענדיגע אידישע מלוכה אין ארץ ישראל, געשטיצט פון דעם אידישען פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, וועט ערלייזען אָט די אַלע שווערע פראָבלעמען פון דעם היימלאָזען פאָלק.

הגלילה!

מיר געהען אַרויף צום גליל העליון! אין דער צייט, ווען דער שיקזאַל פון ארץ ישראל, סיי פּאָליטיש און סיי טעריטאָריעל, ווערט געוואויגען און געמאָס־טען, דערטראָגט זיך צו אונז דער ענטשלאָסענער אויסגעשריי פון אונזערע חלוצים: „אנו נבנה הגליל"! — „מיר וועלען בויען דעם גליל". דאָס איז דער ענטפער פון ישוב צו אונזערע שונאים. פּונקט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, איז די אידעע דורכגעלאָפען בליץ־שנעל דורך דער גאַנצער אידישער וועלט. דורכ־געדרונגען מיט'ן גייסט צו שאַפען נייע פּאָזיציעס און אויסברייטערען די גרע־ניצען פון אונזער פּראָספּעקטיווען אידישען שטאַט, האָט די ארץ ישראל אַרבע־טערשאַפט שטאַרק ענטוזיאַסטיש די דאָזיגע נייעס אויפגענומען.

יעדע עראָבערונג פון אַ נייעם פּונקט אין ארץ ישראל האָט אין פאַרלויף פון די לעצטע פּאָר יאָהר באַוויזען, ווי שטאַרק עס איז דער ווילען ביי יעדען איינעם פון אונזערע העלדישע חלוצים זיך אָפּפערען מיט לייב און לעבען פאַר נייע פּאָזיציעס אינ'ם ישוב. דערמיט האָבען מיר איבערצייגט די אַראַבישע באַנדעס, אַז קיין טעראָר וועט אונז ניט אָפּשרעקען און וועט אונז ניט אָפּהאַל־טען פון פאָרטזעצען אונזער אויפבוי־אַרבייט אין לאַנד. מיר האָבען זיי באַ־וויזען, אַז ניט נאָר וועט זייער טעראָר ניט זיין אימשטאַנד אונז צו צווינגען אָפּ־צוטרעטען פון וועלכער עס איז אַלטער פּאָזיציע, נאָר עס וועט אפילו אויך ניט זיין בכוח אָפּצואווענדען אונזער שטאַרקען פערלאַנג צו שאַפען נייע פּונקטען, און זיי אָפּהיטען מיט מסירות נפש, אין די געפערליכסטע געגענדען פון לאַנד. אפילו דער קלענסטער פּונקט וועט פון אונז מיט בלוט פאַרטיידיגט ווערען.

עס פאַרמאָגט אין זיך אַ באַזונדער רייץ אָט די אונטערנעמונג פון איינגע־מען עקאָנאָמיש דעם גליל העליון אין אידישע הענט, גראַד אין דער איצטיגער צייט. עס האָט פּשוט עלעקטריזירט די בויער פון אונזער לאַנד, און מיט גרויס פרייד איז די אידעע ביי זיי אויפגענומען געוואָרען, ווייל די עראָבערונג פון גליל העליון איז צוגענאַנגען ניט אזוי גיך, ווי מען האָט עס געוואָלט. צוויי מאָל איז דער טאָג באַשטימט געוואָרען פאַר די אויסגעקליבענע חלוצים, ווען זיי דאַרפען אַרויפגעהן אויף דעם באָדען פון דעם נייעם ישוב, נאָר עס איז יעדעס מאָל אָפּגעלייגט געוואָרען צוליב פערשיידענע וויכטיגע אורזאַכען, וועלכע זיי־נען ניט פאַרעפענטליכט געוואָרען אפילו פאַר די, וועלכע זיינען געווען די קאַנ־

דידאַטען צו געהן אַהין. די גאַנצע זאַך איז געהאַלטען געוואָרען בסוד, און די העברעאישע פּרעסע אין ארץ ישראל האַט וועגען דעם גאָר ניט געשריבען. אפילו דעם גענויעם פּלאַץ, וואוהין די חלוצים געהען, האָט מען ניט געלאָזט וויסען. היינט איז שוין בעקאַנט איבעראַל, אַז דער נייער ישוב הייסט חניתה. דאָס איז דער אינגסטער אידישער פּונקט אין ארץ ישראל.

נאָר לאָמיר געהן אַביסעלע העכער־צו, אַרויף צום גליל. אין דער ווייטקייט פון אונזער געשיכטע שיינט דער גליל העליון אַרויס זעהר פּאַטעטיש. דאָרט האָט דאָס פאָלק ישראל געפיהרט זיין בלוטיגען קאַמף מיט די רוימער פאַר פרייהייט און נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט. „אַרויף צום גליל״! דאָס איז אַ סימבאָל וואָס צייגט, אַז אונזער פאָלק ווערט אויף דאָס־ניי פאַראייניגט מיט אונזער אַלטען היסטאָרישען לאַנד.

דער בערימטער היסטאָריקער און קאָמאַנדיר פון די אידישע אַרמייען אין דער צייט פון קאַמף מיט די רוימער, יוסף בן מתתיהו הכהן, בעשרייבט אין זיינע היסטאָרישע ווערק דעם צויבער פונ׳ם גליל און די רייכקייט פון דיזען געגענט. די שטענדיג גרינע פעלדער דאָרט האָבען צוגעצויגען צו זיך אַ געדיכטע באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך באַשעפטיגט מיט אַגריקולטור. יעדעס שטיקעל ערד איז געווען בעאַרבייט. אַלץ האָט דאָרטען געבליהט און געוואַקסען, ווייל רעגען און זונען־שיין זיינען דאָרטען אימער־צו געווען בשפע.

אָבער די קלאַנגען פונ׳ם אידישען העראָאיזם זיינען אין משך פון לאַנגע גלות־יאָהרען ביסלעכווייז פאַרשטומט געוואָרען. די פעטע פעלדער זיינען דאָרט פערוויסטעט געוואָרען, און אַלעס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין איין גרויסען מדבר. דורות לאַנג האָבען מיר געטראַגען פאַרבאָרגען אין אונזער האַרצען אונזער מעכטיגען ווילען צום קאַמף פאַר אַ נייער עקזיסטענץ. האָפענונג איז געווען די גייסטיגע שפייז, וואָס האָט אונז אין אַלע צייטען געקרעפטיגט. און ווייל קיין אידישע האַנט האָט דאָס הייליגע לאַנד ניט באַריהרט, איז די ערד דאָרט פאַרטריקענט געוואָרען, און קיינע פלאַנצונגען האָט זי ניט אַרויסגעגעבען. בלויז ווילדע גראָזען האָבען דאָרט זייער פּלאַץ געפונען.

דאָך איז קיינמאָל ניט געווען קיין אַבסאָלוטער איבעררייס צווישען אונזער פאָלק און דעם גליל. אַלס ביישפּיל קאָן אונז דינען די שטאָדט צפת. דיזע שטאָדט האָט אַרויסגעגעבען די גרעסטע אידישע מיסטיקער, די בעלי קבלה, וועלכע האָבען פאַרשפּרייט פיל האָפענונג און צויבער דורך זייער לעהרע און טיפען גלויבען. דאָס איז געווען אַ היילענדער באַלזאַם פאַר אונזערע בלוטיגע הערצער, דורך דעם לאַנגען גלות.

און ווען די אידיש היסטאָרישע דראַמע איז ווידער אַקטיוו געוואָרען,

און א רוף איז אַרוים איבער גאָר דער וועלט צו אונזערע צעזייטע און צעשפּריי־טע ברידער, אַז זיי זאָלען זיך ווידער פאַראייניגען אויף די פאַר׳יתומ׳טע בערג פון גליל, האָט אַ נייער ישוב אָנגעהויבען דאָרט אַרויסצושפּראָצען. אין יאָהר 1882, איז דאָרט געגרינדעט געוואָרען די ערשטע אידישע קאָלאָניע: „ראש פינה”. אַ גרופּע רומענישע אידען, קליין און שוואך אין צאָהל, זיינען געווען די ערשטע פּיאָנערען פון גליל. פאַר זיי זיינען דער לעבען, מנהגים, און שפּראך פון די איינוואוינער פון יענעם געגענד געווען זעהר ווייניג בעקאַנט. קיין ציו־ניסטישע אָרגאַניזאַציע איז נאָך דאַן ניט געווען, וועלכע זאָל קאָנען זיי קומען צו הילף פינאַנציעל. אָבער קיין שרעק, קיין צווייפעל האָט זיי ניט צוריקגעהאַל־טען. זיי זיינען געקומען אַהין צו בויען אַ היים פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער, און דער געפיהל האָט זייער מוט דערהויבען.

אין יאָהר 1891, איז אין גליל געגרינדעט געוואָרען אַ צווייטע קאָלאָניע מיט דעם נאָמען „עין זיתים”, אין דעם קומענדען יאָהר — די קאָלאָניע „מחנים”, און אין יאָהר 1896 איז „מטולה” געגרינדעט געוואָרען. דאַן האָט זיך דער באַראָן עדמאָנד דע־ראָטשילד, דער אַזוי גערופענער „הנדיב הידוע”, פאַר־אינטערעסירט מיט דעם פּראָגרעס פון די מוטיגע פּיאָנערען אין גליל, און ער האָט זיי זעהר פיעל געשטיצט פינאַנציעל.

דער רענעסאַנס פון פּיאָנערישער אַקטיוויטעט אין דעם גליל האָט זיך פאַר אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, ביז׳ן אָנקומען פון דעם יאָהר 1918, ווען די אידישע נאַ־ציאָנאַלע האָפענונגען האָבען אויף דאָס־ניי אויפגעלעבט, גלייך נאָך דער באַל־פור דעקלאַראַציע. דאַן האָט אַ גייסט פון קאָלעקטיווען צוזאַמענלעבען ווידער אַריינגעבראַכט אין לאַנד אידישע העלדען צו באַלעבען און באַפרוכטבאַרען דעם איינזאַמען פאַרנאַכלעסיגטען געגענד. די ערשטע דריי קאָמונאַלע קאָלאָניעס, אָדער ווי מען רופט זיי אין ארץ ישראל „קבוצות”, זיינען געווען: „תל חי”, „כפר גלעדי”, און „אילת השחר”.

דער מאָדערנער העראָאישער גייסט פון די חלוצים דערמאָנט אונז פיל אָן יענע העלדען פון גליל אין אונזער אור־אַלטער געשיכטע, וועלכע האָבען זיך אַזוי העלדיש פאַרטיידיגט געגען די רוימער. אין יאָהר 1921 האָט יוסף טרומ־פעלדאָר, אַ חלוץ פון רוסלאַנד, זיך אַנטקעגענגעשטעלט מיט אַ הייפעלע אידי־שע פּיאָנערען געגען אַן אומערוואַרטעטער אַטאַקע פון ווילדע בעדואינער, און ער איז געפאַלען דאָרט אויף די פעלדער פון גליל אַ קרבן, מיט דיזע ווערטער אויף זיינע ליפּען: „טוב למות בעד ארצנו” — „עס איז גוט צו שטאַרבען פאַר אונזער לאַנד”. איצט שטעהט דאָרט אויף דעם זעלבען פּלאַץ, אַ גראַנדיעזער דענקמאָל, אַלס אַנערקענונג צו דעם גרויסען העלד פון תל חי.

די אידעע צו קאָלאָניזירען דעם גליל האָט אימער צו, פאַרנומען אַ גרויסען

אָרט אין אונזער לעבען. אָבער עס זיינען שטענדיג געווען שטערונגען אין דער רעאַליזירונג פון אונזערע פּלענער. פון 1921 ביז 1936 איז די טהעטיגקייט אַרום דעם גליל פיל אָפּגעשוואַכט געוואָרען, צוליב דעם דרוק פון אַנדערע ציוניסטישע אונטערנעמונגען. נאָכ'ן טויט פון יוסף טרומפּעלדאָר האָבען די ציוניסטען גענומען קאָנצענטרירען זייערע קרעפטען אין אַנדערע טיילען פון לאַנד. פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר איז דער גליל ווידער אַרויפגעשוואומען אויף אונזער סדר היום. מיר קאָנען פיל שטאָלצירען מיט דעם, וואָס אין אַזאַ ביטערע צייט זיינען פיער גרויסע שטרעקעס לאַנד דאָרט אויסגעלייזט געוואָרען: „עמק יזרעאל", „עמק חפר", „עמק הירדן", און „עמק זבלון". דער לעצטער עמק נעמט אריין אין זיך דעם חיפה געגענד, פאַר וועלכען מיר האָבען זעהר פיעל צו פאַרדאַנקען דער הילף פון הדסה. זי האָט בייגעשטייערט פאַר דיזען צוועק ‎$400,000.

נאָך דעם בעזוך פון דער „פּיל" קעניגליכער קאָמיסיע אין ארץ ישראל, איז קלאָר געוואָרען, אַז אונזער שטאַרקסטער פּאָליטישער אַרגומענט קאָן בלויז באַזירט ווערען אויף אונזער אַקטועלען לאַנד באַזיץ, דאָס הייסט, אַז אונזערע רעכט און מאַכט אין אונזער לאַנד באַשטעהען אָן דער מאָס לאַנד, וואָס דער אידישער ישוב באַזיצט. נאָך איידער די „פּיל" קאָמיסיע האָט פאַרעפענטליכט אין 1937 דעם פּלאַן צו צוטיילען ארץ ישראל אין דריי טיילען: אין אַ אידישען, אַראַבישען, און אַן ענגלישען סעקטאָר, איז געקומען דער נאַציאָנאַל פאָנד און שנעל אויסגעלייזט נייע שטרעקעס לאַנד אין גליל העליון. וואָס פאַר אַ באַשלוס די קעניגליכע קאָמיסיע זאָל ניט מאַכען אין באַצוג צו דעם צוטיילונגס־פּלאַן, איין זאַך אין זיכער, אַז דאָס, וואָס דער נאַציאָנאַל פאָנד וועט אָפּקויפען, וועט אימער בעלאַנגען צו אונזער פאָלק.

די אידישע אַגענטור האָט איצט באַקומען אַן „אָפּציע" איבער דעם חולה געגענד, וועלכער האָט אַ שטח פון אַרום 57,750 דונאַם לאַנד. אַזוי ווי דער געגענד פאָדערט גרויסע אויסגאַבען, אויסצוטריקענען די זומפּען, כדי צו מאַכען דאָס לאַנד מעגליך פאַר קאָלאָניזאַציע און גינסטיגע לעבענס באַדינגונגען, האָט דער נאַציאָנאַל פאָנד געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט דער „פּיק"א" צו אַרבייטען געמיינשאַפטליך פאַר דיזען פּראָיעקט.

שפּעטער איז קלאָר געוואָרען, אַז כדי עס זאָל זיין מעהר זיכערקייט פאַר די קבוצים פון גליל העליון, צוליב זייער נאָהענטקייט צום סירישען גרעניץ, געגען וועלכען מען מוז זיך גוט בעשיצען, דאַרף מען אויסקויפען וואָס מעהר לאַנד אין דעם צפון טייל פון ארץ ישראל, אום צו שאַפען דאָרטען אַ קאָנצענטרירטען אידישען ישוב. דער גייסט פון דעם יונגען „החלוץ" איז געקומען צו הילף אין דעם נויטווענדיגען מאָמענט. ער איז שטענדיג גרייט צו געהן אין אַלע

געפעהרליכסטע און שווערסטע פונקטען פון לאַנד. אין די לעצטע אַכצעהן מאָנאַטען, א פעריאָד פול מיט אויסערגעוועהנליכע אומרוהיגקייטען מצד די אַראַבער און מסירות נפש מצד אונזערע חלוצים, איז געקומען דער קרן קימת, און האָט אָפּגעקויפט גרויסע שטרעקעס לאַנד אין גליל, א שטח וועלכער פאַרנעמט ארום 100,000 דונאַם לאַנד. דיזע טעטיגקייט איז אויסגעדריקט געוואָרען דורך א גרויסער אַקציע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „הגלילה", „צום גליל"!

דער נאַציאָנאַל פאָנד האָט אויף זיך גענומען א קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג, און ער וועט עס זיכער דורכפיהרען, ווייל אַלע אידען פיהלען איצט, אז א הייליגע פליכט ליגט אויף אונז אַלעמען, צו העלפען געפינען א מקום מקלט פאַר אונזערע געפייניגטע ברידער אין אייראָפּאַ, וועלכע ווערען ארויסגעשטויסען פון זייערע היימען אין די דיקטאַטאָרישע לענדער. מיר גרייטען צו א היים פאַר זיי אין דעם גליל העליון, א לאַנד וואָס איז פעט און רייך אין נאַטירליכע שעהנקייטען. די לאַנגע קייט פון בערג, וועלכע געפינען זיך דאָרטען, צעטיילט דעם געגענט אין פערשיידענע פעריסקאָפּען. פון איין זייט ליגט דער עמק חולה, און פון דער אַנדערער זייט שפרייט זיך אויס דער עמק עקרא. צוזאַמען שטעלען זיי צונויף א האַרמאָניש בילד, וועלכע נעמט אויך אַריין דעם בארג חרמון אין צפון מיט זיין ווייסען קופאָל פון אייביגען שניי.

די ציוניסטישע לאַנדס־אָרגאַניזאַציעס פון ענגלאַנד, דרום אפריקא, פוילען, רומעניע, פראַנקרייך, מעקסיקאָ, אויסטראַליע און די שווייץ, האָבען צוזאַמען מיט די אָרטיגע נאַציאָנאַל פאָנד ביוראָס, זיך פערפליכטעט בייצושטייערען אין משך פון פינף יאָהר צייט צוויי און א האַלב מיליאָן דאָלאַר פאַר דער גליל אַקציע, א חוץ די שטענדיגע ביישטייערונגען, וועלכע זיי שאַפען רעגעלמעסיג פאַר'ן קרן קימת. עס איז צו ערווארטען פון די אַמעריקאַנער אידען, אז אויך זיי וועלען אויף זיך איצט נעמען א גרויסען אַנטייל אין דער גליל אַקציע, ווייל א סומע פון $5,000,000 פאָדערט זיך פאַר דעם דאָזיגען צוועק.

מיט דעם וואָס הדסה האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפען א האַלבען מיליאָן דאָלאַר אין דער קאַמפּיין, וועט זי איהר נאָמען ווידער אריינשרייבען אין דעם גלאָררייכען קאַפּיטעל פון באָדען איינקויף אין ארץ ישראל. דער נאַציאָנאַל פאָנד איז צופרידען צו אַנערקענען די אינטענסיווע טעטיגקייט, וואָס די הדסה אָרגאַניזאַציע האָט אויף זיך גענומען, און האָט איהר דערפאַר פּרעזענטירט מיט א שטרעקע לאַנד פון 20,000 דונאַם אין גליל, וועלכע וועט טראָגען דעם נאָמען: „דער הדסה סעקטאָר". דענווער'ס ביישטייערונג פאַר דיזער גרויסער אונטערנעמונג איז געווען $1,500. אויך מיר, פרויען פון דענווער, וועלען געעהרט ווערען פאַר אונזער האַרציגען אָפּרוף, לטובת דיזער גרויסער אַקציע, און א געוויסע לאַנד שטרעקע וועט טראָגען דעם נאָמען פון „הדסה טשאַפּטער" אין דענווער.

איידער איך שליס די דאָזיגע אָפּהאַנדלונג, וויל איך זאָגען איינ־יגע טרייסט ווערטער צו די הדסה פרויען פון דענווער. ווען מיר קוקען זיך צו, צו דער קליינער ארץ ישראל, מיט איהר העלדישען גייסט, ווערט אפילו אין אזעלכע טרויעריגע טעג, ועלכע מיר לעבען איצט דורך, פיל היימליכער אויפ׳ן הארצען. מיט אזא ריינער אידעאַליסטישער יוגענט, וואָס אונזער הייליגע לאַנד פאַרמאָגט, שטראַלט אויף אַ ליכטיגע האָפענונג אין דער אידישער האַרץ. מיר וועלען זיכער איבערלעבען היטלער׳ס רציחות. מאָג דער האַקען־קרייץ שטעהן ווי הויך, דאָך וועט ער סוף כל סוף נידעריג פאַלען צו דער ערד. מיר קאָנען זי־כער האָפען, אַז מיר וועלען איבערלעבען אַלע „המנ׳ס" און זיך נאָך פרעהען אויף זייער מפלה. מיר קומען קיין ארץ ישראל צו בויען, און זיי געהען צו שטע־רען. דער גייסט פון בויען וועט אָבער אימער צו, גובר זיין.

דער ארץ ישראל פּאַוויליאָן אויף דער וועלט אויסשטעלונג 1940 — 1939

איך קום צו אייך מיט א גערוס, אין וואָרט און אין בילד, פון דעם ארץ ישראל פּאַוויליאָן אויף דער וועלט־אויסשטעלונג אין ניו יאָרק.

דער יאָהר 1939 וועט פאַרצייכענט ווערען אויף די בלעטער פון דער מענש־ליכער געשיכטע אלס א זעלטענע עפּאָכע אין דעם פּראָגרעס פון אונזער ציווי־ליזאציע, צוליב דעם גרעסטען ספּעקטאַקל, וואָס איז ווען עס איז געוויזען געוואָ־רען אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. כמעט פיער יאָהר צייט האָט געדויערט אויפצובויען די וועלט אויסשטעלונג. די גרעסטע טאַלאַנטען: קינסטלער און אַר־טיסטען, אינזשענערען און אַרכיטעקטען, האָבען אַן אנטייל גענומען אין דער שאַפונג פון אָט דער דראַמע פון א „וועלט פון היינט" און א „וועלט פון מאָר־גען".

די שאַפונג פון דער וועלט אויסשטעלונג האָט אַנטפּלעקט פאַר אַלעמען די אומבאַגרענצטע און אומערשעפּליכע מענשליכע פעהיגקייטען אין טעכניק, אינ־דוסטריע, קונסט, און וויסענשאַפט. זי האָט דערהויבען די נשמה און מוח צו דער גרעסטער הויך.

די וועלט אויסשטעלונג איז א מין רעאַליזירונג פון ישעיה'ס נבואה: „והיה באחרית הימים..." — „עס וועט קומען א צייט, ווען שטאַרקע פעלקער וועלען לעבען בשלום מיט זייערע שוואַכערע שכנים". די וועלט אויסשטעלונג איז א סימבאָל פון דעמאָקראַטיע, וואו אַלע לענדער און אַלע פעלקער זיינען פאַרטראַ־טען, אויסער נאַטירליך דער עמלק'ישער פאַרטרעטערשאַפט פון נאַצי דייטש־לאַנד. יעדעס פאָלק איז פאַרקערפּערט אין א באַזונדער פּאַוויליאָן, וואו עס ציינט זיינע נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען, זיין כאַראַקטעריסטישען געשמאַק פון קונסט, און ספּעציפישע קולטור דערגרייכונגען.

אַלע נאַציאָנאַלע פּאַוויליאָנען געפינען זיך אין איין קאָלאָניע, אָדער ווי מען רופט דאָס אין ענגליש „די לאַגון אָוו ניישאָנס". יעדער פּאַוויליאָן האָט זיין עמבלעם, זיין פאָן. צווישען די פיל־קאָלירטע פענער, הענגט הויך און שטאָלץ אויך דער ווייס־בלויער פאָן מיט דעם מגן דוד. דאָס איז אונזער קליינע, אָבער ליבע ארץ ישראל.

אום ל״ג בעומר, דעם יום טוב פון בר כוכבא, דעם טאָג ווען אין ארץ ישראל צינדט מען אָן ליכט אויף דעם קבר פון רבן שמעון בר יוחאי, איז אויפגעגאַנגען די ליכט אויף דער ארץ ישראל־אויסשטעלונג. די אָפיציעלע ערעפענונג איז פאָר־געקומען דעם אכט און צוואַנציגסטען מאַי 1939.

דיזער פּאַוויליאָן איז דער פולסטער און גרעסטער פון אַלע ארץ ישראל אויסשטעלונגען, וועלכע זיינען שוין ביז יעצט געוויזען געוואָרען. די גאַנצע אויסשטעלונג איז געבויט פון שטיין און האָלץ, וואָס זיינען אימפּאָרטירט געוואָ־רען פון ארץ ישראל. עס פערשטעהט זיך, אז יעדער עקספּאָנענט, יעדער אויסגע־שטעלטער אָביעקט, איז אָן ארץ ישראל עקספּאָנענט, זיכער אויך איז די גאַנ־צע אומגעהויערע קונסט־ארבייט, ווי: מאַלעריי, סקולפּטור, און שניצעריי, גע־מאַכט געוואָרען פון ארץ ישראל קינסטלער.

ווי די אַלע איבעריגע אויסשטעלונגען, איז אויך די ארץ ישראל׳דיגע אַב־זיכטליך געמיינט צו בעקאַנען דער וועלט מיט דעם גרויסען אויפבוי אין אונ־זער לאַנד, צו סטימולירען מעהר אינטערעס צום ציוניסטישען געדאַנק, און צו וועקען א חבר׳שע הארציגע באַציהונג צום ישוב.

די אידעע פון דער ארץ ישראל אויסשטעלונג איז דער גרעסטער וואונדער אין אונזער צייט, וועלכער צייגט, ווי אַזוי דורך יונג בלוט, דורך ליבשאַפט און מסירות נפש, איז אָן אלט אויסגעטריקענט און פארשטיינערט לאַנד, א טאָהל פון טויט — א „עמק הבכא״ — פארוואַנדעלט געוואָרען אין א בליהענדען גרי־נעם גאָרטען. אָט דאָס איז דאָך געווען די זעהונג פון יחזקאל הנביא, ווען ער האָט געזעהן אין טאָהל, אז די זיך וואַלגערענדע סקעלעטען ווערען פּלוצלונג אי־בערגעצויגען מיט פלייש און הויט, און ווערען צוריק ריהרעוודיג און פול מיט לעבען. געמיינט האָט עס, אז א פאָלק, אויסגעמאַטערט, וואַלגערענדיג זיך אין שטויב, הויבט זיך מיט אמאָל אויף, גלייכט אויס די ביינער, און מיט א ברייטען האָפענונגספולען בליק פאַר דער צוקונפט, שטרעקט עס אויס די הענט צו אַרבייט, און נעמט זיך איבערבויען זיין נאַציאָנאַלען לעבען אויף געזונטע פּראָדוקטיווע יסודות. אָבוואָהל עס פיהלט זיך אין דער אויסשטעלונג אמשטאַרקסטען דער ניי־ער גייסט פון ארץ ישראל, דאָך דאַרף מען ניט דענקען, אז עס פעהלט אין איהר אויך דער עבר פון אונזער פאָלק. פונקט ווי א בילד מוז האָבען א הינטער־גרונד, אַזוי קען קיין געגענוואַרט ניט שטעהן אין דער לופטען, נאָר זי מוז זיך אָנ־שפּאַרען אויף דער פערגאַנגענהייט, און מיר זעהען טאַקע, אז דער עבר ווערט אַמבעסטען אויסגעדריקט אין דעם רייכען און שעהנעם קולטור זאַל פון דער אויסשטעלונג.

יעצט לאָמיר אַריינגעהן אין פּאַוויליאָן, און דורכגעהן די אַלע צעהן אָפּטיי־לונגען, וועלכע אילוסטרירען די אויפלעבונג פון אידישען פאָלק אין ארץ ישראל.

דער פּאַוויליאָן איז אויסגעשפּרייט אויף אַ קליינעם בערגעל. די פּלאַטפּאָר־מע גרין, די צוויי זייטיגע ווענט פּרעכטיג דעקאָרירט מיט פערשיידענע בוימער, בלומען און גראָז, די לופט אַרום איז פול מיט פרישקייט.

אַ ווינטעלע האָט געבלאָזען אויף דעם בערגעל, ווען איך בין צוגעגאַנגען צום פּאַוויליאָן. די הויכע שלאַנקע טענענבוימער האָבען זיך געהוידעט און גע־שאָקעלט שטילערהייט, און מנחה'דיג מיט די ווענט זיך דורכגערעדט.

פון פאָרענט פונ'ם פּאַוויליאָן ציהט זיך די קאַפע „תל אביב", אַרומגעצוימט מיט אַ גלעזערנער וואַנט. דער פּלאַץ איז אימער פול מיט מענשען. די זיסע אידי־שע מוזיק און די ווייס־בלויע אָנצוגען פון די באַדינער שאַפען די עכט־וואַרעמע ארץ ישראל'דיגע אַטמאָספערע. די מאכלים זיינען כשר און זעהר געשמאַק. דער גרעסטער טייל פון די שפּייזען איז געמאַכט פון „תוצרת הארץ". דאָ טרעפען זיך אויסדערוועהלטע מענשען, ווי: שרייבער, אַרטיסטען, און פאָרשטע־הער פון פערשיידענע אָרגאַניזאַציעס. אָפט קומט דאָרט פאָר אַ ספּעציעלע פער־זאַמלונג, אום צו ציהען ברייטערע אידישע מאַסען צום פּאַוויליאָן.

דער אַרכיטעקט פון דעם פּאַוויליאָן איז אריה אל־חנני. דער אַריינגאַנג איז פון מזרח זייט. ניט קיין טירען פיהרען אין פּאַוויליאָן אַריין, נאָר מאַסיווע טויע־ערען, פון מאַהאָגאַני האָלץ געבויט. עס אָטעמט פון דעם גאַנצען בנין מיט וויר־דע פון אַ גרויסען סודות'פולען טעמפּעל. די ווענט זיינען ניט הויך. פון איין זייט הויבט זיך אויף אַ שמאָלער טורעם; אַלץ איז איינפאַך און באַשיידען. מענ־שען שטראָמען אַריין און אַרויס. די באַזוכער זיינען ניט נאָר אידען, נאָר אויך פילע מענשען פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטען. דער פּאַוויליאָן רופט אַרויס גרויס נייגעריגקייט און אינטערעס פון אַלע פעלקער.

איבער דעם אַריינגאַנג, אויפ'ן וואַנט, הענגען דריי מעכטיגע פיגורען, וועל־כע ציהען גלייך אייער אויפמערקזאַמקייט. די ערשטע פיגור פון רעכטס שטעלט מיט זיך פאָר דעם פאַרצייטיגען אידישען ערד אַרבייטער, וועלכער האַלט אין האַנט דעם אַלט־מאָדישען אַקער. די צווייטע פיגור שטעלט מיט זיך פאָר דעם מאָדערנעם טעכנישען אַרבעטער. די דריטע איז די הערליכסטע פיגור. זי שטעלט מיט זיך פאָר תורה און חכמה. דוכט זיך, ישראל זאַנגוויל איז דער ערשטער, וואָס האָט אויף דר. הערצל'ען געזאָגט, אַז זיין מאַיעסטעטישער אויס־זעהן איז ווי פון אַן אַסירישען קעניג. אונזער פּאָליטישער פיהרער האָט אין זיך פאַרקערפּערט תורה און חכמה. וואָס פאַר אַ טיפקייט און וואָס פאַר אַ קראַפט עס דריקט אויס דר. הערצל'ס פּנים. שוואַרץ געגרויזטע האָר באַפּוצט דעם קאָפּ, ווי אַ קרוין פון אַ פאַרצייטיגען מלך; אַ הלל און אַ בר כוכבא אין איינעם. עס איז ממש שווער אָפּצורייסען די אויגען פון אַזאַ אויסדרוקספולען פּנים און אַזאַ לייבען־קאָפּ.

דער אריינגאנג אין פּאוויליאָן מיט זיינע פינף טרעפּ סימבאָליזירען די ביז איצטיגע פינף פארשיידענע עליות פון אידישער אימיגראציע קיין ארץ ישראל. דער ערשטער זאל פון דעם פּאוויליאָן איז געווידמעט אונזערע קדושים. דאָ זעהט איהר אין בילד אַ גאַנצע ליסט פון גרויסע העלדען און קעמפּער, וועלכע זיינען געפאלען אין פארטיידיגונגס קאמף פאר אונזער הייליגען פאָטערלאנד. לעבען די בילדער ברענט אַ יזכור לאמפּ — אַ נר תמיד. דיזער זאל ווערט אָנגערופען: „אולם יזכור".

פון דאַנען עפענט זיך אויף אַ פּרעכטיגע פּאַנאָראמע פון רייך־קאָלירטע נאַטור בילדער. איהר דערפיהלט גלייך דאָס עכטע ארץ ישראל אַטמאָספערע. דער גייסט פון ארבייט און אויפבוי דריקט זיך אויס אין יעדעס בילד, און איהר פיהלט ווי צו זינגען „עם ישראל חי". די ערשטע בילד, וואָס פארכאַפּט אייער פּאַנטאַזיע, איז דער נייער ישוב: ברייטע פעלדער מיט תבואה, הויכע בייטען מיט גרינס, סעדער אָנגעלאָדענע מיט פרוכט, פרעהליכע און פלייסיגע ארבעטער, מיט ליבשאַפט און איבערגעבענהייט צום בנין הארץ, וועלכע בעארבעטען טיכטיג יעדעס שטיקעל לאנד פון ישוב. אין קיין פּאוויליאָן האָב איך ניט געזעהן אַזאַ מערקווירדיגע אָפּשפּיגלונג פון אַן אמת אויפריכטיגען און קולטורעלען לעבען, ווי דער ישוב אין ארץ ישראל ווערט דאָרט אין אידישען פּאוויליאָן פאָרגעשטעלט. ביי אַלע פעלקער ווערט דער ערד ארבעטער בעטראַכט בלויז אַלס אַ פּראָסטער האָרעפּאַשניק, וואָס ווייסט ניט פון עפּעס העכערעס אויסער די ערד. אָבער דער אידישער ערד ארבעטער איז גאָר אַן אַנדערער. בייטאָג איז ער טאַקע אויך טעהטיג אויפ'ן פעלד און אין גאָרטען, דערפאַר אָבער אין אָוונט פאַרברענגט ער זיין פרייע צייט אין לעזע זאל. אָט זעהט איהר אויף בילדער, ווי אידישע ארבעטער זיצען אין גרופּעס נאָך אַ שווערען טאָג ארבייט, פארטיפט אין לעזען אָדער שרייבען. זיי רעדאַקטירען אַליין צייטונגען, פארפאַסען ליטעראַרישע און פאַך שריפטען, זאַמלען וויסענשאַפטליכע ווערק און גריבלען זיך אין דיקע ענציקלאָפּעדישע ביכער. אויף אַזאַ אופן פארצייכענט דער ישוב ממש זיין אייגענע געשיכטע, אַזוי אַז דער היסטאָריקער וועט קומען אויף אַלעם פארטיקען, און וועט פארשפּאָרען זיך צו גריבלען אין אַלטע שמות, אָדער סתם פּרובירען צו טרעפען, וואָס דער איצטיגער ישוב האָט מיט זיך אַמאָל פאָרגעשטעלט. דער ישוב, ווי ער ווערט אויסגעצייכענט אָפּגעשפּיגעלט אין דעם אידישען פּאוויליאָן, איז אַ מוסטער פון ארבייט, קולטור, און אָפּפערווילליגקייט, פאַר דער גאַנצער וועלט.

איצט לאָמיר אריבערגעהן פון עבודה צו תורה. אַ העכסט טיפען איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער קולטור זאל. רעכטס, שטעהט אַ ווייסע ביוסט פון פּראָפעסאָר איינשטיין, וועלכע בעגריסט יעדען באַזוכער מיט אַזאַ ליבען שמיי־

בעל. אויף די ווענט זעהט איהר פֿאַרשיידענע בילדער און פֿיגורען, וועלכע שטעלען פֿאָר פֿאַרשיידענע טיפּען אידען אין אַלע לענדער און צייטען, זיצענדיג פֿאַרטיפֿט אין לערנען. תימן׳ער אינגלאַך, מיט געגרייזעלטע פּאות׳לאַך און פֿאַרקנייטשטע שטערענדלאַך, הערען זיך צו צו זייער לעהרער. אַ אידישער חן איז אויסגעגאָסען אויף זייערע פּנים׳לאַך. אין דעם זעלבען זאַל געפֿינט זיך אויך אַ ביבליאָטעק. אַ קאָלאָסאַלען אויסוואהל פֿון פֿאַרשיידענע העברעאישע און תלמודישע ספרים קאָנט איהר דאָ געפֿינען. אין יעדען ווינקעל פֿון זאַל טרעפֿט איהר אַ פּראַכטפֿולע בראָנזענע ביוסט פֿון איינעם פֿון אונזערע דריי גרויסע נאַציאָנאַלע פֿיהרער: דר. הערצל, חיים נחמן ביאַליק, און דר. חיים ווייצמאַן. אָן אַ זייט, אויף אַ טיש ליגט אַ גרויסער בוך, וואו יעדערער, וועלכער בעזוכט דעם זאַל, פֿאַרשרייבט זיין נאָמען, און וואַרפֿט דערנאָך אַריין אַ געוויסע מטבע אין אַ גרויסער נאַציאָנאַל פֿאַנד פּושקע.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז די מזרח בילד, געמאָלען פֿון דעם דייטש־אידישען קינסטלער מ. שטיינהאַרט. די בילד אילוסטרירט די ענטוויקלונג און דעם וואוקס פֿון דעם העברעאישען אַלף־בית. דער אַלף בית ווערט רעפּרעזענטירט אין פֿינף פֿיגורען, וועלכע שטעלען מיט זיך פֿאָר פֿינף באַזונדערע שריפֿטען אין פֿאַרשיידענע פּעריאָדען: דער כתב פֿון שלוח, רש״י׳ס כתב, די אשכנזי׳שגאָטהישע שריפֿט, די בּראַק שריפֿט, און די היינטיגע העברעאיש־אידישע בלאָקלינאַטייפּ־שריפֿט. יעדער כתב ווערט אילוסטרירט אין אַ פֿיגור פֿון אַ געוויסען טיפּישען איד פֿון יענער צייט, ווי: דער פּרימיטיוו־פּאַרצייטיגער איד, דער פֿרענקישער איד פֿון אַלט פֿראַנקרייך, דער אַשכנזי׳שער איד פֿון דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, און דער מאָדערנער אידישער שריפֿטזעצער. די פּנימ׳ער פֿון די פֿיגורען זעהען אוים זעהר לעבעדיג און אויסדרוקספֿול. קוקט מען אויף די בילדער, און אַ כוואַליע פֿון ליבשאַפֿט און בענקשאַפֿט נאָך די גוטע קינדער־יאָהרען נעמט אייך פֿלוצלונג אַרום. עס דערמאָנט אייך אָן די פֿאַרצייטיגע בילדער פֿון גרויסע רבנים און גאונים, וועלכע זיינען געהאָנגען אויף די ווענט פֿון אונזער אַלטער היים.

פֿון דאָנען לאָמיר אַריבערגעהן צו דער ווירטשאַפֿט פֿון לאַנד. די ארץ־ישראל׳דיגע אַגריקולטור פֿאַרנעמט פּאַקטיש דעם גרעסטען פּלאַץ פֿון דער אויסשטעלונג. אין דער אַגריקולטור אָפּטיילונג ווערט געוויזען דער אָנפֿאַנג פֿון דעם ישוב, און די שטופֿענווייזע ענטוויקלונג פֿון בנין הארץ ביז גאָר דער לעצטער צייט. העכסט קאָלירפֿול ווערט דער אויפֿבוי פֿון לאַנד אילוסטרירט דורך פּרעכטיגע ווענט מאַלערייען און בילדער. צו ערשט זעהט מען די בילדער פֿון זומפּ, אין גרוי און שווארץ געמאָלען. די מאָלער האָבען זעהר קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט אין קאָלירפֿולע צייכענונגען די מורא׳דיגע שרעק פֿון מאַלארישע זומפּען, און

דעם שרעקליכען אומעט פון דעם זאמדיגען מדבר. איהר זעהט בפועל ממש דעם שרעק פון מאלאריע, וואס האט באהערשט דאס גאנצע לאנד. און טאמער איז די בילד נאך ניט טרויעריג גענוג, ווערט דאן אלס צוגאב געוויזען דער אינזעקט, וואס ווערט געבוירען פון דער גיפטיגער פייכטקייט און פארשפרייט די דאזיגע קראנקהייט. איבער די זומפען שוועבט א גרויסע שטאלענע מאסקיטא, אין איהר בייסענדער מאיעסטעט. די זאמד כוואליעס זיינען וואונדערליך געמאלען. אמשעהנסטען איז די בילד, ווי אזוי אט די גאנצע גרויקייט און געלקייט איז פארוואנדעלט געווארען אין תבואה פעלדער, גרינע גערטנער, און פרוכט סעדער.

דער פלאץ, וואו עס האט מורא׳דיג געוואויעט דער שאקאל, איז געווארען א טאנץ־קלאס פאר קינדער, און א געצעלט פאר פארברענטע מוסקולעזע חלוצים. דער ווילענס קראפט פון די חלוצים אויפצובויען דאס לאנד ווערט אויסגעדריקט אין פילע ריכטונגען. אט טראגען זיי אויף זייערע פלייצעס גאנצע בערג מיט ערד. זיי פארשיטען טאהלען, ציהען וואסער פון טייכען אין רעהרען פאר דעם ישוב, פלאנצען בוימער, וועלכע רייניגען די לופט און גיבען שאטען דעם דורכגעהער. עס איז כדאי זיך אפצושטעלען א ווײלע און באטראכטען גענויער די איצטיגע ארץ ישראל נאך דעם, ווי די חלוצים האבען פארפלאנצט די בערג מיט בוימער, ספעציעל אין אנזיכט פון דעם פעריאד פון אנטיוכוס עפיפאנוס, ווען די גריכען האבען גערופען ארץ ישראל „קאלא־סיריע״ — „דאס בוימלאזע לאנד״. די פראכטפולע בילדער פון געדיכטע וועלדער, וועלכע לויפען פארביי אייערע אויגען, באווייזען וואס אונזערע חלוצים האבען אויפגעטאן. אט זעהט איהר דעם זית, דעם אוילבערט בוים. מיט איהם איז פול די אויסשטעלונג. וואלט איהר געגלויבט, אז אויך אין ארץ ישראל, ניט נאר אין לבנון, איז דא דער דעמב? געווים, ער איז פאראן. ווי דען? היינט דער אוקאליפטוס, אט דער פרעהליכער קבצן, דער הומאריסט פון די ארץ ישראל בוימער, איז דארט זעהר אנגעזעהן. ער איז אריבערגעבראט געווארען פון אויסטראליע אין דער צייט פון באראן ראטשילד׳ס קאלאניזאציע, און זיין פונקציע איז ארויסצוציהען די גיפטיגע זאפטען פון די זומפען. האט ער זיך אזוי אקלימאטיזירט און אזוי צוגעוואקסען, אז אהן איהם וואלט די איצטיגע ארץ ישראל גאר ניט געווען וואס זי איז. ניט אומזיסט רופען איהם די אראבער דער „עץ יהודי״, דער „אידישער בוים״. ער צעווארפט זיך ווייט און ברייט. ער איז גוט צום באהייצען, און גיט אויך געהילץ צום בויען. וואונדער־שעהנע זאכען ווערען געזעהן אויף דער אויסשטעלונג, געשניצט פון דעם ארץ ישראל האלץ.

א דערפרעהענדע ערשיינונג, פול מיט האפענונג און צוטרוי, שטעלט מיט זיך פאר די בילד פון דעם פארט אין תל אביב. אט זעהט איהר תל אביב מיט דרייסיג יאהר צוריק, א קליין דערפעלע מיט געצייילטע הייזער, טרוקען, זאמדיג,

קיין שפּור פון לעבען. אַ צווייטע בילד צייגט תל אביב שוין אַלס מאָדערנע גרויסע שטאָדט: פּרעכטיגע געביידעס, שטאָדט גערטנער, פּרוכט סעדער, עלעקטרישע באַלויכטונג, טעלעפאָן איינריכטונגען, אַן אייזען־באַהן סטאַנציע, צוזאַמען זיך ביז׳ן ים אַריין. דער פּאַרט אין תל אביב איז דער גרעסטער וואונדער וואָס איז ווען עס איז געשעהן. ער איז איבער נאַכט בעשאַפען געוואָרען. אין דער צייט פון דעם אַראַבישען טעראָר, ווען אידישע אימיגראַנטען זיינען געווען אויסגעשטעלט צו גרויס געפאַר, ווען זיי האָבען בעדאַרפט לאַנדען אין יפו, האָבען אַ טויזענד אידישע אַרבייטער געקראָגען די ערלויבעניש פון דעם הויי־קאָמישאָנער, און גלייך אויפגעבויט דעם פּאָרט, ממש איבער נאַכט. מען זעהט איהר ביי דער שטאָדט תל אביב פּרעכטיגע שיפען, אויף וועלכע עס פלאַטערט די אידישע פאָן, וואו הונדערטער אידישע מאַטראָזען און פילע ים־בעאַמטע זיינען באַשעפטיגט.

עס איז דאָ אין אידישען פּאַוויליאָן אַ גרויסער מאָדעל פון פּנחס רוטענבערג׳ס עלעקטרישער סטאַנציע. אויפ׳ן וואַנט, אונטער אַ גרויסער און דיקער גלאָז, איז אויסגעשפּרייט דער ירדן, פון דעם פּלאַץ וואו ער פליסט אַרויס אין דעם טאָהל פון חרמון ביז ער גיסט זיך צונויף מיט דעם ירקון. דאָ פון דעם ירדן האָט רוטענבערג אַרויסגעצויגען ליכט, און עס צושיקט איבער פילע שטעדט און דערפער.

אַ גאַנצען זאַל פאַרנעמט „הדסה״, וואו עס ווערען געוויזען איהרע דערגרייכונגען און טעטיגקייטען אויף דעם סאַניטאַרישען און מעדיצינישען געביט. אייער אויג באַמערקט גלייך די ווייסע סטאַטוע פון אַ באַרעמהערציגער שוועסטער, האַלטענדיג אַ קליין קינד אויף די הענט. הענריעטאַ סזאָלד׳ס גייסט דערפּיהלט איהר גלייך אין דעם גאַנצען זאַל. איהר זעהט אַ זויבערע קיך, וואו הונדערטער קינדערלאַך קריגען זייערע מאָלצייטען פריי. וואונדערשעהן זעהט אויס די קאָלאָניע „מאיר שפיה״, וואו טויזענטער אַריבערגעקומענע קינדער פון דייטשלאַנד ווערען אויסגעהאַלטען דורך „הדסה״. פאָלקאָמענע ריינקייט און אַ זעלטענע אָרדענונג רעדען אַרויס פון בילד.

שעהן און רייצענד איז די אינדוסטריע פון פּרעזערווירען פאַרשיידענע פּרוכטען. מען זעהט איהר די פּרוכט הענגען אויף די בוימער, און באַלד דערזעהט איהר זיי אין דער פּרעזערוואַן־פאַבריק, אַנגעגאָסען אין גלאָז און אין בלעך. אַ גרויסע ווירטשאַפט איז דאָס טריקענען פון פּרוכטען, ווי פייגען, טייטלען, און ראָזשינקעס, וואָס ווערען פאַרקויפט אין אַלע טיילען פון דער וועלט.

די וויין־אינדוסטריע ווערט זעהר שעהן דעמאָנסטרירט דורך די בילדער אין די קאָלאָניעס פון „ראשון לציון״ און „זכרון יעקב״. עס פעהלט אויך ניט קיין זייף, בוימעל און פּערפיומס אין ארץ ישראל. די קאָלאָניע „עין שמן״ ווערט גע־

ווײַזען אויף אַ בילד מיט איהרע פּראָדוקטען. די קאָלאָניע „רמת גן" איז רייך אויסגעשטעלט מיט איהר פאַבריק פון שאָקאָלאַד און קאָנפעטען.

אַרום דעם ים המלח איז געשאַפען געוואָרען אַ מינעראַל אינדוסטריע דורך דעם אינזשינער נאָוואָמייסקי. איהר זעהט אויף אַ בילד די שווערע אַרבייט פון אַרויסציהען דעם פּאָטאַש און אַנדערע מינעראַלען פון ים.

די בילדער פון אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכען פערפאָלקאָמען די ארץ ישראל אויסשטעלונג. אָט זעהט איהר די שטיינהעקער, די שאָסייען בויער, די זומפּען אויסטריקענער, די דראָט פערציהער, די שומרים, די פּאַסטוכער, און די חלוצים און חלוצות ביי זייערע האָראַ טענץ. איהר קוקט אויף זיי, און קאָנט ניט גענוג זיך אָנקוקען. פרייד און גליק שטראַלען אַרוים פון זייערע פּנים'ער, און עס דוכט זיך אייך, ווי איהר הערט זיי זינגען: „אנו באנו ארצה לבנות ולהבנות בה".

מיין לעצטער באַזוך איז געווען אין דעם זאַל פון דעם אמאָליגען טעמפּעל, פון דעם בית המקדש פון שלמה המלך. שטעהענדיג אויף דעם שוועל פון אריינ־גאַנג, דערפיהלט איהר גלייך אַ גייסטיגע דערהויבונג. אייער געדאַנק טראָגט אייך אַוועק צו דער אַלטער היסטאָרישער שטאָדט ירושלים, און פעראייניגט אייך מיט דער לאַנג פאַרגאַנגענער געשיכטע פון אונזער אַמאָליגען קעניגרייך. גער הענדיג טיפער אריין אין זאַל, דערזעהט איהר אַ פּרעכטיגע אָריענטאַלישע בילד אויסגעשפּרייט פאַר אייערע אויגען — טונקעל בלוי בעלויכטען, אַ מין פּאָר־טאָג אויסזעהן, טויזענטער עלעקטרישע שטערען פינקלען אונטער דעם גלעזער־נעם צודעק. אויף די ווענט זיינען אויסגעמאָלען פערשיידענע בילדער, וועלכע דערצעהלען פון דריי טויזענד־יעהריגער געשיכטע. און אָט ענטפּלעקן זיך פאַר אייערע אויגען די אַלטע שטעדט: טבריה, צפת, ירושלים, אויך דער כותל המערבי, מיט זיינע פּאַרטרויערטע באַזוכער, וואָס האָבען מיט זייערע טרערען באַגאָסען די הייליגע וואַנט, וועלכע עקזיסטירט שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר.

דער בית המקדש, וועלכער איז געבויט געוואָרען פון שלמה המלך, ווערט אויך געוויזען אין אַ מוסטערהאַפטען מאָדעל, וועלכער שיינט אַרוים מאַיעסטעטיש. ער איז געבויט פון מאַרמאָרשטיין און געשניצט פון האָלץ. דער אַרכיטעקט פון דעם מאָדעל איז הרב יעקב יהודה. פערצעהן יאָהר האָט איהם גענומען צוזאַ־מענשטעלען דעם בית המקדש מאָדעל. איידער שלמה המלך האָט געבויט דעם הייליגען טעמפּעל, האָט ער מן הסתם פריהער געמאַכט אַ מאָדעל, און נאָכהער עס אויסגעבויט. און אַז מיר האָבען שוין דעם מאָדעל פאַרטיג, לאָמיר האָ־פען, אַז עס וועט אין גיכען אויסגעבויט ווערען, און דאַן וועט אויפשטעהן אַ כהן גדול, און אָנצינדען די מנורה אין דעם נייעם בית המקדש.

די ארץ ישראל אויסשטעלונג איז א דעמאָנסטראַציע פאַר דער גאַנצער וועלט, וואו מיר ציינען אונזער שטאַרקען ווילען צו בויען אַן אייגען היים. די פאַלשע מיינונג פון אונזערע שונאים, אַז מיר זיינען ניט קיין פיזיש־פעהיגע פאָלק, ווערט אָפּגעפרעגט דורך דער ארבייט פון דעם אידישען ערד־ארביי־טער, און דורך דער אָפּפערווייליגקייט פון דעם חלוץ.

אין דעם איצטיגען קאַטאַסטראָפאַלען מאָמענט, האָט זיך דורכגעריסען א שטראַל פון ערמוטיגונג. די ענגלישע רעגירונג האָט צייטווייליג אָראָפּגענומען די בעגרעניצונג פון דער אידישער אימיגראַציע קיין ארץ ישראל. לאָמיר האָ־פען, אַז די פינסטערע כוחות פון דער וועלט, וואָס ווילען פאַרניכטען דאָס שעהנסטע וואָס די מענשהייט האָט געשאַפען, וועלען אין גיכען באַזיגט ווע־רען, און אויף דעם אידישען הימעל וועט אויפגעהן דער מאָרגענשטערען, כדי מיר זאָלען אומגעשטערט פאָרטזעצען אונזער גרויסע ווערק פון בנין הארץ.

אונזער פאָלק אין דעם פּאַראַד פון נאַציאָנען

אין דעם פאַראַד פון נאַציאָנען זעהט מען בכלל ניט דאָס אידישע פאָלק, וואָרום, ניט האָבענדיג קיין לאַנד, ווערט זיין לעבען ניט אריינגערעכענט צווי־שען די פעלקער און נאַציאָנען פון דער וועלט. אין דעם גאַנג פון פּאָליטישע גע־שעהעניִשען איז עס כמעט א נול. דאַרף זיך א שטייגער מוסאָליני רעכענען מיט דעם אידישען פאָלק? וויל ער, גיט ער אַרויס א באַפעהל, אַז אידען טאָרען ניט זיין קיין ציוניסטען אין איטאַליען, זאָל זיין ניט קיין באַפעהל. לאָזט ער דאָס ווי־סען דורך אַן אָפיציעלער צייטונג, און מען אטאַקירט דאָס וועלט־אידענטום, כדי געפעלען ווערען ביי זיין בלוטיגען ברודער און חבר אין נאַצי לאַנד. עס איז דאָך קלאָר, הפקר איז דאָס אידיש לעבען אָהן דער מינדעסטער אורזאַכע.

געהט זיך א פאָלק מיט אזא רייכער געשיכטע, מיט אזוי פיל צווישען־פעל־קערליכען קאָנטאַקט, זייענדיג אזוי אריינגעוועבט אין קולטורעלען, עקאָנאָמי־שען, און פּאָליטישען לעבען פון דער וועלט, זיין באַזונדער וועג, איינזאַם און פאַרלאָרען אין דעם געדיכטען און פאַרפּלאָנטערטען וואַלד פון דער וועלט פּאָליטיק. יעדען שפּאַן דאַרף עס דורכהאַקען דורך די געדיכטע ביימער פון וואַלד. עס איז פאַרוואַקסען דער באָדען מיט א געוועב פון ווילדע פלאַנצען, אַרומגערינגעלט פון גיפטיגע עקדישען און שלאַנגען, ווי אין א מדבר. ווי אזוי קאָן פאַר זיך דורכשניידען א וועג אין א גייסטיג אָרימער מאַטעריאַליסטישער וועלט אזא פאָלק, וואָס זיין גאַנצע עקזיסטענץ הענגט אויף א האָר, און זיין גאַנץ לעבען איז געבויט בלויז אויפ'ן גייסט.

נאָך מיט טויזענטער יאָהרען צוריק האָט דאָס אידישע פאָלק געהערט די שטימע פון דעם גרויסען נביא און גייסטיגען פיהרער: „לא בחיל ולא בכוח,כי אם ברוחי" — ניט דורך פיזישער קראַפט, ניט דורך מיליטערישער מאַכט, נאָר דורך דיין גייסט, וועסטו ישראל אויסגעלייזט ווערען. און דיזע שטימע טראָגט זיך נאָך אַלץ אויף די כוואַליעס פון דער צייט אין אייביגקייט, און הערט ניט אויף צו קלינגען אין אונזערע אויערען אויף קיין איין מינוט, אפילו אין דער היינטיגער מאָדערנער צייט. גערעכטיגקייט איז דער אָטעם פון אונזער האָפע־נונג, און מיר וואַרטען און האָפען אויפ'ן אָנקומען פון גערעכטיגקייט און יושר אין אונזער באַאָטישער וועלטעל, ווי אויף משיח'ן.

ווי אזוי קאָנען מיר לעבען און אָטעמען פריי, אז אומעטום זיינען מיר צואוואָרפען אַלס אַ קליינע מינאָריטעט צווישען די פעלקער פון דער וועלט, און אומעטום יאָמערט אַרויס אַ וויי־געשריי פון אונזערע אונטערדריקטע ברידער? מיר שעצען אימער און האַלטען טייער דעם געדאַנק פון שלום, ווייל ווען עס איז שטיל און רוהיג אין לאַנד, לאָזט מען אונז צורוה. ווען די פעלקער פון דער וועלט הונגערען ניט, און זיי הויבען ניט קיין מעסער איינער אויף דעם צווייטען, דאַן קאָן נאָך דער שוואַכער פאָלק ישראל געהן אויף זיין זייטיג וועג אומגעשטערט. ווערט אָבער שלעכט, ווערט אומזיכער אין לאַנד, דאַן נעמען זיך די הערשער צו אונזערע ביינער. זיי זעהען מיט אַלע מיטלען צו פאַרבלענדען די מאַסען און אויסגיסען זייער צאָרן אויף אונז, כדי אָפּצואווענדען דעם גערעכטיגען כעס פון דעם אָרימען פאָלק פון זיך זעלבסט, וועלכע זיינען די אמת׳ע שולדיגע אין אַלע זייערע צרות. איבעראַל זיינען מיר דער שעיר לעזאזל, איבעראַל פאַלען מיר ווי קרבנות, אויף דעם מזבח פון באַנדיטיזם. לעבען דען ניט אין אונזער זכרון די שוידערליכע און אוממענשליכע בילדער פון די שחיטות אין אוקראַינע? ווערט דען ניט אונזער הויט אויפגעציטערט, ווען מיר לעזען, וואָס דער אומפאַרשעמטער „המן" טוט מיט אונזערע ברידער אין דייטשלאַנד?

אפילו די אַביסיניער רופען ביי אונז אַרויס אַ רחמנות־געפיהל. זיי זיינען טאַקע ווייט אַוועק פון אונז, אין אַדיס־אַבעבא, ווייט ערגעץ אין אפריקא, און דאָס לאַנד פון די עטיאָפּיער געהער זיך גאָר ניט אָן מיט אונז, אָבער מיר פיהלען דאָך, אַז דער שוואַכער איז אומגעקומען, און אָהן אַ פּאַרוואָס, אויפ׳ן פייער פון ברוטאַלען הערשער־דיקטאַטאָר. דעריבער טאַקע קאָנען מיר ניט צוקוקען, ווי הונדערטער טויזענטער אומשולדיגע מענשען ווערען פאַרניכטעט ערגעץ־וואו, מעג עס זיין אין אַ ווייטען געגענד פון מזרח.

איירָאָפּאַ ברענט ממש פאַר אונזערע אויגען, און אונזערע ברידער זיינען אויסגעזעצט צו דעם גרויסען געפאַר פון פאַרניכטונג און פולשטענדיגער אונטערגאַנג. ווילען מיר דעריבער זיי אַרויסראַטעווען, אַז זיי זאָלען קאָנען ענטלויפען ערגעץ אין אַ ווייטען ווינקעל, אין דער וויגעלע פון זייער אַלטער היים, כדי דאָרט צו עטאַבלירען אַ נייע היים, כדי דאָרט אויפשטעלען אַ נייעם בנין, וואָס זאָל זיין פאַרהיט פון די ליידען און אומגליקען פון דער אַלטער פינסטערער וועלט.

אָבוואָהל די בילו׳צעס זיינען שוין אויסגעשטאָרבען, אָט די יעניגע העלדען, וועלכע האָבען הויך אויפגעהויבען די בלוי־ווייסע פאָהן אין די אַכציגער יאָהרען פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט, רופענדיג די אידיש־רוסישע יוגענט צו געהן צוריק קיין ציון — „בית יעקב לכו ונלכה!", אָבער זייערע קינדער און קינד׳ס קינדער, זייערע גייסטיגע יורשים לעבען דאָך יאָ. און זיי געהען עס אין די וויסטענישען פון דעם חולה געגענט, אין די מאַלאַרישע זומפּען

פון דעם עמק יזרעאל, און רייסען זיך אין די מדבריות פון דעם נגב, כדי דאָרטען אויפצובויען אַ נייעם זיכערען ישוב. זיי ווילען געפינען אַן אינהאַלט אין לע־בען דורך אַרבייט, מיה, און שוויים. זיי געהען אויפאַקערען דעם פאַרוויסטעטען באָדען, און באַלעבען איהם מיט בוימער און פלאַנצונגען. זיי ווילען זיך זעלבסט אויסלייזען דורך ראַטעווען די וויסטעניש, און דורך פרוכטבאַר מאַכען די פאַר־שטיינערטע בערג. זיי זעצען פאָר דעם איינזאַמען וועג פונ'ם פאַר'יתום'טען פאָלק, דורך אומגעהויער גרויסע קרבנות אויפ'ן מזבח פון ליבע, איבערגעבענ־הייט, און מסירת נפש.

טראָגט זיך טאַקע פון באַרג און פון טאָהל דאָס געזאַנג פון אַרבייטסזאַמע חלוצים, פון באַוואוסטזיניגע העכסט קולטורעלע מענשען, וועלכע זיינען אויפ־געוואַקסען אויפ'ן שוים פון אידישען פיין און אומערטרעגליכען ליידען, ווע־מעם רייכע נשמות זיינען אויסגעלייטערט געוואָרען אין דעם ברענענדען קאַלך־אויווען פון טיפע יסורים, איינזאַפענדיג אין זיך אַלעס, וואָס איז שעהן, גוט, און ערהאַבען. זיי, די חלוצים, ווילען פאַראייביגען זייערע הייליגע טרוימען און חלומות, דורך די מעשים פון זייערע אייגענע הענט.

אָבער די רשעות פון דער אַזוי גערופענער ציוויליזירטער וועלט איז דאָך אומגעהויער גרויס. די בייזוויליגקייט פון די מענשען — חיות קאָן דאָך ניט פאַרטראָגען דאָס אויפלעבען פון אַ פאָלק פון גייסט. זיי זעהען מיט אַלע כוחות איינצוצאַמען די נשמה פון אונזער פאָלק און צו פאַרשמידען איהר אין קיי־טען. זיי ווילען ניט דערלאָזען,אַז עפּעס גרויסעס, קאָלאָסאַלעס זאָל געשאַפען ווערען אין ארץ ישראל. ווערט אַ בוים פאַרפלאַנצט, קומט די האַנט פון רוצח און רייסט דאָס אויס מיט די וואָרצלען.

און די רעגירענדע מאַכט, מיט איין האַנט גיט זי כלומר'שט פּריווילעגיעס און מעגליכקייטען עפּעס אויפצוטאָן, און מיט דער צווייטער האַנט פאַרניכטעט זי אַלעס וואָס עס ווערט אויפגעטאָן. אָט רעדט מען שעהנע ווערטער, און מען פאַרשפּרעכט, און מען לויבט פאַר די אויפטוהונגען און דערגרייכונגען, און פון דער אַנדער זייט, שטערט מען און מען דערשטיקט יעדע וויכטיגע אונטערנע־מונג. אפילו דעם ענגען שמאָלען וועג פון דעם אידישען פאָלק פאַרגינט מען איהם ניט. דוקא אין דער צייט, ווען אַזוי פיל פעלקער האָבען אַנערקענט דאָס רעכט פון אידישען פאָלק אויף זיין אייגען לאַנד, וואַקסט אויף די גרעס־טע און שטאַרקסטע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג פון דער וועלט, און די פעל־קער, וועלכע זיינען אַליין אַזוי פאַרזונקען אין די מ"ט שערי טומאה, און ווי־לען איינער דעם אַנדערען פאַרניכטען, געפינען נאָך צייט און מוט צו פּלאַנעווען די פאַרניכטונג פון אונזער שוואַכען פאָלק. מען דערלאָזט ניט, אַז די זון פון גליק זאָל אפילו אויף איין פולע מינוט שיינען איבער אונזערע קעפּ.

אויך אין דעם הייליגען לאַנד אונזערען הערשט כלומר'שט דאָס פאַר־הייליגטע אינטערנאַציאָנאַלע געזעץ, און די „ליכטיגע" תורה פון אייראָפּאַ, אָבער אַלעס נאָר אויפ'ן פּאַפּיר. עס פעהלט דאָס אמת'ע ליכט, דער עכטער מענשליכער געפיהל פון גערעכטיגקייט. און ווייט, ווייט איז נאָך די צייט, ווען עס וועט אויפהערען צו עקזיסטירען אומגערעכטיגקייט בכלל, און געגען דעם קליינעם פאָלק ישראל בפרט. גאָט ווייסט, צו עס וועט ווען אַמאָל קומען.

ניין, ניט ענגלאַנד, ניט דער פעלקער בונד, און ניט די ליבעראַלע וועלט זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם קאָלאָסאַלען אויפבוי אין ארץ ישראל. ניט קוקענדיג אויף אונזער באַשיידענהייט, קאָנען מיר זיך ניט העלפען, ווי נאָר זיך זעלבסט געבען די געהעריגע אנערקענונג, ווייל אין אונזערע כוחות אַליין ליגט טיף פאַרבאָרגען דער סוד פון אויפבוי און אויפלעבונג, פון אַלעס גרויסעס, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרען אין אונזער לאַנד פאַר די לעצטע דרייסיג־פערציג יאָהרען, צו להכעיס די שטערונגען, אין געגענזאַץ צו די שווערע אומשטענדען און שטיינער, וועלכע מען האָט אונז אימער געלייגט אויפ'ן וועג.

ווי צויבערדיג און דראַמאַטיש קלינגען די ווערטער „אַ אידישער שטאַט" — אַ אידישע לאַנד, מיט לענדער צו גלייך. מיר געהען צוריק אַ היים, דורך דער שמאָלער וועג, וועלכע האָט זיך געצויגען צוויי טויזענט יאָהר, דורכמאַכענדיג פאַר דער צייט דאָס גרויזאַמסטע וואָס אַ פאָלק קאָן נאָר דורכמאַכען. די נבואה פון שיבת ציון האָט אונז פיל מוט געגעבען, און איצט געהען מיר צוריק אין אונזער לאַנד מיט דער גרעסטער מאָס פון קוראַזש און געטליכער אינספּיראַציע. ארץ ישראל וועט אין אַ קורצער צייט ווערען דער אַוואַנגאַרד פון דער וועלט, און דאָס גאַנצע ציוויליזירטע מענשהייט וועט זיך מוזען שטאַרק רעכענען מיט דער ענטוויקלונג און פּראָגרעס פון אונזער היים, און זיך לערנען פון אונזער פאָלק, ווי אַזוי צו לעבען אַ אידעאַלען און געזונטען סאָציאַלען לעבען אויף דער וועלט.

אָט אַזוי זעהט אוים די וועג, אויף וועלכער אונזער פאָלק געהט אין דעם פּאַראַד פון נאַציאָנען. אונזער וועג איז אימער געוועזען די וועג פון אַ שטילען צניעות'דיגען לעבען, די וועג צו אַ דאָרפישער אידיליע, די וועג פון געטליכער נבואה צו אַ האַרמאָניש־גייסטיגער ווירקליכקייט. אָט דאָס זיינען די יסודות, אויף וועלכע עס בויט זיך אונזער נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל.

צוויי שפּראַכען אין גלות, איינם אין ארץ ישראל.

מיר זיינען דאָס איינציגע פאָלק אויף דער וועלט, וועלכע האלט, אז דער צוועק פון תורה לערנען איז דאָס לערנען גופא, תורה לשמה. א איד האָט קיינמאָל ניט געלערנט תורה צוליב פּראַקטישע צוועקען. דאָס לערנען אליין איז געווען אַן און פאַר זיך דער צוועק — „לדרוש ולקבל שכר". און צוליב דעם טעם, האָט זיך ביי אונז ענטוויקעלט א שאַרפע נייגונג צו דעבאַטירען און פּלפּול'ען זיך איבער אבסטראַקטע פראַגען, וואָס האָבען ניט צו טאָן מיט אַקטועלע לעבענס פּראָבלעמען, וועלכע פאָדערען פון אונז א באַלדיגען ממשות'דיגען ענטפער.

מיין הקדמה איז אנטקעגען דעם שטענדיגען פּלפּול'ען זיך איבער דער פראַגע פון העברעאיש אָדער אידיש. לעצטענס, איז עס ווידער בענייט געוואָרען אין דער אידישער פּרעסע, כאָטש קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט בנוגע דער פראַגע, ניט אין ארץ ישראל, און ניט אין גלות, און קיינע נייע אומשטענדען, וועלכע זאָלען בעלייכטען דעם ענין, זיינען ניט געשאַפען געוואָרען, מיט דער אויסנאַמע, וואָס ה. לייוויק, דער גרויסער דיכטער און דראַמאַטורג האָט זיך צוריקגעקעהרט א באַגייסטערטער פון א באַזוך אין דעם אידישען היימלאַנד, און ער פאָדערט גלייכבארעכטיגונג פאַר אידיש אין ארץ ישראל. צו לייוויק'ם טענות מוז מען זיך צוהערען, ווייל ער קומט ניט ווי איינער, וואָס איז ווייט אָפּגעריסען פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען קוואל, ווייל ער קומט מיט א טיפער ליבע און מיט א יראת הכבוד פאַר דער העבראישער שפּראַך, אנערקענענדיג איהר שעפערישען כוח און גרויסע לייסטונגען פאַר דער ענטוויקלונג פון אונזער נאַציאָנאַלער קולטור אין אַלע לענדער פון אונזער צעשפּרייטונג, און איבערהויפּט אין ארץ ישראל.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס חיים גרינבערג, דער רעדאַקטאָר פון דעם „אידישען קעמפּער", וועלכער איז א אידעאָלאָגישער העברעאיסט, האָט געווידמעט א סעריע אַרטיקלען צו דער פראַגע פון אידיש און העברעאיש, מאַכענדיג א קאָנקרעטען פאָרשלאַג אין אַן ענטפער צו לייוויק'ן, זאָגענדיג, ווי אזוי און אין וואָס פאַר א גראַד די אידישע שפּראַך זאָל אפיציעל אנערקענט ווערען אין דעם דערציהונגס און בילדונגס וועזען פון ארץ ישראל. עס איז א פראַגע, צו

דאָס וועט צופרידענשטעלן דעם גרויסן קעמפער פאַר אידיש. עס איז אויך אַ פראַגע, צו ארץ ישראל קאָן מאַכן וועלכע עס איז קאָנצעסיעס צו אידיש, ווייל פאַקטיש ווייסען מיר, אַז העברעאיש איז די הערשענדע אומגאַנגס־שפּראַך פון לאַנד, סיי ביי די קינדער אין שולע אָדער ביי זייער שפּיל אין גאַס, און סיי ביי די עלטערען אין דער היים, און אויך אין דעם מסחר פון מאַרק. און אויב דאָס איז נאָך ניט גענוג, לאָמיר בעזוכען די קבוצות פון אונזערע חלוצים, און מיר וועלען זיך איבערציייגען, וועלכע שפּראַך ווערט גענוצט דאָרט, העבּ־רעאיש אָדער אידיש.

דער אידישער ישוב, וועלכער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פערשיידענע דיאַלעקטען און שפּראַכען פון אַלע טיילען פון גלות, איז היינט־צו־טאָג איין אידישער קבוץ, פעראייניגט דורך איין שפּראַך. אַרבייט און שפּיל, געזאַנג און לעהרע ווערען אויסגעדריקט אין איין און דער זעלבער שפּראַך, העבּ־רעאיש. איין זאַך איז אָבער זיכער: פון אַלע אידישיסטען, וועלכע האָבען זיך לעצטענס אָרגאַניזירט אין דעם אַזוי גערופענעם „איקוף", (אידישער קולטור פאַרבאַנד) איז לייוויק אפשר דער איינציגער, וועלכער קומט ווי אַן אמת'ער פריינד פון העברעאיש אין ארץ ישראל, און דעריבער איז גאַנץ פאַרשטענדליך, וואָס זיין איינשטעלען זיך אויך פאַר אידיש אין אונזער נאַציאָנאַלער היים, האָט געקראָגען אַ סימפּאַטישען אָפּרוף אפילו אין די קרייזען פון פילע העבּ־רעאיסטען.

מיר שיינט אָבער, אַז אַלע אונזערע דיסקוסיעס ארום דער שפּראַכען פראַגע, סיי אין גלות און סיי אין ארץ ישראל, האָבען ניט קיין ממשות'דיגען ווערט. עס איז מעהר ניט, ווי איך האָב געזאָגט פון אָנפאַנג, אַן ענין אויף צו פּלפּול'ען זיך, „לדרש ולקבל שכר". עס וועט זיין אַרויסגעוואָרפענע מיה, ווען עמיצער זאָל איצט זוכען צו בעאיינפלוסען דעם גאַנג פון אידישען לעבען אין ארץ ישראל אין דער ריכטונג פון אידיש, אָדער אין ביידע שפּראַכען.

אונזער פאָלק האָט זיך שוין זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך געשאַפען זייט העבער דריי טויזענד יאָהר געשיכטע. אין דיזער שפּראַך האָט אונזער פאָלק געשאַפען די גרעסטע אָריגינעלע קולטור אוצרות. העברעאיש איז געוואָרען אַ טייל פון זיינע נאַציאָנאַלע הייליגטימער, וועלכע ער האָט אָפּגעהיט און פאַר־טיידיגט מיט זיין לעבען, דורך די אַלע לאַנגע פינסטערע תקופות פון זיין צעי־שפּרייטונג. דורך די אַלע יאָהרען, וואָס אונזער פאָלק האָט אין פאַרשיידענע לענדער אָנגענומען פערשיידענע שפּראַכען, איז דאָך טיף אין הארצען געווען פאַרבאָרגען די ליבע צו אונזער נאַציאָנאַלער העברעאישער שפּראַך, צו דער שפּראַך פון אונזערע תפלות, צו דער שפּראַך פון „תנ"ך", פון אונזערע גרוי־סע נביאים און חכמים. אָט די שפּראַך האָט פעראייניגט אַלע טיילען פון פאָלק איבער דער וועלט, און אַלעס וואָס איז פאַרבונדען אָרגאַניש און פּסיכאָלאָ־

גיש מיט דער האָפענונג פון זיין ענדליכער נאַציאָנאַלער בעפרייאונג. קאָן עס ווער אָפּלייקענען?

עס איז געווען אַ טעות, און אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך עס אָנרופען אַ רעאַקציאָנערע „עם הארצות" פון מאַנכע אידישיסטען צו דענקען, אַז העברעאיש און דער העברעאיזם האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט אַלטקייט, אָפּגעלעבטקייט, און רעגרעס אין דעם אידישען לעבען. פונקט פאַרקעהרט, דער העבראיזם, אין זיין ריינער דינאַמישער, פון גלות באַפרייענדער פאָרמע, איז געווען און איז אויך היינט דער לעבעדיגער, פראָגרעסיווער, און שעפערישער כוח אין אונזער לעבען.

אַלס בעוויז, קאָן דינען די היינטיגע ארץ ישראל, דער אידישער ישוב מיט דער סאָציאַליסטישער „הסתדרות", דער געזונטער און פראָגרעסיווער כוח פון דעם אידישען פאָלק אין זיין לאַנד, וועלכער בענוצט זיך אויסשליסליך מיט דער העברעאישער שפּראַך. עס איז געווען דער העברעאיזם, וואָס האָט אויפגעטאָן גרויסע וואונדער אין ארץ ישראל. היסטאָריש איז עס געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז אונזערע חלוצים און ראַדיקאַלע אַרבעטער, וועלכע זיינען געקומען אין לאַנד „לבנות ולהבנות בה", צו בויען דאָס לאַנד און זיך זעלבסט איבערבויען עקאָנאָמיש, קולטורעל, און אויך פּסיכאָלאָגיש, זאָלען זיך פאַרבינדען מיט דער נאַציאָנאַלער אידישער שפּראַך, העברעאיש, מיט דער שפּראַך פון אונזערע אַלטע און נייע קולטור־שאַפונגען, וועלכע האָבען באַווירקט און צעמענטירט אונזער נאַציאָנאַלען כאַראַקטער און אונזער פאָלקס־איינינקייט.

פאַר ארץ ישראל איז אַלזאָ די שפּראַכען פראַגע געלייזט, אָדער בעסער געזאָגט, די שאַפער און בויער פון ארץ ישראל האָבען איבערהויפּט גאָר ניט געהאַט פאַר זיך קיין שפּראַכען פראַגע. דער זעלביגער שעפערישער און פּסיכיש בעפרייטער נאַציאָנאַלער כוח, וועלכער האָט מיט אַזוי פיל מסירת נפש געטריקענט די זומפּען און פערוואַנדעלט מדבריות אין בליהענדע שטעדט און קאָלאָניעס, אָט דער זעלביגער העברעאישער כוח האָט אויך זיך געמוזט באַהעפטען מיט דער נאַציאָנאַלער היסטאָרישער שפּראַך, פונקט ווי ער האָט זיך פאַרבונדען מיט דער היסטאָרישער נאַציאָנאַלער היים.

עס איז אמת, אַז דער גרעסטער טייל פון אידישען פאָלק האָט פאַר די לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר ענטוויקעלט אַן אייגענע אומגאַנגס שפּראַך, וועלכע אונזערע דיכטער און שרייבער האָבען בערייכערט מיט זייערע גרויסע קולטור ווערק. מיר האָבען ענטוויקעלט אַ רייכע פאָלקס ליטעראַטור אין אידיש, און די שפּראַך איז אונז געוואָרען ליב און טייער. אָבער מיר קאָנען דאָך ניט בעשטימען אידיש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם אידישען פאָלק, ווען גרויסע טיילען פון אונזער אומה אין פילע לענדער רעדען און שאַפען אויף אַנדערע

שפּראַכען. מיר קאָנען דאָך יענע אידען ניט אויסשליסען פון אונזער מחנה צו־ליב זייער שפּראַך.

מיר מוזען דעריבער ציהען די פאָלגענדע ליניע, בנוגע דער שפּראַכען פראַגע אין ארץ ישראל, און אין גלות. אין די גלות לענדער קאָנען די אידען פאַרטזעצען צו ענטוויקלען זייערע פערשיידענע פרעמדע דיאַלעקטען. אָבער די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור, וועלכע פאַראייניגען דאָס גאַנצע פאָלק איבער דער וועלט, מוזען בלייבען אין צענטער פון אונזער לעבען. אין ארץ ישראל מוזען מיר האָבען איין נאַציאָנאַלע שפּראַך, און דאָס איז העברעאיש.

מיר שיינט, אַז דאָס איז ניט נאָר די מיינונג פון ציוניסטען און העברעאיסטען, נאָר אַזוי פיהלט אויך דאָס מעהרהייט פון אונזער פאָלק. אידישיזם פאַר ארץ ישראל איז בכלל ניט קיין פאָלקס באַוועגונג. עס קומט פון אַ קליינער גרופּע לינקע עלעמענטען, ווי געוועזענע בונדיסטען און אַנטי־ציוניסטען, וועלכע זיינען געבליבען אָהן דער מינדעסטער השפעה אויף די ברייטע שיכטען פון פאָלק. עס איז ריכטיג, אַז מיר דאַרפען דערוייל אין גלות אָנהאַלטען די אידישע שפּראַך, און אפילו שטיצען די אידישע קולטור אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען ניט פיינדליך צו העברעאיש. איך גיב צו, אַז די אידישע שפּראַך איז אונז ליב, ווייל מיט איהר זיינען פערבונדען אונזערע קינדער יאָהרען, און אין אַ געוויסער מאָס אויך אונזער פערגאַנגענהייט. אָבער דאָס־גלייכען זיינען אונז אויך ליב און טייער אונזערע קליינע היימישע שטעטלאַך, וואו מיר זיינען געבאָרען געוואָרען, און אונזער קינדהייט פאַרבראַכט. ווען מיר דענקען אָבער אין נאַציאָנאַלע טערמינען, קאָנען מיר ניט שטעלען אונזערע גלות שטעטלאַך העכער ווי ארץ ישראל. ווי ליב און שעהן עס זאָל ניט זיין אונזער שטעטעלע בעלז אָדער מינסק, זיינען דאָך אונז ליבער תל אביב, ירושלים, צפת, טבריה, עין חרוד, און אַנדערע ישובים פון ארץ ישראל, ווייל צו זיי שטרעבט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל.

אידען און די וועלט, אידען און אידיש.

עס איז דאָ אַן אַלטע, אייביג יונגע, אייביג נייע פּראָבלעם: „די אידען און די וועלט", אָדער פאַרקעהרט: „די וועלט און די אידען". אַנגעווייטאָגט איז שוין געווען די דאָזיגע פראַגע נאָך אין יענע צייטען, ווען מיר האָבען נאָך געהייסען „עברים", „העברעער", און געזעסען אויף אונזער אייגען לאַנד. שוין דאַן זיינען אידען אין ארץ ישראל געוועזען אַן אינסטרומענט פון מחלוקת פאַר דער דאַמאָלסטדיגער אַסיריש־באַבילאָנישער, דערנאָך עגיפּטיש־גריכישער, און שפּעטער רוימישער וועלט. שוין דאַן זיינען אידען אָפט געוועזען דער דינאַמי־שער מאַטעריאַל פאַר די אַמביציעס פון גרויסע מעכטיגע פעלקער.

שפּעטער צו, אין גלות, אין דעם פינסטערען פּעריאָד פון מיטל־אַלטער, האָט זיך די אידישע פראַגע נאָך מעהר פאַרשאַרפט. זי איז געוואָרען אַ פּראָבלעם אין יעדער שטאָדט און אין יעדען דאָרף, אַ פּראָבלעם פאַר יעדער קליינער רעגי־רונג, כלומר'שט אַ רעליגיעזע פּראָבלעם, אָבער מיט אַן עקאָנאָמישען אונטער־שלאַק. אָבער קיינמאָל אין דער וועלט געשיכטע איז נאָך די אידישע פּראָבלעם ניט געווען אַזוי אָנגעווייטאָגט, אַזוי פאַרשאַרפט און שפּאַנענד, ווי איצט אין דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

עס איז שוין געווען אַ צייט, מיט עטליכע דורות צוריק, ווען די וועלט און אויך מיר, אידען, האָבען געמיינט, אַז עס איז געקומען אַ סוף צו דער אידי־שער פראַגע, די אידישע פּראָבלעם איז געלייזט, און די לייזונג ליגט אין אַסימי־לאַציע, אויסמישונג. דאָס פאָלק ישראל דאַרף ווערען פולשטענדיג אויסגעמישט מיט אַלע פעלקער: „נהיה ככל הגוים" — אידען דאַרפען, מוזען און ווילען זיך אַסימילירען! דעם ערשטען גרויסען ביישפּיל אין דער הינזיכט האָט באַוויזען די הויך־ענטוויקעלטע קולטורעלע מערב אייראָפּא, אַזעלכע לענדער ווי: דייטש־לאַנד, פראַנקרייך, און ענגלאַנד. נאָכגעפאָלגט דעם געדאַנק האָט אויך די אָפּגע־שטאַנענע צאַרישע רוסלאַנד, וועלכע האָט זיך מיט אַ פּאָר דורות צוריק גענומען אַ ביסעלע „אויסמענשלען", איבערהויפּט נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, אין יאָהר 1905.

אַ פרישער ווינטעל פון ליבעראַליזם, פרייהייט, און גלייכהייט טענדענ־צען, האָט אָנגעפאַנגען צו בלאָזען אין אונזער וועלטעל, און די אידען האָבען זיך טאַקע גאַנץ געשמאַק אַ נעם געטאָן צו אַסימילאַציע. מען האָט זיך גענומען

רוסיפיצירעו, מען האט גענומען אפשלאגען די שוועלען פון די רוסישע גימנאזי־עס, הויך־שוהלען און אוניווערזיטעטען. עס איז געשאפען געווארען א היבשע צאהל אידישע דאקטוירים, אדוואקאטען, אינזשינערען און אנדערע פראפעסיאָנאלען, וועמעס אומגאנגס־שפראך איז געוועזען רוסיש. אויך אידען, וועלכע האבען זיך צוגעכאפט צום מסחר מיט׳ן רוסישען סוחר, האבען זייערע קינדער ערצויגען אין דער רוסישער שפראך, און אליין ערלערנט דעם רוסישען כאראקטער, די רוסישע מנהגים און לעבענס שטייגער. עס האט אפילו גאנץ גוט דערגרייכט צום שמד. דאס זעלבע איז אויך געווען אין צארישען פוילען, וואו א סך אידען האבען צוליב פאלשען פאטריאָטיזם גערעדט נאר פויליש און אויפגעפיהרט זיך ווי עכטע פאלאקען פון משה׳ס גלויבען.

פילע יאהרען זיינען פארלאפען. דער צוואנציגסטער יאהרהונדערט איז שוין אויף אונזער שוועל. נייע שוועלבעלעך זיינען געקומען צו אונז אין לאנד, און געבראכט מיט זיך די פרעהליכע בשורות פון א נייעם פריהלינג פאר דער גאנצער מענשהייט. מענשען האבען ערווארטעט א נייע גליקליכע ערא פאר אלע נאציאָנען פון דער וועלט, אין גיכען קומט א צייט, ווען דער וואלף וועט לעבען בשלום מיט דער שעפסעלע, אויב עס וועלען נאך בלייבען ערגעץ־וואו שעפסען אויף דער ערד. אבער ווי ענטוישט זיינען מיר שנעל געווארען. דער ברייטהארציגער בירגערליכער ליבעראליזם האט אנגעהויבען צו פלאצען ווי א זייפען־בלאזען. פריהער באגעגענען מיר זיך פנים אל פנים מיט א שוידערליכער וועלט מלחמה, די קאטאסטראפע פון 1914, וואו ברידערליכקייט און מענשליכע געפיהלען אין אלגעמיין זיינען אין גאנצען אפגעווישט געווארען פון אונזער ארימער וועלט. דערנאך קומען די שרעקליכע פאלגען פון דער בלוט באד: דער „גערעכטיגער״ווערסאל אפמאך, ארבייטסלאזיגקייט, דחקות, און ארימקייט אויף דער גאנצער וועלט.

דאן שפאנט ארויס אויף דער וועלט ארענא אין אייראפע די בלאנדע חיה אין דער געשטאלט פון דעם אולטרא־מאדערנעם טאטאליטארישען שטאט, וועלכער איז אונז גוט בעקאנט אונטער דעם נאמען „נאציזם״ אדער „פאשיזם״, געקליידעט אין פערשיידענע העמדלאך: די שווארצע העמדעל בעווייזט זיך אין איטאליען, די העמדעל אין עסטרייך, די ברוינע העמדעל אין דייטשלאנד, א העמדעל אין פוילען און אנדערע קליינע לענדער, און אפילו אין אונזער גאט געבענשטער אמעריקא זיינען מיר אויך באשאנקען געווארען מיט א העמדעל, א זילבערנע.

אין דער זעלבער צייט האט אויך דער סאוועטען פארבאנד געביטען זיין קורס, און ביסלעכווייז דעם אינטערנאציאָנאלען קאמוניזם פארביטען אויף אן ענג־קעפיגען נאציאָנאלען שטאט־סאציאליזם. ביי דעם רוסישען אידענטום איז

ארויפגעשוואומען דער בירא־בידזשאַן פּראָיעקט פון באַזעצען אידען אויף לאַנד ערגעץ אין אַ ווייטען ווינקעלע, אין די „הרי חושך", אין ווייטען סיביר, און גרינ־דען דאָרטען אַ אידישען שטאַט אין דעם סאָוועטען פאַרבאַנד.

אין אַזאַ פינסטערער צייט ווי די איצטיגע, איז ווידער ארויפגעשוואר־מען אויף דער טאָגעס־אָרדענונג די אָנגעווייטאָגטע אידישע פראַגע, ווידער אמאָל: „די אידען און די וועלט". קיין אסימילאַציע העלפט שוין מעהר ניט. דער בעסטער און טראַגישסטער בעוויז איז נאַצי־דייטשלאַנד. דאָס גלייכען וויל ניט אויך פוילען, אַז איהרע דריי און אַ האַלב מיליאָן אידען זאָלען זיך פאַלאָניזירען. אויך ליטע, לעטלאַנד, רומעניע, און נאָך אַנדערע לענדער — אַלע ווילען זיי, אַז מיר זאָלען פאַרבלייבען אידען, און נאָך מעהר, מיר מוזען ווערען איבערגעגעבענע ציוניסטען.

אַלע אייראָפּעאישע לענדער זיינען ווי פעראייניגט אין איין און דעמ־זעלבען געדאַנק: מען מוז וואָס שנעלער פּטור ווערען פון די אידען און פון דער אידישער פּראָבלעם, און אַלע ווייזען זיי אָן אויף ארץ ישראל. נאָר אויב ארץ ישראל קאָן אַלע אידען ניט אריינגעמען, טו זאָל עס אויספּילען מאַדאַגאַס־קאַר, אָדער סאַנטאָ־דאָמינגאָ, און נאָך אַנדערע „טייוועל"אינזלען, טעריטאָריעס, פון וועלכע מיר האָבען קיינמאָל ניט געהערט, וועלכע האַלטען טעגליך אין איין ענטדעקט ווערען פאַר אונז, אידען.

אָט דאָס איז דער אמת'ער פּנים פון אונזער איצטיגער מענשהייט, וועלכע זוכט אַ פּלאַץ, וואוהין צו פאַרטרייבען אונז פון אונזערע איינגעזעסענע היימען. זיי ווילען זיך פון אונז בעפרייען, און עס קימערט זיי ניט, צו דאָס ווערט דורכ־געפיהרט דורך פּאָגראָמען, ראַסען האַס, עקאָנאָמישען באָיקאָט, בלבולים, אָדער אנדערע אומאַנשטענדיגע מיטלען. דאָס איז דער זומפּיגער באָדען, איבער וועלכען עס שוועבט איצט די אידישע פראַגע.

נו, און מיר אַליין, ווי אַזוי רעאַגירען מיר אויף אונזערע אייגענע פּראָב־לעמען? ווי אַזוי קוקען מיר אויף ארץ ישראל אָדער בירא־בידזשאַן, אויף אי־דיש אָדער העברעאיש, אויף אסימילאַציע אָדער נאַציאָנאַליזם? רחל פייגענ־בערג, אַ אידיש־העברעאישע שריפטשטעלערין, פּרובירט ענטפערען אויף די דאָזיגע פראַגען, אין איהר גוט בעקאַנטען זאַמעל־בוך, אין דעם אַרטיקעל אונ־טער'ן נאָמען: „די וועלט וויל, אַז מיר זאָלען זיין אידען".

די שרייבערין בעווייזט, אַז אין אַ טייל פון אונזערע קאַטאַסטראָפאַלע אומגליקען זיינען מיר אַליין די שולדיגע. אָט, למשל, דערצעהלט רחל פייגענבערג וועגען דעם מצב פון דער אידישער שפּראַך אין אַזעלכע עכט אידישע לענדער ווי אין פוילען, לעטלאַנד, און ליטע. אין פוילען איז נאָך אפילו איצט ביי די היינטיגע רדיפות מצד דער רעגירונג און מצד די אנטיסעמיטישע פּאָגראָמען־

העצערישע פארטייען, שטארק די אסימילאציע טענדענץ צווישען אידען. מען קוקט נאך אלץ מיט גרינגשעצונג אויף אידיש, און די פוילישע שפראך הערשט, סיי אין דער אידישער היים, און סיי אין פארוויילונגס פלאץ, אין גאס. דאס זעלבע איז אויך אין לעטלאנד און עסטרייך. ליטע איז אן אויסנאהם אין דער הינזיכט, דערצעהלט די שרייבערין. דארט רעדט מען כמעט הונדערט פראצענט אידיש, און נאך בעסער, די אידישע אינטעליגענציע רעדט דארט מיט שטאלץ העברעאיש.

ביז ניט לאנג איז די טענדענץ פון די אידישע בירגער אין דעם סאוועטען פארבאנד געווען א ריין אסימילאטארישע. די אידישע קאמוניסטען האבען געהאלטען אין איין אפטרייסלען זיך פון אידיש און פון אלע אידיש־נאציאנאלע ווערטען. איין פאקט פון דעם בירגער קריג אילוסטרירט, ווי אזוי די אידישע קאמוניסטען האבען רעאגירט אויף די צרות פון זייערע אומגליקליכע פאגראמירטע ברידער אין רוסלאנד. ווען די אידישע שטעטלאך אין אוקראינע זיינען געווען אונטערוואָרפען צו דעם שיקזאל פון הפקרות און פאגראמען, האבען זיך א סך אזעלכע שטעטלאך ארגאניזירט און געשאפען א זעלבסטשוץ. די אידישע יוגענט איז געווען גרייט צו פארטיידיגען זיך געגען די צעווילדעוועטע באנדעס פון פעטלורא׳ן. עס האט אבער געפעהלט געווער, עס האבען אויך געפעהלט מיליטערישע אינסטרוקטארען. איז א דעלעגאציע פון די שוצלאזע שטעטלאך אוועקגעפאהרען קיין אדעס, זיך ווענדען צו די אידישע קאמוניסטישע פיהרער, אז מען זאל זיי העלפען מיט געווער און אינסטרוקטארען. האט מען זיי אפגעזאגט. ווייסט איהר, וואס מען האט זיי געזאגט? מען קאן די אידישע שוצלאזע שטעטלאך ניט שיצען מיט געווער און אנדערע זאכען, ווייל מען דארף האבען די הילף פאר דעם אלגעמיינעם קאמף. אט אזוי האבען זיך באצויגען אונזערע אידישע קאמוניסטען צו דער פראגע פון אידישער רעטונג און זעלבסט פארטיידיגונג.

אין דעם יאהר 1919, איז קיין אדעס אראפגעקומען לונאטשארסקי, דער סאוועטישער בילדונגס מיניסטער, און געהאלטען א באגייסטערטען רעפעראט איבער אונזער ספר, דעם „תנך". ווייסט איהר, ווער האט שארף פראטעסטירט געגען זיין רעדע? די אידישע קאמוניסטען, זאגענדיג, אז אזא רעפעראט איז קאנטער־רעוואלוציאנעריש. אזעלכע פאקטען פון אידען־האס האט מען דאן געקאנט זעהן אין די הונדערטער מצד אונזערע אייגענע ברידער, מצד די אידישע קאמוניסטישע פיהרער. זיי זיינען עס געווען די ערשטע, וואס האבען קאטעגאריש פראטעסטירט געגען העברעאישער ליטעראטור, העברעאישער קונסט, און אידישען לעבענס שטייגער. דער פסוק: „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו", איז אויף אונז אין דער פולסטער מאס מקוים געווארען אין דער „געבענשטער לאנד" פון קאמוניזם.

און וואָס זעהען מיר ערשט? אין די לעצטע עטליכע יאָהרען איז געשאַפען געוואָרען דער כלומר'שט אידיש־נאַציאָנאַלער קאָמוניזם, מיט דעם פּראָיעקט פון אַ זעלבסטשטענדיגער בירא־בידזשאַנער סאָוועטען רעפּובליק, אונטער דעם דרוק פון די ניט אידישע קאָמוניסטען. די סאָוועטישע רעגירונג אַליין האָט געמאַכט שטאַרק פּאָפּולאַר דיזען געדאַנק פון נאַציאָנאַלער אוטאָנאָמיע, וועלכער איז ביז דאָ ניט לאַנג געווען „טרייף" ביי די כשר'ע אידישע קאָמוניסטען. די רעגירונג האָט עם ארויפגעצוואונגען אויף די אידישע קאָמוניסטישע רעדל־פיהרער דעם געדאַנק צו ווערען ווידער שטאָלצע אידען, און צו בעזאָרגען זייערע ברידער מיט אַ באַזונדערען ווינקעל אין זייער לאַנד, מיט אַ שטיקעלע מקום מנוחה. אָבער אויך איצט איז די אַסימילאַציע טענדענץ צווישען די אידישע מאַסען אין רוסלאַנד שטאַרק פאַרשפּרייט.

לאָמיר איצט זעהן, ווי האַלט עס מיט ארץ ישראל. ווי איז דאָרט דער געגענוואַרט, און ווי אַזוי זעהט אויס די צוקונפט? די שרייבערין רחל פייגענבערג, וועלכע איז אַליין אַ איבערגעגעבענע ציוניסטקע, גלויבט, אַז וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען מיט'ן ענגלישען אימפּעריאַליזם, און וואָס פאַר אַ פּאָליטיק ענגלאַנד זאָל אויף ווייטער ניט שפּילען, וועט ארץ ישראל סיי ווי בלייבען אַ לאַנד פאַר אידען, און די העברעאישע שפּראַך וועט אימער זיין די הערשענדע שפּראַך פון לאַנד, הגם זי איז ניט קיין פאַרביסענע געגנערקע פון אידיש, אין וועלכער זי שרייבט איהר גרעסטען טייל ווערק.

די שרייבערין, וועלכע האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין ארץ ישראל, און זיך גוט צוגעקוקט צום לעבען און גייסט פון לאַנד, דערצעהלט, אַז די עלטערע אידען רעדען נאָך דאָרט גאַנץ געשמאַק אידיש, און אַז מען האָט אין ארץ ישראל ליבער אידיש, ווי ערגעץ־וואו אין די גלות לענדער. מען רעדט אַסך אידיש אין די גרויסע שטעדט צווישען דעם פּשוט'ען המון. זי דערצעהלט אַ פאַקט פון זיך פערזענליך — ווען זי פלעגט זיך פאַרקליידען ווי אַ פּשוט'ע פאָלקס פרוי און ארויסגעהן אין תל אביב עפּעס קויפען, פלעגען די מאַרק אידען תמיד זיך ווענדען צו איהר אין אידיש: „וויבעל, וואָס קויפט איהר היינט?" פאַרקערט, ווען זי פלעגט זיך פאַרקליידען ווי אַ דאַמע פון דער העבערער געזעלשאַפט, פלעגט מען זיך צו איהר ווענדען אין העברעאיש: „שלום, מה הגברת רוצה? בבקשה..."

די צוקונפט אָבער, האַלט רחל **פייגענבערג, געהערט דער** העברעאישער שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדען איצט די ארץ ישראל'דיגע אָרגאַניזירטע אַרבעטער און די יוגענט. די שרייבערין איז ניט קיין שונא פון אידיש, דאָך פיהרט זי אַ שאַרפע דיסקוסיע מיט די פאָרשטעהער פון „סנאָב־אידישיזם", ווי זי רופט זיי, מיט אַ סך בערימטע אידישע שרייבער, וועלכע זיינען דאָ ניט

לאנג צוריק ארויסגעטראָטען מיט א שארפען פּראָטעסט נעגען די רדיפות אויף אידיש אין ארץ ישראל. זי דערצעהלט אסך פאקטען וועגען די שרייבער, וועל־כע געמען זיך אזוי אָן די קריוודע פון אידיש, אז זיי אליין רעדען אין זייערע היימען מיט זייערע פרויען און קינדער אלערליי שפּראַכען אויף דער וועלט, א חוץ אידיש. אין דעם איז ליידער דאָ א סך אמת. איך, פּערזענליך, גלויב, אז מיר, אידען גופא אין אלע לענדער ערגערען זיך ניט אזוי שטארק וועגען דעם גורל פון אידיש. מיר האָבען אויך דאָ אין אמעריקא גענוג אסימילאַטאָרען און זעהר ווייניג ליבהאָבער פון אידיש, וועלכע זאָלען זיך שטארק קימערען פאר דער אונטערהאלטונג פון דיזער פאָלקס־ שפּראַך, א חוץ אידישע ליטעראַטען און בעסערע אידישע שוישפּילער. רחל פייגענבערג גלויבט אין א מין סינטעז פון אונזערעביידע שפּראַכען: אידיש און העברעאיש.

אין אלגעמיין, ברענגט זי ארוים פילע וויכטיגע מיינונגען און געדאנקען וועגען אלערליי אידישע פּראָבלעמען. די אידישע פראגע שטעהט איצט אויף דעם טאגעס־אָרדענונג פון דער גאנצער וועלט. זי מאָנט און פאָדערט א שנע־לע לייזונג און א באלדיגען תיקון.

אין דעם איצטיגען מאָמענט.

מיר שטעהען איצט אין איינעם פון די אַנטשיידענסטע מאָמענטען אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער וועלט, ווי אויך פון דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. עס איז אַ מאָמענט פון ירידה אין דער מענשליכער ציוויליזאַציע. דעם נצחון האָט געוואונען די ברוטאַלע מאַכט פון דער וועלט. פאַרשפּרעכונגען און התחיבות'ן ווערען ציניש און אָפען געבראָכען, אין העלען ליכט פון טאָג. די חוצפה'דיגע אַטאַקעם פון פאַשיזם אויף דעמאָקראַטישער פרייהייט פון דרויסען, און די שוואַכקייט און פאַרראַט פון די גרויסע דעמאָקראַטישע מעכטע פון אינווייניג, וואַרפען אַן אַ שרעק אויף די ליבעראַלע און פרייהייט ליבענדע מענשען אין דער וועלט. עס הענגט דעריבער אויך אַ דיקער פאָרהאַנג איבער דער שטראַלענדער ליכט פון דער ניט געשטילטער האָפענונג פון מיליאָנען אידען, אויסגעלייזט צו ווערען אין דעם לאַנד פון זייערע טרוימען.

דער מאָדערנער פּאָליטישער ציוניזם לעבט איצט דורך אַ פּעריאָד פון שווערע אומשטענדען. די לעצטע וועלט מלחמה פון 1914 האָט געזאָלט עפענען אַ נייע תקופה פאַר דער מענשהייט בכלל, און פאַר'ן ציוניזם בפרט. פאַר אַ קורצער צייט האָבען זיך טאַקע בעוויזען אויסערגעוועהנליך ברייטע האָריזאָנטען אויף אונזערע הימלען. מיר ווייסען שוין פון דער ביטערער ערפאַרונג, אַז די דערגרייכונגען פון ציוניזם זיינען אימער־צו געווען אָפּהענגיג אַן אונז זעלבסט: אונזער אויסדויער'ס קראַפט, אונזער טרייהייט, איבערגעבענהייט, און טיפען גלויבען אין אונזער הייליגען אידעאַל, מעהרער ווי אַן אַנדערע פרעמדע כוחות.

אין דעם איצטיגען מאָמענט איז זעהר וויכטיג אַריינצוקוקען אין דעם ספר הזכרונות פון ציוניזם. לאָמיר אַקאָרשט אַ קעהר־טאָן די בלאַט פון ציוניסטישער כראָניק צוריק צום יאָהר 1903. פּונקט מיט 35 יאָהר צוריק איז דר. הערצל געקומען צום ציוניסטישען קאָנגרעס אַ מידער, אַ צובראָכענער און ענטוישטער מענש. „איך בין געקומען צו אייך" — האָט ער ערקלערט — „מיט ליידיגע הענט". ער האָט דאָן אַזוי געפיהלט, ווייל ער האָט זיך אָנגעשטויסען אַן אַן אייזערנער וואַנט. זיין געפיהל איז דאַן געווען, אַז אויף וויפיל אונזער היסטאָרישער אויג קאָן פאָראויסזעהן ,איז ניטאָ קיין האָפענונג צו קאָנען אויפטאָן עפּעס ממשות'דיגעס אין ארץ ישראל. אַזאַ מאַן, וואָס האָט געקאָנט

אויפרודערען דאָס גאַנצע יודענטום מיט זיין אידעאַליזם און אינספּיראַציע פאַר'ן ציוניזם, אַ מאַן, וואָס האָט זיין גאַנצען לעבען מפקיר געווען פאַר דעם געדאַנק צו שאַפען אַ יודענשטאַט אין ארץ ישראל, איז פלוצלונג אַליין גע־וואָרען ענטוישט.

אַט די פאַרצווייפלונג ביי אַ גרויסען טייל פון אונזערע פיהרער אין יענער צייט, איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען זיך צו ערשט אָנגעכאַפּט אָן דעם „אוגאַנדאַ" פּראָיעקט פאַר אַ אידישער היימלאַנד, און שפּעטער אויך אָן אַנדע־רע טעריטאָריעס, אַלס דאָס לעצטע האָפנונג פאַר אידען. טויזענטער אידען אויף דער גאַנצער וועלט האָבען געקראָגען דעם איינדרוק, אַז דער ציוניזם אין דער מאָס, אין וועלכער ער איז געווען פאַרבונדען מיט'ן בעשטימטען פּלאַן אויפצו־בויען ארץ ישראל, ווערט אין גיכען ליקווידירט.

אָבער די היסטאָרישע קראַפט, וואָס איז אימער־צו פאַרבאָרגען פון מענש־ליכען באַגריף, קומט אָן אין דער ריכטיגער צייט און זעצט פאַר יענע ארבייט, וואָס איז צייטווייליג אָפּגעשטעלט געוואָרען. די שוידערליכע פּאָגראָמען פון אוקראינע פון 1918־1919, און די מאַסען ארעסטען פון די אידישע פּאָליטישע פיהרער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָבען צוריק אויפגעלעבט דעם גע־דאַנק פון ציוניזם. אין זעכצעהן יאָהר ארום נאָך יענער אַזוי־גערופענער ציוניסטי־שער ליקווידאַציע אין דער וועלט, האָט מיט אַמאָל זיך אָנגעפאַנגען די חלוצים באַוועגונג קיין ארץ ישראל, די צווייטע עליה.

ווען אימיצער וואָלט אין 1903 געפרעגט, וואָס עס זיינען די אויסזיכטען פאַר אַזאַ אימיגראַציע באַוועגונג, צו וואָס עס קאָן פיהרען אָהן אַ טשאַרטער, אָהן וועלכען ניט איז צוזאָג מצד אַ מעכטיגער רעגירונג אין דער וועלט, אַנטקעגען דעם ווילען פון דער דאַמאַלסטדיגער טערקישער מלוכה, וועלכע האָט דאַן קאָנט־ראָלירט ארץ ישראל, זיכער וואָלט קיינער פון יענע חלוצים ניט געקאָנט גע־בען אַ קלאָרען ראַציאָנאַלען ענטפער. דער כוח, וואָס האָט זיי געשטויסען נאָך ארץ ישראל, איז געווען אַ היסטאָרישער אינסטינקט פון יענע קרעפטען אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק, וואָס האָבען די געוואַגטקייט זיך צו באַטראַכטען שטאַרק גענוג צו באַהערשען די אינערליכע צווייפלונגען און זיינען בכוח דורכ־צוברעכען „אייזערנע ווענט", וועלכע עס זאָלען ניט זיין אויסערליכע שטערונ־גען. אַ דאַנק יענער געוואַגטקייט, וועלכע האָט געשעפּט איהר אינספּיראַציע אין טיפען גלויבען אין דעם מעכטיגען ווילען צו שאַפען אַ נייעם לעבען פאַר דעם אידישען פאָלק, זיינען מיר, אידען, געוואָרען אַן אָנגעזעהענער פאַקטאָר אין ארץ ישראל שוין אין די יאָהרען פון דער ערשטער וועלט מלחמה, און דער רעזול־טאַט איז געווען, אַז אין 1917 איז אונז געגעבען געוואָרען די באַלפור דעקלאַראַ־ציע, די אָפיציעלע אַנערקענונג פון אונזערע רעכט אויף אונזער לאַנד.

פערגלייכענדיג דעם איצטיגען קריזיס אין ציוניזם אין 1938 מיט'ן יאָהר 1903, ווען דער פּאָליטישער ציוניזם האָט דורכגעמאַכט אַן עהנליכען קריזיס, ווען טויזענטער און טויזענטער אידען האָבען געמיינט, אַז עס איז אַן ענד־גילטיגע נידערלאַגע, וואָס זעהען מיר? — וואָס פאַר אַ לאַנגען וועג האָבען די ציוניסטען דורכגעמאַכט אין משך פון 35 יאָהר! ווי אַנגענעהם אומערוואַר־טעט דאַרף איצט בעטראַכט ווערען דאָס, וואָס מיר האָבען דערגרייכט היינט־צו־טאָג אין ארץ ישראל. אין אַזאַ קורצען פּעריאָד האָט אונזער לאַנד אויפגע־נומען אַ באַפעלקערונג פון אַרום אַ האַלבען מיליאָן אידען, כן ירבו, מיט אַן איינגעפונדעוועטער אידישער לאַנדווירטשאַפט, מיט פילע יונגע אינדוסטריעס וועלכע אפילו די בהלות און מהומות פון די לעצטע דריי יאָהר טעראָר זיינען ניט אימשטאַנד געווען צו רואינירען; מיט אַ מעכטיגער אַרבעטער באַוועגונג, ווי די הסתדרות; מיט וואונדערבאַרע סאַניטאַרישע און מעדיצינישע דערגריי־כונגען; מיט נייע שטעדט און נייע דערפער, און מיט אַ פאַרצווייגטען שעפערי־שען קולטורעלען לעבען. דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרען נאָך דער אַזוי גערו־פענער ציוניסטישער ליקווידאַציע פון 1903.

דאָס איז נויטיג איצט באַטאָנט צו ווערען, אין דעם איצטיגען ביטערען מאָמענט פאַר דעם אידישען פאָלק, ניט ווייל מיר ווילען יעצט אויף דאָס נייע אַרויסגעבען אַן אורטייל אויף יענע טעריטאָריאַליסטישע בלאָנדזשענישען, און ניט ווייל מיר האָבען בדעה אין וועלכער עס איז מאָס אָנצוצייגען אויף דער שוואַכקייט אָדער קורצזיכטיגקייט פון אַ טייל פון אונזערע פיהרער אין יע־נער צייט. און זיכער באַצוועקען מיר ניט מיט דיזער באַטאָנונג צו האַלטען, אַז דער משל פון 1903 איז אין אַלע פּרטים געגליכען צום איצטיגען מאָמענט פון 1938. עס איז מעהר ווי דאָס. אין די שווערע טעג פול מיט געפאַרען און טעראָר, וואָס ארץ ישראל לעבט איצט איבער, איז עס אַ גרויסע טרייסט צו דערמאָנען זיך אָן דער נאָהענטער פאַרגאַנגענהייט, אָן אַמאָליגע נידערלאַגעס, צווייפלונגען און ענטוישונגען, פון וועלכע מיר זיינען אַרויס אַזוי מוטיג און ער־פאָלגרייך. עס איז אויך ניטאָ קיין גרונד צו באַהויפּטען, אַז די געשיכטע חזר'ט זיך פונקט איבער, און אַז מיר קאָנען היינט געשטעלט ווערען פאַר דער זעלבער סיטואַציע פון 1903.

וואָלטען מיר אַלע אָנגענומען די מיינונג פון 1903 אַלס אַן ענדגילטיגער סוף צו אונזער נאַציאָנאַלער שטרעבונג, דאַן וואָלטען מיר ניט געקאָנט נאָכדעם אַריינשרייבען אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק דעם גרויסען קאַפּיטעל פון העלדישקייט און אויפבוי אין ארץ ישראל, מיט וועלכען מיר זיינען היינט אַזוי שטאָלץ, און מיט וועלכען אונזערע קינדער אין דער ווייטער צוקונפט וועלען זיכער זיין באַרעכטיגט צו שטאָלצירען.

דער זעלבער צוגאנג דאַרף אויך אַנגעווענדעט ווערען צו דער הײנטיגער שווידערליכער צייט, אַלץ אײנס מיט וואָס עס זאָל זיך ניט אויסלאָזען, ניט קו־קענדיג אויף דעם פעסימיזם פון געוויסע אידישע פיהרער, וועמעס הענט זײנען אָפּהענטיג און מאַכטלאָז. מיר האָבען שוין אַזעלכע פיהרער געזעהן אין אונזער דריי טויזענט־יעהריגער געשיכטע, און צוזאַמען מיט זיי איבערגעלעבט זעהר טראַגישע מאָמענטען, וועלכע זײנען געקומען אַלס רעזולטאַט פון זייער בי־טערער אַנטוישונג. זיי זײנען עס געווען אונזערע פאַלשע נביאים. מאַכט־לאָזיגקייט אין אַ געוויסען מאָמענט איז אַ גרויסער ווייטאָג, אָבער דאָס מיינט ניט דוקא אַ קאַטאַסטראָפע, און זיכער ניט קיין חורבן. אַ חורבן קומט ניט פון צייטווייליגער אָפּהענטיגקייט, נאָר פון אויסגעלײדיגטע הערצער.

וואָס האָט אייגענטליך איצט פּאַסירט? וואָס קאָן אָדער וועט מיט אונז מאָרגען פּאַסירען? קיינער ווייסט עס ניט, ניט מיר, און ניט די אַראבישע פיהרערשאַפט, און אפילו אויך די ענגלישע רעגירונג קאָן עס ניט באַשטימט פּאָראויסזאָגען. די אַלגעמיינע פּאָליטיק פון דער וועלט איז איצטער אין אַזאַ צומישטען כאַאָטישען צושטאַנד, אַז מען קאָן בשום אופן ניט אויסרעכענען פּאָר־אויס קיינע באַשטימטע האַנדלונגען אָדער געשעהענישען. מיר האָבען אָבער אַ געוויסען גרונד צו גלויבען אין דעם וואָס עס קאָן געשעהן, אורטיילענדיג פון די פּלענער, מיט וועלכע מען טראָגט זיך אַרום אין דער איצטיגער בהלה'דיגער אַטמאָספערע פון דער אייראָפּעאישער וועלט פּאָליטיק.

עס ווערט קלאָר פאַר אונז, אַז פילע טונקעלע קרעפטען זײנען איצט מאָ־ביליזירט געגען אונז אידען, און אויף ענגלאַנד ווערט פון פאַרשײדענע זייטען אַרויפגעצוואונגען אַן אומגעהויער שטאַרקער דרוק, וועלכער האָט אַ דירעקטע ווירקונג אויף דער אידישער לאַגע אין ארץ ישראל. דאָס איז דער רעזולטאַט פון דעם טרויעריג בארימטען מינכענער שלום, דער פועל יוצא פון דעם פאַררעטע־רישען אָפּמאַך צווישען די פאַרטרעטער פון די פיער מעכטיגע אייראָפּעאישע מלוכות: דייטשלאַנד, ענגלאַנד, איטאַליע און פראַנקרייך, וועלכע בערימען זיך אַזוי פוסט, אַז זיי האָבען די וועלט באַגליקט מיט שלום. יאָ, שלום! ווי לאַנג און אויף וועמעס רעכענונג? עס ווערט פאַר אונז קלאָר פון היטלער'ס לעצ־טער באָמבאַסטישער רעדע אין נירענבערג, וואו ער האָט דייטליך צוגעגעבען, רעדענדיג וועגען דעם מינכענער שלום, אַז דייטשלאַנד און איטאַליע שיקען נאָך אַלץ אַמוניציע צו דעם מופּטי מיט זיינע באַנדעס.

אמת, בערלין און רוים זײנען נאָך ווייט ניט פאַרטיג מיט מאַכען אַ פול־שטענדיגע אָרדענונג אויף דעם אייראָפּעאישען קאָנטינענט, אום זיי זאָלען שוין היינט זיין בכוח צו שטעלען צו די דעמאָקראַטישע מדינות אַן אולטימאַטום בנוגע דער ארץ ישראל פּראָבלעמע. עס איז דערפאַר דאָ מעהר גרונט צו זוכען די־

אויפקלעהרונג פון דער פארפלאָנטערטער אידישער פראַגע אויף גאַר אַן אַנדער וועג. מיר ווייסען ניט, אויב אימיצער איז נאָך פעהיג היינט־צו־טאָג צו גלויבען אין דעם אייראָפּעאישען שלום, וועלכען, מ'שטיינס געזאָגט, טשעמבערליין האָט מיט זיך געבראַכט פון מינכען. ניט אַזוי האַנדעלט מען, און ניט אַזעלכע רע־דעס האַלט מען נאָך אַ שלום אָפּמאַך, ווי היטלער, ימח שמו, האַלט איצט.

צוויי גרויסע ענגלישע פּרעמיערען זיינען געפאָרען צו דיפּלאָמאַטישע קאָנפערענצען אין דייטשלאַנד: דער היסטאָריש גרויסער דיזראַעלי מיט אַ זעכציג יאָהר צוריק, און איצט נעוויל טשעמבערליין. ביידע מאָל זיינען די לענדער פון דעם נאָהענטען מזרח מיט דעם סועץ קאַנאַל געשטאַנען פאַר די אויגען פון דער דיפּלאָמאַטישער וועלט. דעמאָלט האָט זיך עס געהאַנדעלט די־רעקט, און איצטער — בלויז דורכ'ן שאָטען פון מוסאָליני'ס באַטייליגונג. טשעמבערליין איז צוריקגעקומען פון מינכען מיט דער פראַזע, וואָס ער האָט געבאָרגט ביי דיזראַעלי'ן, אַז ער האָט געבראַכט אַן עהרענהאַפטען שלום. פאַר אונז איז אָבער זיכער, אַז ניט נאָר האָט ער קיין בכבוד'יגען שלום ניט גע־בראַכט, נאָר פאַרקעהרט. דיזראַעלי האָט ביי דעם בערלינער קאָנגרעס מיט ביסמאַרק'ן באַפעסטיגט דעם סועץ קאַנאַל פאַר ענגלאַנד. טשעמבערליין דורך זיין באַגעגעניש מיט היטלער'ן און מיט מוסאָליני'ן, האָט גראַד געשאַפען די מעגליכקייט, אַז מען זאָל דעם סועץ קאַנאַל אין גאַנצען צונעמען פון ענגלאַנד. איז צו רעדען וועגען אַזאַ שלום, וואו קיין שלום איז ניטאָ, ממש לעכערליך.

דער זעלבער טשעמבערליין, וועלכער האָט די וועלט ציימווייליג געראַטע־וועט פון אַ צווייטער וועלט מלחמה, האָט שוין אַליין אין זיין ערשטער רעדע אין פּאַרלאַמענט נאָך זיין צוריקקעהר פון דייטשלאַנד גערעדט וועגען דער פאַרשטאַרקונג פון ענגלישער באַוואָפענונג. אויך דער געוועזענער פּרעמיער באַלדווין, וועלכער האָט אין לאָרדען הויז אַזוי שטאַרק געלויבט טשעמבער־ליינ'ס פּאַסיפיזם, האָט גלייכצייטיג אויפמערקזאַם געמאַכט ענגלאַנד, אַז זי דאַרף פאַרגרעסערען איהרע מיליטערישע קרעפטען. מיט איין האַנט האָט מען אונטערגעשריבען אַ שלום, און מיט דער צווייטער גרייט מען זיך צו, צו אַ נייער מלחמה.

ווי העסליך עס האָט געקלונגען די לעצטע רעדע פון היטלער'ן, אין וועל־כער ער האָט ניט געפונען קיין איין אָנשטענדיג וואָרט פאַר די, מיט וועמען ער האָט נאָר וואָס געשלאָסען שלום. פאַרקעהרט, ער האָט נאָך אַרויסגעוויזען זיין באַריהמטע חוצפה צו דיקטירען ענגלאַנד, ווער עס זאָל אָדער זאָל ניט שטעהן אָן דער שפּיץ פון דער ענגלישער רעגירונג. פון דער רעדע אַליין קאָן מען זעהן, ווי פאַלש עס איז די פריינדשאַפט פון די דיקטאַטאָרישע מלוכות צו די דעמ־אָקראַטישע לענדער. דאָס וואָס טשעמבערליין און דאַלאַדיע האָבען דערגרייכט

אין מינכען איז ניט קיין פרידען און ניט קיין סטאביליזאציע פון דער פּאָליטי־
שער לאגע, נאָר אין בעסטען זין אפשר בלויז א מין סטראטעגישער „מאָראטאָ־
ריום", א מעגליכקייט בלויז אָפּצושטופּען די מלחמה אויף א געוויסער צייט.
זיכער האָט זיך ניט געלוינט די דעמאָקראטישע מלוכות צו ברענגען אזעלכע
קרבנות, ווי די פרייע טשעכאָסלאָוואקיע צו דעם בלוטדורשטיגען דיקטאטאָר,
צוליב אזא מאָראטאָריום. מיט דעם, גיבען זיי היטלער'ן נאָך מעהר מעגליכקיי־
טען צו ווערען אַלץ שטארקער און מעכטיגער, און דורך דעם אָנצואווארפען א
שרעק און אָניאָגען אַן אימה אויף דער גאנצער וועלט.

אויב ענגלאנד און פראנקרייך ווילען ניט ווערען א ווערקצייג אין די הענט
פון די צוויי פאשיסטישע דיקטאטאָרען, ווילען זיי מוזען פריהער אָדער שפּע־
טער מלחמה האלטען, אָדער זיין לכל הפּחות אזוי צוגעגרייט מיליטעריש, אז
זיי זאָלען אָנוואַרפען א פּחד אויף היטלער'ן און מוסאָליני'ן, און דורך דעם דער־
שטיקען דעם דראנג פון זייערע גרויסע אפּעטיטען פאר מלחמה און אויסשפּריי־
טונג. אויב דאָס איז דער צוועק פון די איצטיגע קאפּיטאנען פון דעם ענגלישען
רודער, דאַן מוז מען שוין היינט גלייך נאָך דער פייערונג פון דעם מינכענער
שלום, זיך אָנפאנגען צוצוגרייטען פאר א נייעם בלוט באָד, פאר א נייער וועלט
מלחמה.

און דאָ קומט ארויף די פראגע פון דעם פּאָליטישען וואָגשאָל. מען וועט
באלד אָנהויבען צו מעסטען און צו וועגען, וועמעס פריינדשאפט איז פון גרעסע־
רער וויכטיגקייט, און וועמעס פיינדשאפט איז פון קלענערער געפאר. הויבען
דעריבער זיך שוין אָן אויף דאָס־ניי די אַלטע חשבונות אין ענגלאנד, וועגען
די פאבריצירטע טענות פון די אראבער, און מען פאנגט אָן איצט נאָך מעהר
זיך צוצוהערען, מיט פיל מעהר אויפמערקזאמקייט ווי פריהער צו די אראבישע
פיהרער, וועלכע זיינען איצט, נאָך מינכען, נאָך דעם פּאָליטישען חורבן פון
טשעכאָסלאָוואקיע, געוואָרען דרייסטער און חוצפּה'דיגער, איידער ווען עס איז
פריהער. אָט אזוי קוקט אוים די פּאָליטישע לאגע איצט אין ענגלאנד. דאָס
מאכט אַלע מענשען צו דענקען, אז אין געוויסע ענגלישע קרייזען טראָגט מען
זיך ארום מיט'ן געדאנק אָפּצושטעלען אינגאנצען די אידישע אימיגראציע קיין
ארץ ישראל, צוליב דעם פאלשען חשבון, אז מיט אזא פאררעט צו די אידען,
וועט ענגלאנד געווינען די אראבישע פריינדשאפט. פאר די פּאָליטישע קרייזען
אין ענגלאנד מאכט ניט אוים, וואָס ענגלאנד וועט דורך דעם אפילו דארפען
ברעכען איהר היסטאָרישע פארפּליכטונג צו די אידען, וואָס זי האָט אויף זיך
גענומען אין די אויגען פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט.

אַלאָ, וואָס אָנבעלאנגט דער אידישער פריינדשאפט, דאָס האַלט דער רע־
אקציאָנערער טייל פון ענגלאנד, אז אויף דעם איז סיי ווי דאָ א מין פארזיכע־

רונגס „פּאָליסי”. די רעאַקציאָנערען אין ענגלאַנד דענקען מסתמא, אַז די אידען קאָנען זיך סיי ווי ניט אָפּקערען פֿון ענגלאַנד, וואָס אין דער נאָהענטער צוקונפֿט זאָל ניט פּאַסירען, ווייל דער גורל פֿון דעם אידישען פֿאָלק איז דאָך אומבאַדינגט פֿאַרבונדען מיט ענגלאַנד׳ס שיקזאַל. דעריבער קומען די ענגלישע קאָנסערוואַטיווען צום שלום, אַז מען קאָן מיט די אידען טאָן וואָס מען וויל, ווייל זיי זיינען שוין לאַנג פֿון היטלער׳ן פֿאַראורטיילט צו זיין ענגלאַנד׳ס פֿריינד, צו זיי ווילען עס, צו ניט. אָבער די אַראַבער קאָנען דאָך יאָ סטראַשען מיט פּראָ־איטאַליעניש׳ער אָדער פּראָ־דייטשישער אָריענטאַציע אין פֿאַל פֿון אַן אויסברוך פֿון מלחמה. דאָס פּאָליטישע געוועהר פֿון „בלעקמיילינג” ליגט אין גאַנצען אין אַראַבישע הענט.

ענגלאַנד קאָן אָבער די אַראַבער ניט געטרויען, אידען — יאָ. די אַראַבער קאָנען היינט אָדער מאָרגען אויפגעהעצט ווערען פֿון אַנדערע מלוכות. מיט אידען קאָן דאָך אַזוינס ניט פּאַסירען. דאָס וואָס אידען זיינען אַ פֿאַרטרויענסווערטער עלעמענט, אויף וועמען ענגלאַנד קאָן זיך פֿאַרלאָזען, פֿאַרמאָגענדיג אַן אומגעהויערע טרייב קראַפֿט, סטימולירט פֿון אַ הויכען אידעאַל ווי אויך פֿון גרויסער נויט, וואָס איז אימשטאַנד צו באַלעבען דאָס לאַנד אויף אַ וואונדערליכען שטייגער, איז נאַטירליך פֿאַר ענגלאַנד אַן אומשעצבאַרער פֿאַרמעגען. נאָר, צום בעדויערען, לאָזט זי אונז דאָס ניט פֿיהלען. מיר אַליין ווייסען עס, און אין דעם איצטיגען קריטישען מאָמענט פֿאַר ארץ ישראל, דאַרפֿען מיר אויפֿפֿאָדערען ענגלאַנד׳ס אויפמערקזאַמקייט און אָנצייגען אויך אונזער שטאַרקייט.

אָבער קודם כל מוזען מיר, אידען, זיין אויפריכטיג מיט זיך אַליין, און מיט אַ שטאַרקען גלויבען אין אונזערע אייגענע קרעפֿטען, מוזען מיר מאָביליזירען אַזאַ מאַכט, וואָס זאָל ווערען דער טרייבקראַפֿט פֿון אונזערע מאָראַלישע פֿאָדערונגען, וועלכע זיינען נאָך היינט־צו־טאָג פֿאַרבליבען פֿאַר אונז אין דער פּאָליטישער וועלט. קיין אַנדער אויסוועג איז פֿאַר אונז ניטאָ. מיר דאַרפֿען נאָך געדענקען זעהר גוט דעם פֿאַקט, אַז ערשט מיט צוויי יאָהר צוריק, אין 1936, בשעת נורי־פּאַשאַ האָט באַזוכט ארץ ישראל, איז ענגלאַנד גרייט געווען אונז צו שטעלען די זעלבע בעדינגונגען, וועלכע זי וויל אונז איצט שטעלען. מיר אַלע ווייסען, אַז אין דער לעצטער מינוט האָבען דאָך גובר געווען אין דער בריטישער פּאָליטיק פֿיל מעהר ליבעראַלערע קרעפֿטען, און ענגלאַנד איז געווען געצוואונגען צו בייטען איהר טאַקטיק. עס איז דעריבער ניט אויסגעשלאָסען, אַז אַזוינס זאָל טאַקע געשעהן נאָך אַ מאָל.

אַזוי ווי די אידען אין אַמעריקאַ זיינען דער גרעסטער אידישער קבוץ אין אַ לאַנד אונטער אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג, מוזען מיר שיקען אַ פּראָטעסט צום פּרעזידענט רוזוועלט געגען די בייזע טענדענצען פֿון ענגלאַנד, און אויפֿפֿאָדערען די אַמעריקאַנער רעגירונג אַרויסצוצייגען איהר אינטערעס אין דעם ענג־

לישען מאנדאט אויף ארץ ישראל, אין דעם איצטיגען קריטישען מאמענט פאר דעם גאנצען איידשען פאלק. אין דער צייט פון פרעזידענט הארדינג, אין יאהר 1922, האבען ביידע הייזער פון קאנגרעס אנגענומען א רעזאלוציע, אין וועלכער זיי האבען ארויסגעצייגט זייער סימפאטישע שטעלונג צו א אידישער היימלאנד אין ארץ ישראל. דער ענגלישער אויסערן מיניסטער האט דאן פארזיכערט אמעריקא, אז ענגלאנד וועט שטענדיג לאזען וויסען אונזער רעגירונג אין פאראויס וועגען יעדער ענדערונג, וואס זי וועט וועלען אמאל מאכען אין דעם מאנדאט אויף ארץ ישראל. קאנען מיר דעריבער איצט מיט רעכט ערווארטען, אז אמעריקא זאל לאזען וויסען גרויס-בריטאניע וועגען דעם אמעריקאנער שטאנדפונקט, אין פארבינדונג מיט ענגלאנד'ס פלאן אריינצוברענגען ענדערונגען אין דעם מאנדאט.

מיט פולען צוטרוי צו אונזערע גרויסע אידישע פיהרער און פארשטעהער אין אמעריקא און צו דער ציוניסטישער דעלעגאציע, וועלכע איז אפגעפארען צום פרעזידענט רוזוועלט, ווערט געשטארקט מיין אייגענער גלויבען, אז די אידישע האפענונג צו דערגרייכען די געהעריגע ווירקונג פון אמעריקא אויף ענגלאנד וועט דאך ערפילט ווערען.

און קוקען מיר זיך צו צו דער אומערשעפליכער העלדישקייט, וואס דער אידישער ישוב האט ארויסגעצייגט אין דעם פעריאד פון אראבישען טעראר אין ארץ ישראל, באקומען מיר א געפיהל פון שטאלץ און אכטונג פאר אונזערע חלוצים. זיי פארטיידיגען ניט נאר זייער אייגענע האב און גוטס, נאר זיי באשיצען אויך די נאציאנאלע האפענונג פון דעם גאנצען אידישען פאלק אין גלות. זיי זיינען די אמת'ע העלדישע מארטירער פון דעם איצטיגען ביטערען אידישען גורל. דעריבער דארפען מיר, אין אמעריקא, זיך בעטראכטען פאר גלייכע שותפים אין דעם הייליגען קאמף, צוגלייך מיט זיי, און אויסשטרעקען דער מוטיגער ציוניסטישער פיהרערשאפט א ווארימע ברידערליכע האנט, מיטצוהעלפענדיג רעאליזירען דעם נויטיגען פינאנציעלען יעהרליכען בודזשעט. דאן קאנען מיר האפען, אז פונקט ווי אין יאהר 1917 וועט די אייזערנע וואנט פאר'ן ציוניזם זיך דאך פונאנדערוקען, איבער אונזער מחנה וועט ווידער אויפגעהן א שטראל פון ליכטיגער האפענונג, און מיר וועלען דערלעבען זעהן אונזער נצחון אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, ניט קוקענדיג אויף אלע אונזערע אפענע און פארשטעלטע שונאים, סיי פון אינווייניג, און סיי פון דרויסען.

דענווער, אקטאבער 1938.

יזכור

(צום יאָהרצייט)

„זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולתיך,
לכתך אחרי במדבר, בארץ לא זרועה . . . ”

דיר, מיין חנה׳לע, איז דיזער בוך געווידמעט — דיינע אייגענע שריפטען. מיט א געבויגענע קאָפּ לייג איך אַ קראַנץ פּערל אויף דיין פריהצייטיגען קבר. דיזע פּערל, וועלכע דו האָסט מיט אַ פולער האַנט געשאָנקען דיינע ליבע חברות און פריינט אויף די „עונג שבת” פאַרזאַמלונגען, טראַג איך דיר איצט צו, געשנירעוועט אין איין פּרעכטיגען קראַנץ, געהעפטעט אין איין בוך.

אין מיין פאָרשטעלונג זעה איך דיר אימער מיט דער פען אין האַנט, שרייבענדיג דיינע פאַרטראַגען אין אַ דערהויבענער שטימונג, אין אַ מין געטליכער אינספּיראַציע, וואָס קוועלט ארויס פון דיין טיפער גייסט־רייכער נשמה. אין מיינע אויערען קלינגט נאָך איצטער דיין מעלאָדישע שטימע, ווען דו לעזסט פאַר מיר אַ ניי־אָנגעשריבענע אָפּהאַנדלונג. דיזע שטימע פלעגט טיף אַריינדרינגען אין די הערצער פון דיינע צוהערער־פאַרעהרער. באַצויבערענד איז געוועזן דיין ליבע פערזענליכקייט; שעהן, דיין גייסטיגער וועזען, וועלכער האָט זיך טיף אָפּגעשפּיגעלט אין דיינע אויסדרוקספולע שווארצע אויגען.

ווער, וואָס איז נאָר געקומען אין באַריהרונג מיט דיר, האָט דיך ניט געליבט, געשעצט, און טייער געהאַלטען? דיין ליבע צום מין „מענש” פלעגט דאָך אימער קוועלען, ווי אַן אומערשעפּליכער קוואַל פון פרישע קרישטאַל־קלאָרע וואסער. האָט דען ווער ניט איז, בעשאַפען „בצלם אלקים”, ניט געקראָגען דיין טיף ערנסטען מיטגעפיהל און סימפּאַטיע? יעדער איינער פלעגט וועלען זיין האַרץ אויסגיסען פאַר דיר, דיין האַרץ האָט דאָך געבלוטיגט מיט יעדען אייגעמ׳ס ליידען. פאַלשקייט, האַס און אומגערעכטיגקייט זיינען דיר געוועזן פרעמד, אָפּשטויסענד. דער „מלאך השלום” האָבען דיר דיינע פריינט גערופען.

אימערצו האָסטו זיך אַרומגעטראָגען מיט טרוימען פון אַ ליכטיגען צוקונפט פאַר דיין פאָלק אויף זיין אייגען לאַנד. דו האָסט שטענדיג געהאָפט און גע־

גלויבט, דאָס עס וועלען נאָך קומען בעסערע צייטען פאַר דער גאַנצער מענשהייט, אַז ליכט וועט דאָך טריאומפירען איבער פינסטערניש, אַז קיין׳ס רציחות און אומזיסטע שנאה וועלען פאָלקאָם אַפּגעווישט ווערען פון אונזער זינדיגער ערד, און פאַרשטענדניש, ליבע, און אמת׳ע ברידערליכקייט וועלען בעשיינען די וועלט מיט אַ העל־פּרעכטיגען שיין. דו, שעהנע בלום, ביזט צו יונג אָפּגעריסען געוואָרען פון דעם צווייג פון לעבען.

איך געדענק דיר נאָך, חנה׳לע, אין דיינע יונגע צניעות׳דיג־מיידעלשע יאָהרען. קליין און אָרים איז געווען דיין צימערל, נידעריג דער באַלקען איבער׳ן קאָפּ, איין קליין פענסטערל. מעבל — אַ טיש, אַ בענקעל און אַ בעט. ליכטיג און ציכטיג איז דיין צימער שטענדיג געווען ,פול מיט אַ אינטימער אַטמאָספערע, רייך אין גייסט, צויבערדיג שעהן. יונגע געסט, חלוצים און חלוצות, זיינען דאָרט געווען שטענדיגע באַזוכער. דער צימער איז תמיד געווען פול מיט געזאַנג. דאָס אַרבייטס־ליד פון דעם חלוץ אין עמק, לידער וועגען די שעהנע בערג און טאָהלען פון יהודה און אין גליל, שירים פון בענקעניש און האָפענונג האָבען דאָרט שטענדיג אָפּגעהילכט מיט זייערע מעכטיגע קלאַנגען, און די לופט איז געווען פול מיט היציגע דיסקוסיעס און אינטערעסאַנטע דעבאַטען אויף פאַרשיידענע טהעמעס.

געטרייהייט און איבערגעבענהייט ביז מסירות נפש איז געווען דער קווינטעסענץ פון דיין ליכטיגען וועזען. דיין חסד מיט מיר ווי קאָן איך פאַרגעסען? ביזט געפאָהרען בליץ־שנעל איבער ימים און טייכען, איבער יבשה און וואַסער, שפּאַנענדיג טויזענטער מיילען, און געקומען צו מיר אין דעם ווייטען דרום־מערב, אין אַרגענטינע. כ׳וועל אימער געדענקען די פּאַלמען פון „פּאַלערמאָ״, „ראָזעדאַל״ מיט די בלומען, די קאָלאָניע „מאָזעסוויללע״ פון דעם „באַראָן״ מיט די אידישע ערד־אַרבייטער, וואו מיר האָבען צוזאַמען געטרוימט אונזערע יוגענט־חלומות.

ביזט געפאָהרען צו מיר אין די בערג פון קאָלאָראַדאָ, וואו מעכטיגע ריזען־שפּיצען שפּאַרען אָן די הימלען מיט זייערע שניי־ווייסע קיטלען. אין אַ פרעמד ווייט לאַנד האָסטו זיך געלאָזט געהן, וואו מיר האָבען ניט געהאַט קיין קרוב, קיין גואל, קיין פריינד און באַקאַנטען, אימער געטריי און פול מיט בטחון.

איך שטעל דיר, חנה׳לע, אין מיין הארצען אַ דענקמאָל פון ליבע און הויכשעצונג. שלאָף רוהיג, און חלום דיין חלום, און וועב ווייטער דיין ליכטיגען טרוים וועגען אַ פריי, גליקליך פאָלק אין לאַנד פון זיינע אבות.

מנחם בן מתתיהו ברעסלאו

דענווער, ה׳ אדר שני, ה׳ת״ש. — March 15, 1940.

Quality Printing & Publishing Co.
1714 Chestnut St., St. Louis, Mo.